און ס'איז אים וויינוק דאס בלויזע שילדערן די קאלירוקע בילדער, ער האלט אין איין ארויסברענגען זיין עקסטאז, זיין באוואונדערונג, זיין פארגאפונג פון דעם, וואס ער גופא מאלט און שילדערט מיט אזא רחבותדיקער שפע. און אלץ ווערט באוויזן אין ראשיקע פארבן, אין איבערטריבענע מעטאפארן, אין פארגרעסערטע מאסן. און ער, ברוך, איז שטענדיק א שותף, א מיטשותף צו דעם אלעם: "איך האב די מי פארזוכט און טראג א הארץ מיט פייער-פרייד באלאדן!"

און דער "שיר-השירים", דער געזאנג צו מארוסיען! און דער פרעכטיקער געמיש פון דעם יידישן און נישט-יידישן אין וואלין און ביי דער דווינע. אלץ נייע, פרעכטיקע און וויניק-גענוצטע בילדער, שילדערונגען, אימאזשן!

דערנאך האט דער יונגער ברוך אליצקי געוואנדערט, ווי א יידישער לערער, געוואנדערט פון זיין וואלינישן שטעטל טריסק קיין ווארשע, ווילנע, דרויע, מעזריטש, זשעטל, יאגעלינע און געזונגען לידער, געדיכטעט געזאנגען מיט פולער שטימע, פון ברייטן הארצן צו דער נאטור, צו טייכן, צו וועלדער און פעלדער, צו פויערן און שיקסעס, צו זייער פרייד און לייד, און אויך צו זיך גופא, צו זיינס גלייכן.

און פונקט ווי ער האט געשריבן אדעס, געזונגען ליבע-און לויב-געזאנגען צו די פויערן, צו די שיקסעס און ארויסגעשלאגן פון זיך טעמפעראמענטפולע, התלהבותדיקע געזאנגען, אזוי האט ער שפעטער, ווען געווארן א ביסל "סטאטעטשנער" און באזאכטער און באטראכטער, פארפאסט מיט דער צייט לידער צו די אייגענע צו אים דיכטער, פרץ, יהואש, וויינפער, פון וועלכע ער איז, משמעות, געווען באאיינפלוסט און צו וועלכע ער האט געפילט א ספעציעלע נאענטקייט.

ברוך אליצקי זאגט אין זיין ליד "יצחק לייבוש פרץ":

דו ביסט געווען געגליכן צו א פארביקן לאמטערן
און אנגעוויזן אונדז מיט אור-הגנוז פון א בלאנדזשענדיקן ניגון,
וועלכער זוכט א תיקון,
פון טרויעריקע דריי מתנות און פון תמידיקן קלערן,
וואס לאזט זיך נישט פארצערן און דערשטיקן.

דער דיכטער האט זיך א שיין ביסל געענדערט אין די שפעטערדיקע יארן. ער פארבייט זיין אייגן וואלייניש שטעטל, זיין וואליינישן פויער אויף די גרוי-טרויעריקע, הארט-הארבע ערטער ביי דער דווינע, ארום ווילנע, און ווי אנדערש עס זענען דעריבער דיינע נייע גרויטרויעריקע לידער "ביי דער דווינע", פון זיינע האפערדיקע פריערדיקע לידער-סאנעטן צום וואלינער פויער, צו מארוסיען, דער וואלינער שיקסע.

ווי ענלעך זיי זענען נישט די לידער און פאעמעס לויט זייער פארעם, אבער ווי אנדערש זיי זענען מיט זייער געמיט-צושטאנד, מיט זייער אינהאלט.

אין 1930 האבן מיר אין די "ליטעראַרישע בלעטער" ברוך אליצקיס א קורצע כאראקטעריסטיק וועגן זיך:

"מיין צוגאנג צו דיכטונג: אלץ וואס שמעקט מיט ערד איז געזאנג, און אל דאס איבעריקע איז פאר מיר ווי פליענדיק שפינוועבס אין א זוניקן טאג. ס'איז שיין, אבער נישט מער ווי שפינוועבס. דעם אמת געזאגט, האב איך אליין געגוג פליענדיק שפינוועבס".

און ווייטער: "אלץ שטארבט און פארגייט, בלויז די ערד איז געווען די אייביקייט און וועט זיין די אייביקייט... - - איך האב פיינט בתכלית השנאה די שטאט. איך האס די פילשטאקיקע מויערן, ווייל פון הינטער זיי הער איך דעם וויינענדיקן פראטעסט פון געוויקסן, וואס דערלעבן נישט צו לעבן..."

און לסוף גיט צו ברוך אליצקי צוויי טשעקאווע שורהלעך, וואס זענען זייער כאראקטעריסטיש פארן האפערדיקן און אנגרייפערישן דיכטער, וועמען מ'האט פירגעווארפן, אז ער געפינט זיך אונטער דעם באזונדערן איינפלוס פון פרץ מארקיש: "וואס שייך דער פארעם -- זאגט ער -- האט מארקיש געלייגט אויף מיר זיין חותם. איך קלער אבער, אז מיינע לידער זענען געפרעסטער".

מיט א יאר שפעטער, אין 1934, דרוקט ברוך אליצקי אפ א ליד אין די "ליט.בלעטער" מיטן נאמען "איך ווארשע", וואס גיט אונדז איבער, ווי דער וואליניש-טריסקער פאעט פילט זיך אומהיימלעך אין דער גרויסער שטאט. אנשטאט די פריערדיקע ברייט-שורהדיקע, בדייט-אטעמדיקע שורות, האבן מיר איצט אפגעהאקטע, קורץ-אטעמדיקע שורהלעך, אין וועלכע ס'פילט זיך שטארקע אומצופרידנקייט און צערייצטקייט.

אין די שטאט-לידער האבן מיר דעם בונט, דעם פראטעסט פון א יעסעניך קעגן דער שטאט, דעם בונט און פראטעסט, וואס רייסט זיך ארויס ביים דיכטער, דעם דארפסיונג. יעדנפאלס, אויב מארקיש האט געהאט קרובהשאפט

צו מאיאקאווסקין, האט ב. אליצקי געהאט מער נאענטקייט מיט יעסענינען. עס איז דער אונטערשייד פון שטאט און דארף, פון סאציאל-פאליטישער טעמאטיק און נאטור-שילדערישן און לירישן שטאף.

פון זאטן וואלין צו דער ארעמער ליטע – דאס איז געווען דער גאנג פון ברוך אליצקי אין לעבן און אויך דער גאנג פון זיין יונגער דיכטונג, וואס איז שטענדיק געווען די טרייע באגלייטערין פונעם דיכטער.

אים קומט אויס שפעטער צו לעבן און צו "קנעלן" אין דער פאראעמטער ווילנער ליטע, אין ליטווישע און ווייסרוסישע פארחושכטע שטעטלעך. און ווי אנדערש עס זעט אויס זיין ליד "פרילינג" (1937), סאר א טיף-טרויעריקע מאטיוון, וואס זענען פארבונדן מיט דער ארומיקער ארעמער לאנדשאפט און דערדריקטער סביבה!

אט א פאר שורות:

עס גייען דיר אנטקעגן שטעטלך ווייסרוסישע אצינד מיט
עמער ליידיקע ביז דנא.
אויף גרעבליעס שטייגט די ארבעטסלאזיקייט, ווי ברוידיקער
געוויטער מיט פינע אויפן מחיל.
ביי פריזבעס וואקסן הונגעריקע קינדערלעך, ווי קוסטעס
קראפיווע מיט בריענישׁ אין הויט.
און שפיצלען נעסטיקן זיך איינעט, ווי לישייעס און ווי
ווערעם טונקעלע, קלעפיקע אין וואנט און ביי קלאזעט.

און אויב דער ארום גיט נישט קיין פרייד, קיין אויפלויכטונג, אויב אלץ פרעסט און דריקט דאס געמיט, לויכטן אבער אפט אויף ביין יונגען דיכטער העל-מונטערע און טיפע זעאונגען-געזאנגען, וואס קומען פון אינעווייניקסטער אידעישער שפע, פון אייגענער גייסטיקער עשירות. דער דיכטער האט געגעבן טיפע לידער, געזאנגען, ווי "דער טרעגער", "יהואש", אוף לסוף –– "פרץ", וואס ער האט אויסגעדיכטעט די לעצטע פאר יאר פון זיין קורץ און יונג-פארשניטענעם לעבן.

ערגעץ-ווו האבן די דייטשן אים פארפייניקט צוזאמען מיט די אלע אנדערע יידן פון וואלין, ליטע, ווייסרוסלאנד "ולא ידע איש את קבורתו".

מאטעס אליצקי

לידער
צו מיין ברודער ברוך

נישט די זון
האט יענעם טאג צעלייגט אין דיין געמיט
א גרויסע שרפה,
ווי א וונד --
דאס האט דיין שטעטעלע געברענט.

נישט קיין כמארעס
האבן דיין געזיכט געהילט
פון בושה,
ווי באנדאזשן --
דאס זענען רויכן פון דיין שטוב געווען.

נישט די נאכט
איז אין דיין אויג געלעגן דאן
מיט פינצטערניש,
ווי טיפע גריבער --
דאס האט אויף דיר דער קברים-ראוו געקוקט.

* * *

דו האסט געזאגט צו דיינע שילער:
עס האט אייך אפגענארט די שול.
דער וואלד איז מיט געוויינען פול
און נישט מיט לידער.
עס שרייען נישט די בארוועסע קוקאווקעס
צו דער זון --

דאס יאמערן געשאכטענע די ברידער,
און ס'האווקען
הפקרדיקע יעגער-הינט.
א רויט געוועש צעהאנגען האט דער ווינט
פון זעקעלעך
און קינדערישע העמדער --
און נישט קיין וואלקנס איינגענעצט אין שקיעה.



פרעגן דיך די שילער: איז דאס, לערער, וואר,
אז די ביימער בליען אויכעט היינטיקס יאר,
אז מיט זיסן האניק שמעקט דער ווייסער צוויט –
נאר ביי אונדז אין געטא וואקסט קיין גרעזל ניט?

זאגסטו: טאקע. דאס איז ריינע וואר.
אפגעוועלקטע גראזן זענען קינדערס האר.

פרעגן דיך די שילער: איז דאס, לערער, אמת:
עס זענען בלומען דא, וואס הייסן כריזאנטעמעס,
און זיי זענען צארט --
מיר האבן לאנג אויף זיי געווארט.

זאגסטו: אמת, טייערינקע. אמת.
קינדערס בלייכע בעקלעך זענען כריזאנטעמעס.


פרעגן דיך די שילער: איז דאס, לערער, ריכטיק,
אז אויף י ע נ ע ר זייט איז דער טאג נאך ליכטיק,
און די פייגל שוועבן אין דער הייסער זון? --
עס האט זיך היינט ביי נאכט געחלומט אונדז דערפון.

זאגסטו: ריכטיק. – און ביי קינדער ווערן
דלאניעס ווי די פייגל, וועלכע טרינקען טרערן.


VERA 75

שירים לאחי ברוך

מאטעס אוליצקי



לא השמש
שהעלתה בך ביום ההוא
בערה גדולה
כפצע –
זו עיירה שלך, אשר דלקה.

לא עננים
אשר כסו – הליטו עור פניך
מבושה
כתחבושות –
זה העשן שמביתך עלה.

לא הליל
אשר עמד אז בעיניך
מחשיך
כתהום-בורות –
זו תעלת-קברים, שהסתכלה בך.

לתלמידים שלך אמרת:
בית-הספר, הוא רפה אותכם.
יערות מלאים קול בכי
ולא בשיר ובזמרה:
לא הקוקיות היתמות, אשר צורחות
מול פני השמש –
זה ילל-אחים טבוחים-שרופים
ונביחת-הפקר
של כלבי הציד.
הבכיה החמוצה תלתה הרוח,
משקיות
וכתנות של ילדים –
ולא עבים אשר טבלו בנגה השקיעה.

שואלים אותך התלמידים: מורנו, האמנם
גם השנה עומדים עצים בלבלובם?
גם השנה מריחה פריחה בריח-דבש
ורק בגטו כאן הכל יבש כקש?
אומר אתה: אמת, נכון הוא, חמודים.
עשבים נובלים הם שערות של ילדים.

וְשׁוֹאֲלִים הַתַּלְמִידִים: הַנְּכוֹנוֹת הֵן הַשְּׁמוּעוֹת
שֶׁבְּצִדֵּי-דְּרָכִים יֵשׁ עוֹד מַרְגָּנִיּוֹת,
פְּרָחִים יָפִים כָּל-כָּךְ וַעֲדִינִים –
וַאֲנַחְנוּ כָּאן לָהֶם מַה-מַּמְתִּינִים...
אוֹמֵר אַתָּה: אֱמֶת, וְכֹל זֶה לִהְיוֹת
לְחַיֵּיכֶם חוֹרוֹת כְּמוֹ מַרְגָּנִיּוֹת.

וְשׁוֹאֲלִים הַתַּלְמִידִים: מוֹרֵנוּ, הַאִם זֶה חָלוֹם
שֶׁבְּעֵבֶר מִזֶּה מֵאִיר עוֹד אוֹר הַיּוֹם
וְצִפֳּרִים עָפוֹת-פּוֹרְחוֹת בֵּין קַרְנֵי-הַשֶּׁמֶשׁ?
כָּל אֵלֶּה בַּחֲלוֹם רָאִינוּ אֶמֶשׁ.
אוֹמֵר אַתָּה: נָכוֹן. וְכַפּוֹת הַיְּלָדִים נָעוֹת
כְּצִפֳּרִים אֲשֶׁר בּוֹלְעוֹת דְּמָעוֹת.

(תרגם: נ. לִיבְנֶה)

י.י. וואהל

וועגן חסידישע ספרים מעשיות און שבחים

זוי טענהט דער געערטער ש. ניגער.

א זאל זשע מיר דערלויבט זיין צו ענטפערן דעם געערטן קריטיקער און אויף וויפל עס איז מעגלעך צו לעזן די פראגע וועגן דער פריאריטעט פון די טעקסטן (ס׳האנדלט זיך וועגן ר׳ נחמן בו׳אצלאוורס העברעישע מעשיות אין העברעיש און יידיש-רעד.), אויף דעם גרונד פון מיין פערזענלעכער דערפארונג. פאר איין וועגס דענק איך אויך אפקילן דעם אומבאדינגטן גלויבן אין די רעדע-ארטן און באהויפטונגען פון די אלע מעשיות-און-שבחים-שרייבער, וועלכע דערשיינען פאר אונדז תמיד אין דעם לבוש פון "גרויסע תלמידים און מקורבים" פון די גרינדער פון דער חסידות.

איך האב געהאט די מעגלעכקייט שטיין גאנץ נאענט, אויב נישט ביים רודער, צו איינער פון די לאבאראטאריעס, ווו פארשידענע תורות, מעשיות, דברי מוסר און גלייכווערטלעך האבן זיך צעשמאלצן, דורכגעלייטערט און זענען מאנכע מאל ארויס אין א בוך-פארעם, אדער גאר אין כתבי-יד, אין מאנוסקריפטן און זיך צעשפרייט אין טויזנטער קאפיעס אויף דער וועלט. מיינע יונגע יארן זענען דורכגעגאנגען אונטער די שאטנס פון איינעם פון די שענסטע און איינפלוסרייכסטע הויפן פון דער טשערנאבעלער דינאסטיע - אין הויף פון דעם טריסקער רבין ר׳ אברהמעלע, ר׳ מרדכילע טשערנאבילערס זון - א הויכע פערזענלעכקייט, א פירער פון צענטליקער טויזנטער חסידים, דער מחבר פון דעם ספר "מגן אברהם", וועגן וועלכן עס האבן צירקולירט, נאך פאר זיין לעבן, אלערליי לעגענדעס און מעשיות. אין טריסקער הויף האב איך זיך נאענטער באקענט מיט די מעטאדן פון קאמפעלירן רביישע ספרים און צונויפשטעלן מעשיות און שבחים.

נעמען די גרויסע פירער פון דער חסידות אן אוממיטלבארן אנטייל אין דעם מחבר-זיין פון זייערע אייגענע ספרים? די פראגע שיינט אפשר לעכערלעך אין שייכות צו די פיל ספרי-מחקר, פלפול און אויך ספרי-חסידות, וואס באשיינען די פאליצעס פון אונדזערע ביבליאטעקן. דארף מען אבער געדענקען, אז אונדזערע מחברים פון דעם רבנישן לאגער, איידער זיי פארעפנטלעכן זייער חבור, פיילן זיי יעדעס ווארט, פאלירן יעדן אויסדרוק און באלייכטן יעדן זאץ מיט דעם שיין פון זייער לאגיק. זיי פארגעסן נישט די קלארע ווערטער פון

דעם רמב"ם (אבות א - י"א) "ולא יהא בדבריכם מקום שיסבול פרוש אחר",
ד.ה. עס זאל נישט זיין אין אייערע רייד אומקלארקייט און
צווײדײטיקײט. זיי פארלאזן זיך נישט אויף פרעמדע הענט. האבן דאס
געטאן אויך די פארשטייער פון דער חסידות? נאך מיין פערזענלעכער
באאבאכטונג אין טריסקער הויף און נאך מיינע ידיעות וועגן אנדערע
הויפן - קען איך מיט א ריינעם געוויסן ענטפערן - ניין ! - די רביים
האבן זיך נישט אינטערעסירט מיט דעם זאמלען פון זייערע תורות - און
נישט צוליב נאכלעסיקייט ח"ו. זיי זענען כמעט אלע געווען פאר תורה-
שבעל-פה, פאר מ י נ ד ל ע ך לערנען, פון מ ו י ל צ ו מ ו י ל ,
פון ה א ר ץ צ ו ה א ר ץ. שבת ביי טישן האבן זיי געזאגט
תורה. "זאגן תורה" - איז א ריין חסידישער אויסדרוק, וואס איז אריין
אין אונדזער לעקסיקאן אין דער עפאכע פון חסידות. תורה האבן זיי
געזאגט על-פי "התערותא דלעילא", עקספראמפט, נישט צוגרייטנדיק זיך.
אזוי האבן זיי ליב געהאט אויך מעשיות צו דערציילן, שיינע, פאעטיש-
מיסטישע, באפערלטע און באצירטע מיט אלע פארבן פון זייער רייכער
פאנטאזיע.

ר' נחמיה בונים, איינער פון דעם טריסקערס מקורבים, א טיפער
פילאזאפיש-באלעזענער ייד, רב נוח פאריצקערס, דעם מבאר פון דעם מהרם-
שיף'ס אן איינ יקל, האט מיר איבערדערציילט א פאר מעשיות פון דעם
טריסקער, וואס ער האט פערזענלעך געהערט מפיו הקדוש - פארבנרייכע
מעשיות, צעניויפגעוועבטע פון הימל, ערד און שטערן און באהויכטע מיט
אלע ריחות פון דער זאנפטער וואלינער נאטור. מיט אן אומגעוויינלעכער
שפאנונג האב איך געהערט די מעשיות, כאטש איך בין שוין צו יענער צייט
געווען "געכאפט" און האב שטילערהייט געלייענט פושקין און דעם "חטאת
נעורים".

און באזונדערע אויסדערוויילטע טעג האבן די צדיקים געהאט פאר זייערע
מעשיות: דער טריסקער א שטייגער - תשעה-באב און שמיני-עצרת, דער
טאלנער - אנדערע טעג אז"וו. דעמלט פלעגן זיך צעניויפנעמען זייערע
מקורבים אין א באזונדער חדר, דער רבי האט ארומגעשפאצירט מיט גיכע
טריט, זיין קול האט געפליסט מיט ווייכקייט און דבקותדיקייט, צארטע
פעדעם האבן זיך געוועבט, און בילדער זענען אויפגעשפרונגען און
אנגעפילט דעם רוים. אייניקע מקורבים פלעגן זיך נוהג זיין פארשרייבן
אויך די מעשיות אזוי ווי די תורות, אין לשון-קודש פון יענער צייט -
אין א מיש-מאש פון "בארבאריזמען", טאפל-ווערטער, ווי צ.ב. חנות-
אוכל שקורין באקאליי, ברעקלעך-פתותים, מבצר-שלאס, מלון-קרעטשמע,
אא"וו. - צווילינג-ווערטער, וועלכע האבן געבראכט ש. ניגער צו זיין
באהויפטונג, אז די מעשיות פון רב נחמן בראצלאווער זענען
אורשפרינגלעך געשריבן געווארן דווקא אין יידיש, נאר דערנאך
איבערגעזעצט געווארן אין העברעיש. אזוינע מעשיות אין אזא לשון-
קודש-שפראך האבן צירקולירט פון דעם "אלטן ניסכיזשער", און אייניגע
פון די קאפיעס האב איך אליין געלייענט בכתב-יד אין מיין יוגנט.

חוץ די פרייוויליקע קאפירער, האט יעדער הויף פארמאגט א מין
אפיציעלן שרייבער, דעם אזוי גערופענעם "הויפישן כתבא-רבא",
וועלכער פלעגט פארצייכענען, אפט מיט אן אייגנגנוציקער כוונה, אלץ
וואס איז ארויסגעגאנגען "מפיו הקדוש". וואס מער דער שרייבער איז

געווען באגאבט מיט א רייכערער פאנטאזיע און געשיקט אין דער העברעישער שפראך – אלץ מער פארביקער זענען ארויס די מעשיות, און אפילו די תורות זענען געווען מער באפוצט און באמליצהט. די איינלייטונגען און הקדמות זענען תמיד געשריבן געווארן אין א הויכן סטיל, ווו אויף יעדן טריט באגעגנט מען די אויסדרוקן: "כך שמעתי מפיו הקדוש", "כבוד קדושתו הסכים" אא"וו.

ב אמת, האבן די רביים קיין מאל נישט געלייענט און נישט קארעגירט זייערע תורות, אדער מעשיות, וואן, ווי געזאגט, האבן די פירער פון דעם חסידות, אין קעגנזאץ צו די רבנים. ווייניק געהאלטן פון "ספרים-מאכן" און תמיד מוחל געווען דעם "כבוד מחברים". מערסטנטייל זענען זייערע ספרים פארעפנטלעכט געווארן ביי באזונדערע אומשטענדן, אן זייער וויסן. אדער נאך זייער פטירה.

נעמט צ.ב. דאס ספר "מגן אברהם" פון דעם טריסקער מגיד. לויט איך געדענק קלאר, האט רב אברהמעלע גאר נישט געוווסט פון דער ארויסגעבונג פון זיין ספר: ער איז דעמלט געווען קראנק און נישט ביים קלארן געדאנק. מיט דעם גאנצן עניין האט זיך פארנומען זיין טאכטער מלכהניו, וועלכע האט זיך געניייטיקט אין געלט חתונה צו מאכן א טאכטער. מע האט אנגעהויבן צענויפזוכן דעם רבינס תורות. קאפיעס האבן זיך געפונען ביי איניקע חסידים, נאר אויסגענוצט האט מען ספעציעל די קאפיע פון דעם הויף-כתבא-רבא רב משהלע, דער צעטל-שרייבער, אלס די מער קארעקטע און בארעכטיקטע. די צענויפשטעלונג פון די תורות און די הגהה איז איבערגעגעבן געווארן איינעם, פנחס דובענקער, א יונגער מאן א משכיל, א שטיק מאטעמאטיקער, וועלכער איז געשטאנען אין א געהיימען פארבאנד מיט די משכילים פונעם שטעטל, – אזוי, אז פאקטיש איז די גאנצע ארבעט געווען אונטער דער קאנטראל פון די משכילים.

נאך איצט, נאך עטלעכע און דרייסיק יאר, געדענק איך די הייסע ויכוחים איבער דעם נאמען פון דעם ספר. "מגן אברהם"איז אנגענומען געווארן, דאכט זיך, דערפאר, ווייל רב דודל טאלנערס (דעם טריסקער מגידס ברודער) ספר הייסט "מגן דוד" – און כדי צו באטאנען, אז די טשערנאבילער ליניע האט אונדז געליפערט צוויי גרויסע מגינים (שיצערס), וועלכע זענען געשטאנען אויף דער וואך פון דעםחסידישן יידנטום אין אוקריינע. אויך האט מען דערביי אין זין געהאט די צוויי בארימטע מפרשים פון דעם "בית-יוסף-ט"ז" – מגן-דוד און מגן-אברהם. שפעטער האבן די הויף-לצים זיך געוויצלט: מילא, מגן-דוד און מגן-אברהם – זייער שיין; ווו-זשע איז דאס פנים?...

אז מען איז פארטיק געווארן מיטן נאמען פון ספר, איז אויפגעשוווימען די פראגע פון דער הקדמה. דער אלטער מגיד האט דערלעבט זיינע לעצטע טעג – אבער ער האט דאך געלעבט, און עס וואלט בעסער געווען פאר דער אויסגאבע, אז די הקדמה זאל זיין זיינע, מיט דעם ספעציפישן צושריפט "כה דברי המעתיר אא"וו. און מיט אייגענער חתימה. נאר דעם רבינס געזונטצושטאנד האט געמאכט דאס אוממעגלעך. האט מען געפונען אין טריסקער הויף א גרויסן בריה אין חסידישן סטיל און ארט שרייבן, איינעם אפרים מלמד, און ער האט אנגשריבן די הקדמה מיט אלע נייטיקע

אייגנארטן און חסידישע דריידלעך -און אלץ איז געווען פארטיק. און אזוי איז פארענפנטלעכט געווארן דאס ספר "מגן אברהם" פון רב אברהמעלע טריסקער - איינער פון די זיילן פון דער "טשערנאבילער ליניע".

לויט מיינע ידיעות איז דער ספר נישט געווען דער איינציקער פון דעם סארט: כמעט די מערהייט פון אזוינע ספרים זענען צונויפגעשטעלט געווארן אויף אזאן אופן און ביי ענלעכע אומשטענדן.

די מעשיות, שבחים און מנהגים - זיי זענען שוין געשאפן געווארן "מחוץ לעזרה" - אויסער דעם רבינס הויף און אן וועלכער עס איז באטייליקונג מצד דעם רבינס משפחה. אפגעקומענע גבאים, אדער אזוי גערופענע מקורבים, וועלכע זענען נאך דער פטירה פונעם רבין פארבליבן אן יעדע שטיצע און הילף, האבן זיך דאס ערשטע גענומען צום ארויסגעבן פון זיינע מעשיות און שבחים און זייער פארשפרייטונג צווישן זיינע חסידים, געדענקענדיק דערביי אפט דעם אומגעוויינטלעכן דערפאלג, וואס די "שבחי בעש"ט" האבן אין זייער צייט געהאט און וויפל אויסגאבעס זיי האבן אויסגעהאלטן. איבערהויפט האבן די מקורבים דאס אויסגענוצט, ווען דער רבי האט נישט איבערגעלאזט קיין ממלא-מקומו, וועלכער זאל איבערנעמען די גאנצע פירונג מיט אלע גבאים און מקורבים, ווי עס האט זיך פראקטיצירט אין אלע הויפן.

אזוי איז מערסטנטייל אנטשטאנען און פארעפנטלעכט געווארן די חסידישע און רביישע ספרים, מנהגים, שבחים און מעשיות.

י.י. וואהל

עקב יוסף וואהל נולד בטריסק בפסח, תר"ל. גדל על ברכי החסידות ותורת הקבלה. בנערותו התחיל משתלם בסתר בידיעת לשונות וספרות. בהמשך הזמן, אגב נדודים וטלטולים על פני ערי רוסיה הדרומית, הוסיף ללמוד ולקנות דעת. בעיר באקו סיים בית-ספר תיכון והמשיך למודיו במכללה. בשנת תרנ"ג נשא אשה ועבר לגור בעיר נובוגרד ווהלינסק, עיר-מגוריו של מ.ז. פייערברג. שם היה לראש חבורת המשכילים שהתגודדה מסביב לסופר הצעיר החולה. כעבור זמן-מה יסד ועמד בראש בית-ספר עברי בזוויהיל. קודם לכן הורה בקובל (בביה"ס הידוע "משכיל אל דל"), בז'יטומיר , בקיוב. בבאקו, לימד בבית-ספר עברי מיסודו הוא. בשנת 1920 בא לארה"ב ונכנס להוראה עברית, תחילה בבוסטון, ואחר בבתי-ספר שונים בניו-יורק, ביניהם בית המדרש למורות, בהם לימד עד סוף ימיו.

את עבודתו הספרותית החל ב"המליץ" וב"הצפירה" במאמרים בעניני ספרות ובשאלות הזמן ומאז היה משתתף בכל כתבי-העת העבריים של התקופה: "השלוח", "לוח אחיאסף", "הצופה", "הוורשאי", "הזמן" ו"העולם" הווילנאי. בארה"ב - ב"הדואר", "ספר השנה ליהודי האידי". כינוייו הספרותיים: רב משה, וואלינסקי, ועוד.

נפטר ב-1 ניסן תש"ד, בעוד הוא עוסק בכינוס כתביו לדפוס.

אברהם עפשטיין

י. וואהל האט אנגעהויבן זיין שרייבערישע קאריערע אין אן איבערגאנגסצייט, ווען די השכלה-אידעאלאגיע האט באנקראטירט און געבליבן אן א קאנקרעטן יסוד אין לעבן, און דער נאציאנאלער געדאנק האט ערשט געהאלטן אין פארמירן זיך. ס'איז געווען א געראנגל פון אידעען און געפילן. אומבאשטימטקייט און ראמאנטישער אידעאליזם האט געהערשט אין דער ליטעראטור. דריי גרויסע שריפטשטעלער האבן דעמלט דאמינירט איבער די מוחות און הערצער פון דער יוגנט. בערדיטשעווסקי, וואס האט געפאדערט אן איבערשאצונג פון די אלטע ווערטן און גערופן צו וועלטלעכקייט; אחד-העם, וואס האט געזען דעם אייביקן מקור פון יידישער באנייונג אין "מוסר-היהדות"; און פייערבערג, דער טראגישער, יונג-פארשטארבערנער דיכטער, וואס האט זיך געצאפלט און געווארפן צווישן "יהדות" און "אנושיות", און וואס האט די צעריסנקייט פון זיין דור, קינסטלעריש אויסגעדריקט אין זיין באריםטער נאוועלע "לאן". וואהל האט איינגעזאפט די אלע שטימונגען צוזאמען. ווי בערדיטשעווסקי, איז ער געווען גענייגט צו זוכן שיינקייט אויסער דעם יידישן תחום. אים האט געצויגן דער גרויסער פארנעם, די רייכע פאנאראמע און די ברייט-מענטשלעכע אידעען פון דער וועלט-ליטעראטור. אבער אין זיין צוגאנג צו דער לעצטער האט ער מיינסטנס אנגעווענדעט נישט די אייראפעאישע עסטעטישע קריטעריע, נאר, אין גייסט פון אחד-העם און פייערבערג, דעם זיין יידיש-עטישן פרינציפ. שיינקייט איז ביי אים - מאראלישע שיינקייט.

צום מערסטן אבער איז ער געווען באאיינפלוסט פון פייערבערגן, ער איז געווען זיין נאענטסטער חבר און געטרייסטער תלמיד, מיטארבעטער און מיטהעלפער. ער און זעצער און טשעסקיס זענען געווען, אונטער פייערבערגס פירערשאפט, די טרעגער און פארשפרייטער פון השכלה אין זייער שטעטל זוויהיל. וואהל איז געווען דער געטרייסטער. ער איז געבליבן אונטער פייערבערגס השפעה ביז די לעצטע טעג.

וואהל האט ער דורכגעמאכט א סך עטאפן אין זיין גייסטיקער און ליטעראַרישער אנטוויקלונג. ער האט געשריבן אויף פארשיידענע טעמעס אין העברעיש, רוסיש און יידיש. און ס'איז א מהלך רב פון זיינע ערשטע פרוון ביז זיינע עסייען איבער שניצלער, פויכטוואנגער, מאקס בראד און אנדערע. דאך אין אלע זיינע שריפטן פילט זיך דער רושם פון די ערשטע יארן – די השפעה פון פייערבערגן. ס'דריקט זיך אויס אין דעם סוביעקטיוו-ווארעמען טאן, געהויבענעם סטיל, טיפן ערנסט און, דערהויפט, אינעם ראמאנטישן אידעאליזם. אויך וואהל קעמפט מיט די "צללים" (שאטנס) פון דער וועלט.

אין זיין קורצער פאעטישער הקדמה (צו זיין בוך "בשתי רשויות") גיט ער א סך-הכל פון זיין ארבעט און לעבנס-געפיל:

"די שאטנס, וואס האבן מיך באגלייט אין מיינע וואנדערונגען איבער די ברייטקייטן פון דער וועלט-ליטעראטור, האבן זיך געמערט און געשפרייט און פארטריבן די איינצלנע ליכט-פלעקן, וואס האבן געשיינט און געוווּנקען פון ווייטן... כ'האב געזוכט תיקונים פאר דער צעריסענער און צעשטערטער וועלט און נישט געפונען... געטריבן פון דארשט צום לעבן, פול מיט פארלאנגען און חלומות, האב איך געביטן מיינע אידעאלן, נישט בודק געווען זייער ווערט און נישט אריינגעדרונגען אין זייער תוך. און דאן האט זיך באוויזן צווישן אונדז א יונגער דיכטער מיט א בלייך געזיכט, טיפע אויגן און א ווייכן בליק. ער האט אונדז באצויבערט מיט זיין גייסטיקער שיינקייט, מיט זיין גלויבן אין אלץ וואס איז ריין און דערהויבן. ער האט געוועקט אין אונדז הויכע געפילן, גערופן צו קדושה, צו ריינער מענטשלעכקייט... ער האט אונדז געווארנט קעגן פשרות, געפאדערט אמת און שלמות אין אונדזער טאן און שאפן... דער קראנקער דיכטער איז געשטארבן פאר דער צייט, די תלמידים האבן זיך צעשיידט און אוועק אויף זייטיקע וועגן. נאר א קליינער טייל האט אפגעהיט מיט פארצווייפלטער עקשנות דעם רבינס ירושה. צו שלמות אבער זענען מיר נישט דערגאנגען... און די שאטנס ווערן אלץ געדיכטער און לענגער און שווערער... דאס איז די געשיכטע פון א גוססדיקן דור, א דור וויזיאנערן און בעלי-חלומות. דער חלום איז איבערגעריסן, געווארן אין מיטן" ("מוידויו של סופר" – א שרייבערס ווידוי).

די ווערטער האט ער געשריבן אין א צושטאנד פון שוואכקייט און פארצווייפלונג. ס'איז אים אויסגעקומען צו ארבעטן אין אמעריקע אונטער שווערע און באליידיקנדיקע באדינגונגען (אלס לערער אין א תלמוד-תורה), נישט האבנדיק די מעגלעכקייט אויסצונוצן זיין אייראפעישע בילדונג און ברייטע ידיעות. דאס האט גורם געווען ער זאל נישט פארנעמען דעם געהעריקן פלאץ אין דער העברעישער ליטעראטור, וואס צו אים איז ער געווען ראוי לויט זיינע פארדינסטן. און דערמיט, אפשר, דערקלערט זיך דער פאקט, וואס וואהל איז געווען גענייגט צו זוכן מער דאס ווייטע און אומבאקאנטע. זיינע ארטיקלען זענען מערסטנס איבער שרייבער פון פארגאנגענעם דור, אדער פון דער ווייטער וועלט, אויסמיידנדיק די יונגע העברעישע און יידישע ליטעראטור, וואס האט זיך צעבליט אין אמעריקע און אין ארץ-ישראל.

אין אלץ, וואס וואהל האט געשריבן, פילט זיך א ליידנדיקע נשמה, א בענקעניש נאך שיינקייט, א דראנג צום בריטן, פרייען לעבן און, דערהויפט, א שטרעבונג צום ריינעם מענטשלעכן אמת, וואס איז געווען פאר אים פארקערפערט אין אחד-העם ווי אין טאמאס מאן, אין פייערבערגן ווי אין ארנאלד צוויג. אין ליטעראטור, האט ער געזוכט און אנטדעקט דעם מאראלישן לעבנס-פרינציפ, וואס ער האט נישט געפונעם אין דער רעאלער ווירקלעכקייט.

פרופ׳ ש. הלקין

י. י. וואהל




לאחר שנות שתיקה לא־מעטות, כשנות דור אחד בספרות, הופיע בקרבנו י.י. וואהל שנית, ידוע ולא ידוע לנו, קרוב ברוחו לעברי המתעורר בין שנות התשעים המאוחרות למאה שעברה. לנו בני הדור, אשר קם אחרי כן ואשר למד להבחין בין ספקנותו של הפרט ביחסו לעולם, לבין אמונתו המוחלטת, החיובית בתכלית, של פרט זה לעצמו ביחסו ללאו־מיות העברית ולכוחות היצירה, הגנוזים בה — נראה במחנגו י. י. ואהל הרחוק, כחדש וישן יחד, מעין חוני המעגל, אשר זה עתה פתח שוב את עיניו לראות את העולם עפ״י דרכו שלו, דרך ראיה שונה לא במעט מדרך ראייתנו אנו. לקורא העברי בן דורנו, הזוכר חסד נעורים לאותה תקופה תמימה מהססת, שראתה את ימי ההשכלה האחרונים ואת ימיה הראשונים של העברית החדשה, האירופית ביסודה, נראה י. י. ואהל כממשיכה של אותה תקופה רכה מעורפלת של ראשית ההתעוררות המטושטשת והמבולבלת במקצת, אשר מתוכה נמתחה נימה נוגה סוערת זו ברוחו של פייארברג וברוחו של ברדיצ׳בסקי בלבטיו הרא־

שונים. לקורא העברי מבני דורנו, שנתחנך באוירה ספרותית עברית מבוגרת, תקיפה וצלולה יותר במשאלותיה ובשאלותיה גם יחד, הרי עבר קרוב־רחוק זה, הקם לתחיה לעינינו בקלסתר פניו של י. י. ואהל מהווה מעין גילוי — גילוי מוזר בעצם ה„חדש” שבו — בהווה שלנו, במסכת חיינו אנו. סימן, איפוא, שהרחקנו לכת בשלושים־ארבעים השנים האחרונות: סבך הדעות, הלופת אותנו גם כיום, רענן יותר, חיוני יותר. עדיין מהססים אנחנו לעתים קרובות, עדיין יש ואנו שואלים לנתיבות עולם כפרטים, כיחידים, אבל מגמת פנינו בחיים מסוימת וברורה כל צרכה.

זאת למדנו מתוך יסוריהם של הבאים לפנינו — אם התקדמות היא זו ואם נסיגה לאחור — ואף על פי שמבחינות אחרות עדיין מלאים קושיות ופירכות ותמיהות. כי על כן נראה לנו י. י. ואהל, המתהלך בקרבנו חושש ומסתכל לצדדים, כאילו היינו זרים לו. ודוקא באותה מידה של ודאות ואמונה ובטיחות שרכשנו לנו במשך שלושים השנים האחרונות, לא זר הוא לנו, כי אם „חדש” כשהוא מנסה את קושיותיו עפ״י דרכו שלו, דרך דורו. „חדש” הוא בעינינו דוקא משום שהוא עדיין מקשה עלינו מתוך הלך נפש, שהיה רווח בספרותנו בשנות התשעים האחרונות; דוקא משום שמתוך הלך נפש זה, העגום ודוקרני כאחד, הרך והקשה גם יחד — עדיין הוא מטיל ספק בכל הקנינים שרכשנו במשך שלושים או ארבעים השנים האחרונות, כאילו עדיין לא רכשנום כלל. נופך פיקאנטי הוא מוסיף לחיינו בתהייתו על העולם עפ״י דרכו, דרך העבר הקרוב־הרחוק כל כך, גם כשעיניו פקוחות ואזניו קשובות לכל רטט אמונה וקדושה בחיים ובספרות — בעולמנו ובעולם הגדול שמבחוץ לא כל שכן — גם כשספקנותו בולטת מתוך אמונתו, עד כדי לחפות על אמונתו. גאוות עבר יחסנית כאילו לוחשת על אזנו, כי הוא־הוא המבוגר ואנחנו הצעירים, בני תשחורת מתלהלים בזיקי השוא, ומתוך כך נזכרים גם אנחנו, כי הוא בן דורם של פייארברג וברדיצ׳בסקי הצעיר. אנושיותם של אלה — אנושיותו, זו אהבתו הרבה לאמיתי שבחיים — נכון יותר: חתירתו לקראת האמיתי שבחיים — המחממת את הלב, המקרבת אותו אלינו דוקא משום שהיא מביישת אותנו בשלימותה, הצעירה כל כך; וספקנותם של אלה ששרשה באותה אמונה סמויה וצעירה עצמה — ספקנותו הוא, זו תהייתו החמה, השוקקת, על עולם תוסס שוטף תמיד ותמוה תמיד עד דכדוכה של נפש.

גם כפובליציסטן גם כמבקר ספרותי — ושנים אלה כרוכים בו יחד כדרך כמה וכמה מבני דורו ה„צעירים” — אין י. י. ואהל מתעורר לכתיבה עראית, הניתנת לקטעים, מתוך מאורע חיצוני, הפועל עליו. המאורע החיצוני, בחיים ובספרות, אינו אלא מדרס למחשבותיו ורגשותיו הפנימיים. מחשבותיו ורגשותיו כאילו מבודדים בקרבו תמיד ומשומרים בעינם וברוחם הישנים והם עשויים להתפרץ בצביונם, האחד תמיד, עפ״י גירוי חיצוני זה או אחר, אשר כשהוא לעצמו הריהו טפל תמיד לגביהם. לכאורה, חיי אדם עברי לפניך, הכואב בכאב דורנו, אבל בדוק יותר ותמצא שאין חיים אלה משקפים אלא את נסיונות האינטלגנציה העברית בת דורו שלו ש„נסער ונגלה”, שאין נסיונות אלה מספיקים כדי להצטרף להשקפת עולם מסויימת, אילו גם ניסה בעליהם לזכותנו בהבעתם השלמה, כשם שלא נתגבשו מעולם גם דעותיהם של גדולי בני דורו של י. י. ואהל בשעתם, להשקפת עולם ברורה ומסוימת. אבל „אצילות מהססת” זו, כשהיא לעצמה, יש בה ממבוכתו הסוערת של פייארברג ומהתוהו, שקדם ליצירת „עולם ומלואו” של ברדיצ׳בסקי הצעיר, והיא מעשירה אותנו בטהרה האנושית ישראלית, — כאז כן עתה. אמונה ישראלית עיוורת. הכרחית בימי חיינו בבשעה שהוא מספר מתוך המיית לב עצורה, בפרקי הבקורת שלו על הגדולות והנצורות, על המעמקים שבספרות האירופית המודרנית, לרבות זו שהיא פרי רוחם של סופרים יהודיים, הכותבים לועזית. באמונה עיוורת זו, ומשום הנוקשות הסרבנית שבה דוקא — מפעמת אותה קדושה מיוחדת, שהיתה שרויה על היצירה העברית בסוף המאה שעברה עד כדי מוחשיות, עד כדי אחיזה, על אף המגומגם והמעומעם שבה. לפיכך טהרה אנושית שופעת עלינו מתוך מאמריו המקריים והמקוטעים של י. י. ואהל, בעיקר, היא היא המשיבה את לבנו עליו: יסוד זה של טהרה, קדושה ותמימות אינה מהמצויים בספרותנו כיום והלב יש והוא עורג על יסוד זה דווקא בדורנו, הבטוח כל כך באמיתיותו והמפוכח כל־כך בבטיחותו.


VERA

א. ר' משה וואהל

יוחנן טברסקי

(קטעים מתוך "החצר הפנימית")

בראש השולחן יושב ר' משה וואהל. קטן-קומה וכפוף תמיד על ספרים דומה הוא לנו"ן הפוכה. זקנקן-כסף לו ועיניו עגולות, תינוקיות. חביב ר' משה על אנשי זאמוזץ'. יודעים הם: אין הוא עושה מיצווה לטובת עצמו. זה יובל שנים יושב הוא כאן על כיסא ההנהגה ומסתפק בארבעה רובל כסף לשבוע. אינו רוצה בהוספה: "מה רצונכם? לעשותני לאכלן? ממשכורתי יש לי, ברוך השם, כדי שביעה!". ואף שהוא בעל מזג טוב אינו מיראי-ההוראה. אדרבה. ומתייראים ממנו. "אפשר שבמקומות אחרים", - אומר הוא, - "ובדורות אחרים לא הייתי ראוי להיות אפילו רב של חייטים. אולם בעיר רבנותי אני פוסק יחידי!"

ר' משה ווהל מסלק את משקפי-הנחושת שלו.

- טוב שבאת עכשיו, יצחק לייבוש, - מחייך הוא. - תבשיל שלה ראוי לפני המלך! לא? בשום אופן לא? מה? דבר לך אלי? להזמין את זאנוויל משרבשין לדין-תורה בענין הירושה? מכיר אני אותו: יש לו הנאת ממון ואין לו הנאת הלימוד. ובמקום שאין תורה יש יניקת הקליפות !

-- כן, רב. כל מעשיו בעיניו בתורת פרס,לא בתורת קנס. אבל אליך יבוא כשתקראנו. התקראנו?

ר' משה ווהל נוטל את כפיו. הרבנית מערה מרק-עיסיות עם שעועית מן הקדירה לתוך פינכת-חרס צוננת. מזכירה לבעלה, שיאכל. המרק לא יעמוד בחומו.

-- אין אני אוכל אלא מבישולה של הרבנית, -- אומר ר' משה בצחוק קל. -- רק האשה נאמנת בכל ענייני הבית -כל מה שנותנת לפני בעלה אוכל בלי לחקור, אם הוא אסור או מותר.

כרוב הזוגות המאושרים, דומה גם כאן: זה קולט ריח מזה, ויש ניצוצי אור במאכלים הדליט. ואילו הוא, פרץ... השיאוהו נערה שלא ראה קודם. ביום החתונה התחיל מטפטף גשם והוא נמלט מתחת החופה הביתה. החופה רדפה אחריו, גבריאל יהודה ליכאנפלד, חותנו החריף במאתמאטיקה ובפולמוס, צחק: -- מהרילפר, -- כך הוא מכנהו דרך צחוק ובראשי-תיבות ("מורנו הרב ר' יצחק לייבוש פרץ"), ירא אתה, שחלך תמס? אינך עשוי נופת ! -- ושרה הכלה.. דומה היה: הדמעות נוטפות לא רק מעיניה, אלא גם מלחייה, מסנטרה. מתנפנף משי-ליון. ממחטות-סלסלה. נעלי-לכה תופפות, רקדנים משובחים ולא משובחים. והנה בית מוצק כאלון. בית העשוי לעבור מאבות לבנים. והם.. לא, לא לחינם בכתה שרה! המשום שלא היתה אחדות בנשמתם היה גופם מחולק, או משום שגופם היה מחולק לא היתה אחדות בנשמתם?

-- טוב, יצחק לייבוש. אשלח לו פתקא דבי דינא. ומה נתחדש אצלך? ספר !

ר' משה החל מסתכל באורחו. תמיד הרגיש: יש לו, ברוך השם, טביעת עין בנערים. וזה עוד בילדותו התנכר בשכלו בין בני גילו בתלמוד-תורה. והוא רצה לעשות ממנו כלי. כן, עתיד זה, חשב, להיות רב מאדירי-התורה ב"עיר ואם בישראל". כבודו יהיה מלא פולין. ואולם לשם כך אין לעסוק בשום שחוק

והיתול. העיקר בעולם ללמוד, היטב ללמוד! ואילו הוא... ההשכלה! הפורש מן ההשכלה כפורש מן הקבר. לייבוש לא פרש - וסיים בפירוד מאשתו החמודה.

-- עודך קובע, לפחות, עתים לתורה, לייבוש?

בחדר שוררת מתיחות מרוכזת. פרץ רוצה לומר:

-- טוב אתה, רב, אבל במחיצתך הייתי תמיד צמא לאויר. בעיניך כל מה שכתוב בכתב ישן אין להרהר אחריו, אני --

הדלת נפתחת כמאליה. אדם בעל פיאות שחורות וזקן לבן נכנס במתינות, כנוהג חשיבות בעצמו.

פרץ שמח, שיכול להעביר מבטו אל הבא. יש בכל אדם ואדם אם יותר ואם פחות, כוח פרטי. פעם רצה פרץ לדעת ניגונים, שאנשים צריכים להם, איש לפי צערו ולפי שמחתו. וזה --

-- שלום עליכם ! -- אומר ר' משה ווהל. -- ומי אתה?

-- אני הגבאי של המגיד מטריסק, רב. הוא בא לזאמושץ' והוא שלח אותי לקרוא לכם להקביל את פניו.

ר' משה ווהל מחייך. קולו דק ומתגרה:

-- לך אמור לו: אמנם, אני הייתי קודם סוחר פשוט, ורק כשאבדתי את הנדונייה שלי נעשיתי דב ואילו הוא משי בן משי, אטלס בן אטלס. אולם ר ב קודם
ל כ ב ו ד ר ב י !
גבאי ראשון דומה נעשה עכשיו גבאי שני.

-- ומה רצונו של הרב לומר?

קולו של ר' משה ווהל גבוה עכשיו שלב אחד מהדגיל:

-- לא כבודי, כבוד ה ת ו ר ה דורש לבוא תחילה למרא דאתרא !

פרץ כובש עיניו העייפות בכפו: "אבל למה דרש הטריסקאי, שר' משה ווהל יבוא דווקא אליו? ומה הוא מרגיש עכשיו בנסעו מכאן?"

אין יורד גשם, אבל לַשמים מראה גשם. הלבנה הנדאית למטה מרמזת ללבנה העליונה. ה"מגיד" מטריסק יוצא מפתח "חצרו". היקף לפניו ולאחריו.

-- עשו דרך !
-- הרבי הולך! עשו דרך!

כנף אחת של צווארונו מלבינה על שחור הקאפוטה שלו. גבותיו פרועות וסומרות עכשיו יותר מאשר תמיד. עיניו העמיקו בעת האחרונה וחוטמו נתחדד. הזסשר"ץ של צעדים נידם. ה"מגיד" שוהה על סף הסוכה. אינו נכנס לפנים. החסידים עומדים דחוקים ולחוצים.

-- דכ"א נוטריקין ׳דירה׳, ׳כלים׳, ׳אשה׳, - פותח הוא אט ובלחש במעין ניגון. אולם יש שלאדם דירה נאה וכלים נאים ואשה נאה, ואף-על-פי-כן הוא מדוכא.

לירח עכשיו גוון של אתרוג. עיני ה"מגיד", שנסוכות בהן דאגה ומחשבה, מביטות נכחן. ב"עולם" תמיהה - לא בדרך כלל הוא מדבר עכשיו אלא בדרך פרט. ותמיד הוא נותן להם תיקונים, כוונות וייחודים, כל אחד לפי פגם שלו, עכשיו, דומה, מבקש תיקון לעצמו.

-- יהודים, העיקר להגיע לחידוש הדעת. העיקר לדעת את האין-סוף, לא לעשות ספרים או "תורות" אין קץ. אני החלפתי הרבה פעמים אין קץ באין סוף ובכתב-חידושי אין על הרוב חידושים. ונסעתי לזאמושץ׳, עיר של מתנגדים. אולי דווקא מחמת חולשת דעתי בקשתי להראות, שיש עדיפות לתורתי יותר מתורתו של הרב דשם, המתנגד. מותו יותר מות הזכרון ממות המחשבה ומות הדמיון. יבוא הוא תחילה אלי! אברהם הוא הראשון מז׳ האושפיזין. אברהם הוא בחינת הכוהן-גדול! אחר-כך ירדה עלי עצבות גדולה ואמרתי לעצמי: אברהם, אברהם, רגלך האחת כבר עומדת בקבר ואתה משקר כל-כך. גם מתוך מחשבות של מיצוות מגיעים למעשים של עבירה. וכמה קל למצוא תירוצים טובים למעשים רעים !

(י) ום תמוז. האור עכשיו חום והחום - אור. רק פה ושם צללים, מידת לילה במידת יום. שני שורים, שחוטי-ריר דבוקים בשפתיהם, פוסעים לא ישנים ולא ערים. מצד זה ומצד זה שורות של שיפון גבוה ודגן שהצהיב. סוסים קצרי-קומה וארוכי-שיער מושכים עגלה מקורה, שריחה עטרן ועור.

-- טוב היה להרטיב עכשיו את השפתיים במעט "לחיים", -- אומר סוחר-תבואה.
-- לגימת יי"ש מחממת בחורף ומצננת בקיץ !

קרון-הדואר עובר בצילצול. ניצוץ השמש מאיר אל עבר פניו של זקן, פנים של סבא.

-- שמעתם, מה שהרבי, שיחיה, אמר זה לא כבר? כמו בחכמת המיספר יש אות עגולה, שהיא בפני עצמה אינה ולא כלום, אבל בהצטרפה הריהי עשויה להגדיל מיספר לעשיריות ומאות ואלפים ורבבות, כך גם הפרט המצטרף לכלל. כן, יש שמחה גדולה לנסוע לרבי.

קצין, שכובע לבן לו של קיץ, דוהר ועובר, כשהוא מניח אחריו איבוך של אבק. שני סוסים רועים בקרפף ונודף מהם ריח עשבים לעוסים. במשעול צדדי פוסע כפרי יחף, הטעון תרמיל על שכמו. יהודי מדפיס צעדיו בחולות הדרך ומטה מעוקם בידו. בעל-כוח הוא, אבל כשאוחז בשעת ההקפות את ספר-התורה, דומה, ה"ספר" גדול ממנו.

"לרבי?"

"אלא מה?"

"עלה ושב ! "

הסוסים, שהלכו הילוך עצלני, כאילו בועטים בטחב, וגם בחום היום,במשא הכבד, מוסיפים עכשיו צעד. הנה הכפר. פה ושם מבהיק הטוריה בין אילנות. ניצוצות אש מתנוצצים בגליה. והנה בתים בלי סדר. גגות-קש וקירות-חימר. השוק, עשרות חנויות ושתי בארות עם שרשראות. טריסק ! מזדקרים ראשי המיגדל של הקושציול. כאי שרועה בצד העיירה ה"חצר". הא, עוד מעט יריחו כאן הבאים ריח חלות ועוגות שנאפו בכל מיני ייפויי ואיפוי בתנור, יקנחו דגים מפולפלים בלגימת יי"ש ויערב להם ויבושם להם.

ואולם מה הרעש? מה הקולות? זקנה ספק מיללת ספק שרה בקול צרוד של תיבת נגינה ישנה. אנשים עוברים במדרכת-העץ ונשימתם בהולה. נשים עושות יום-כיפור קטן. מה קרה? מה העניין? והנה אחד הגבאים. גופו מגודל ביותר, תופס הרבה מקום בעולם. אולם עכשיו הוטל פגם במידת הביטחון שלו.

-- כלום לא שמעתם? ה ר ב י א י נ נ ו !

האנשים מלבינים עד שרשי שערותיהם.

-- מה? אבל איך אפשר? כלום היה חולה?

הזמן מניע עריסות. הזמן מוחק מצבות. הזמן צוחק כילד, מחייך כנערה אוהבת, מיילל יללה ללילית כזקנה מרת-נפש. הזמן זורם עם החיים, קופא עם המתים. אולם הסתלקותו של המגיד איננה נשכחת בטריסק ובכל העיירות שחסידיו נמצאים. יום ההילולא שלו הוא יום של שמחה. לאיזו ישיבה של מעלה העלו נשמתו? לישיבת רבי עקיבא או לישיבת רבי אליעזר הגדול או לישיבת רבי שמעון בר יוחאי או לישיבת הנביאים? על-כל-פנים יש שמחה גדולה בכל הספירות בעלמא דחירות. וגם בעיירות למטה. במאציב, למשל, מקשטים עוד בערבו של א' תמוז הבחורים הלומדים את בית-הכנסת הטריסקאי. מכינים פנס גדול של נייר, ואחד מהם, אמן בציור אותיות ועיטורי "מזרחים" ותשמישי-קדושה, מעלה על הפנס תמונות של חיות משונות וכל מיני עיטורים ואותיות מאירות עיניים: " ב' תמוז, הילולה דר' הקדוש המגיד זצוק"ל". את הפנס מחפים בנייר אדום ותולים אותו באמצע בית-הכנסת והוא סובב והולך ואש הנר שבפנים מבליטה כלפי חוץ את התמונות ואת האותיות. ועל כל החלונות ועל השולחנות ועל השטנדראות קובעים נרות ובערב מעלים אותם למאות - אורים גדולים. צעירים וזקנים מעוררים שירה - ניגונים שיש בהם מיסוד היתר והם מטפחים בידיהם ומשתלבים בריקוד כעגולה אחת ממש, והם מרגישים: העלאה שלו שהיא בלי שיעור וערך, היא גם העלאה שלהם. וכמו בחלום רבים מהם עכשיו למעלה מן הזמניות. הבט -- ה ו א ! -- לא כמו בשנתו האחרונה, כשהיה יושב בכוח לא-שלו, אלא צעיר יותר. המקטרת ארוכת-הקנה בפיו,ודומה: הגוף שלו בבחינת נשמה.

ב. נפלאות בטריסק

(ו) ש שהאמונה פועלת נפלאות בטריסק. אל הסב ר' יעקב לייבניר באים
אלה במרכבות מפוארות ואלה בעגלה של עץ ואלה בשאון של המון
בקרונות. ויש שגם איכרה אוקראינית או פולניה באה אל ה"פאן ראבין",
אל ה"שווייענטיראבין". ופעם במוצאי-שבת —

מבין ענן קרוע נראית מכיתת ירח. האולם הגדול, הארוך, מלא. הנה הגבאי, הנושא ברגיל אחרי הסב את סידורו העבה עם מטפחת-האף האדומה מפורחת הפרחים. הנה ר' איציקל הגבאי. זקנו שחור וכתפיו רחבות, ויש בו בכולו חשיבות יתירה. הכול מחניפים לו ומתייעצים בו, כיצד למהר ולהגיע לחדר הרבי. ר' איציקל מחייך ויודע: יש חילוקי מדרגות! אינו דומה נגיד ולמדן לשמולקי הסנדלר ויוסל החייט !

ר' איציקל מכעכע ואחריו מכעכעים עוד כמה נכבדים. המשרתים, שזה מהם מדבר בקול חצוף וזה בקול נכנע, משתתקים. משתתק כל הקהל . הסב קם להבדיל. אין קווי-השרירים מסומנים בפניו. כתפיו רכות ועגולות. אולם חד וחריף הוא בגימטריאות, שבידיו הן לא פרפראות לחכמה, אלא הרכבת החכמה באותיות ומיספרים. החסידים הרבים, שלפני שעה קלה היו שרים כשהם מכים כף אל כף ובאצבע צרדה, דוממים עכשיו דממה עמוקה. הסב מתחיל להבדיל בנוסח שהוא קבלה בידיו מאבות-אבות-אבותיו. הנה הוא מגביה את קולו והנה הוא מנמיכו. מפסיק וממשיך שוב.

לפתע פתאום המולה קלה. מה קרה? זקנה ובתולה ! והרי נשים מסוגרות מבוא בחברת אנשים -- ומה לאלה כאן? אולי אסון, חס ושלום? כל הנתונים במצוקה פונים א ל י ו ! הזקנה ראשה לפוף מטפחת מהוהה ולשפתיה מראה אפר, אך עיניה מאירות משמחה. הנערה חיוורת, אבל ברק מיוחד עכשיו לעיניה, כאילו באה לה התעוררות גדולה מאוד. מה לאלו כאן?... פה צעוק בליכסון:

-- לצאת ! לצאת חצופות ! -- נגידים וגבאים כוח להם להרים הקול. העיניים דוחקות ובולטות מתמהון, אולם הזקנה נוגחת במרפקיה ובוקעת לה דרך.

-- רבי קדוש, -- קוראת היא, -- כלום אין אתה מכיר אותי? הרי זו בתי האילמת, שהבאתי לפניך. עשית "מופת" גדול, רבי ! ברכת אותה, והנה... דבורהלי, הגידי לרבי "שבוע טוב".. לפני כל היהודים !

הנערה לבנה עכשיו, כאילו היא גילגול שלג. לבנה מרוב רגש מרוכז, מכווץ, החבוי מתחת לצינה מדומה, אולם עיניה נוצצות עכשיו ביותר.

-- שבוע טוב, רבי. - -

בחללן של עיירות קטנות, שחיים בהם רביים גדולים, מרחפות אגדות, בהן נהפך הדמיון מציאות והמציאות דמיון. ועל מופת זה מרבים לדבר בטריסק, אך משכילים מחייכים בינם לבין עצמם חיוך של אי-אימון:

-- כלום אינם מבינים, שיד הגבאים היתה כאן באמצע? מופתים יפים לעסקים ! --

אולם דווקא בתוך ד' אמותיו שלו אין הסב פועל ישועות, ומה מאוד זקוקים גם כמה מבני ביתו לנס !

באספקלריה מזהבת-המסגרת חולפת דמות הסבתא פייגלי. היא והסבתא חווהלי משפיקוב אחרות הן. כאן בחדרים נודף תמיד ריח של מאפה-חמאה וקקאו דשן, חם ומשביע, ריח של אורחים. הסבתא פייגלי מחייכת, אולם עתים חיוכה עקום, כאילו תקפה כאב-ראש אכזרי, לא, כאב-לב. עושר ונחת -- כן, ולכאורה, כל החיים כאן יסודם בחגיגה - וכמה צרות !

בתה ריקלי, אחות אבא, יש בה דקות ויופי רוחני של נצר אחרון לגזע רב-ימים. עוד בילדותה היה בה משהו משונה. יש שהיתה מפחדת לעלות במדריגות לקומה השנייה. היה בה רצון החתראות. אהבה רבה להתלבש, ועם זה היה בה גם יצר החמיקה - להסתתר, לברוח מעין אדם. ככל שהוסיפה בשנים היתה מוסיפה והולכת להסתכל בתוכה. אחר-כך תקעה עצמה בפחד גדול, ואולי מעשה כישוף הוא? אומרים, שמקום המים מחליש את בוח הכישוף, והרי טריסק יושבת על הטוריה! אבל היא - היא החלה שומעת קולות שונים, והרופאים, שנלאו למצוא לה רפואה מספקת, יעצו להשיאה. השאלו אותה על חתנה? בטריסק לא היו שואלים את פי הבנות, ומה גם אותה. הרי בחהיונה ודאי היתה עומדת לפני ההכרעה ולא היתה יודעת להכריע. השיאוה לבן הרבי מאוליק. - -

ואמנם, לריקלי רווח לזמן-מה. אולם אחרי לידתה הראשונה הרגיש בעלה - היא מפליגה ממנו הלוך והפלג כמו בסירה לעולם נעלם, איום. שוב מבטה מרוכז כלפי פנים, כשופעת בתוך תוכה קולות. מיום ליום רואה היא עצמה בדוחק גדול יותר, כאילו מוקפת בטבעת של אש. אורבים לבנה הקטן, צדים את נפשו לקחתה. ומי הוא זה המעמיד פנים,כאילו הוא בעלה? וילד זה - - ה ם דוקרים אותו במחטים ארוכות, חושבים ששלה הוא. לא, זה שקר! לא ילדה הוא. וכן אבא ואמא הם לא אבא ואמא.

כמה פעמים ראיתיה בילדותי: ענוגה ועדינה. איך היא צריכה להדביק ללחייה אספלנית של יופי כדי להבליט את הלובן שלהן. היא יושבת ועפעפיה מכווצים כי כל שרירי צווארה ופניה מאומצים. מהיכן עקת-נפש זו שלה? אולי היא החידה הראשונה, אשר חדו לי החיים. לבסוף סגרוה בחדרה, שלא תהא הקדרות שלה מוצגת לראווה.

ועוד צרות ומכאובים לסבתא. פעם שאל אותה המגיד מטריסק: ביצד כותבת את שמך? אמרה לו: פייגא באל"ף. אמר לה: מהיום והלאה לא תכתבי עוד שמך, כדרך שכותבין כל העולם, אלא באות ה', ויהיו לך ארבעה בנים שיאירו את העולם, ואמנם ארבעה בנים טובים ויקרים לה, ואחד מהם דויד אהרלי - -

מדבר הוא תמיד בשאגת קול והוא יודע נגן. זוגתו, אף שהיא חלק מקרקע טריסק, יש בה ריח חוץ-לארץ. מבהוש היא. מדברת לאט ובזהירות, ודומה: טבעה קר מטבע כסף חי, בלי הפזיזות של הכסף החי. אולם עם קרירות החושים מורגש: החימום שמור בגופה הנאה. בצעירותה חלמה שיהיו גם לה, כבנותיו וכלותיו של הרבי מסאדיגורה, סוסי-רכיבה וכלבים יקרים. אוהבת היא גם עכשיו להתקשט כמוהן, לפי המודה האחרונה, ולפרכס עצמה, לנסוע לכרכים גדולים ולמעיינות ישועה. אולם צער גדול בביתה.

בן ובת לה ולדויד אהרלי. רייזלי שם הבת. שם הנער כשמי. ושניהם אילמים מלידה הם. בדרך האדם, שהוא חי מ ד ב ר. מפיה של רייזלי פורצת נביחה מקוטעת. בה ובאחיה יש אולי ההכנה השכלית לדבר, אבל אין בהם כוח הדיבור. שניהם חיים בעולם דומם. את רייזלי שולחים לווארשה למין בית-ספר מיוחד לחרשים-אילמים. שם מלמדים אותה לראות את הקולות - לקרוא את תנועות-השפתיים של הדוברים אליה, ואילו היא עצמה מומה לא מום עובר. לקות מלידה.

-- אדרבה, זו היא מעלה לשידוך ! -- מנסה מישהו לחמוד לו לצון. -- זו לא דברנית ולא קטטנית !

אולם אין צוחק. הניבוח הקטוע של רייזלי, כאילו משהו מכוון פתע את גרונה ואת שפתותיה, ושתיקת אחיה - החידה השניה שחדו לי החיים.





יוחנן טברסקי

יוחנן טברסקי היה חוטר מגזע אדמו"רים, רביים מפורסמים: סבא שלו מצד אביו היה ר' יעקב-לייב, הרבי מטריסק, בנו של בעל "מגן אברהם"; מצד אמו הוא מצאצאיו של ר' יוחנן מראחמיסטריווקה, שעל שמו נקרא; ואילו אביו, ר' נחום טברסקי, היה רבי של חסידים בווארשה (נרצח בימי-השואה). ימי הילדות עברו על יוחנן טברסקי בשפיקוב, עיירה בפודוליה; בטריסק, עיירה בווהלין, ובווארשה. בשפיקוב נולד וגדל בבית הרבי, אבי-אמו.

כדרך בני-רביים למד יוחנן מפי מלמדים ומורים פרטיים, לימודי-קודש ולימודי-חול. הוא הצטיין בכשרונותיו המעולים, בשקידה רבה וגם בקנאות לעברית: לא דיבר עם הסובבים אותו אלא בעברית בלבד. הנטייה לכתיבה נתעוררה בו בימי-ילדותו.

בימי מלחמת-העולם הראשונה נקלע לעיירה קצין צ'כי מבין השבויים, בעל תואר אקדמי, ומפיו למד יוונית ורומית. יוחנן עקב בעירנות רבה אחרי מאורעות הזמן, קרא ושנה, ובפרוץ מהפכת קרנסקי נבחר לדבר בשם היהודים באסיפה של אלפי איכרים: הוא היה אז בן שבע-עשרה.

בשנת תרע"ח יצא לאודיסה ונתקבל כתלמיד בגימנסיה, אך מחמת הפרעות ומלחמת האזרחים נאלץ לחזור לעיירתו ולא נבחן בבחינות-הבגרות. בינתיים הגיע גל הפרעות גם לעיירתו, והוא ושרידי משפחתו נמלטו לבסרביה, שהיתה אז תחת השלטון הרומני. שם הוא עסק בהוראה ולימד בקישינוב בבתי-הספר לילדי-הפליטים, פירסם סיפורים ביידיש ועסק בתרגומים לעברית וליידיש.

בשנת תרפ"א יצא לברלין ולמד זמן-מה באקדמיה פילוסופית-דתית ובאוניברסיטה. למד גם אסתטיקה והמשיך ביצירתו הספרותית. מצבו החמרי היה קשה, וביאליק, שעשה אז בברלין והעריך את כשרונותיו, שילם בעדו שכר-לימוד במכון לרנטגנולוגיה, "מקצוע המפרנס את בעליו". לאחר גמר לימודיו, יצאו הוא, אמו ואחיו לארצות-הברית. עבר חבלי-קליטה עד שנתמנה בשנת תרפ"ו מורה להיסטוריה ופסיכולוגיה בבית-המדרש למורים "תרבות" בניו-יורק. למד והשתלם במכללת הארווארד, ובשנת תרצ"ג הוכתר בתואר פרופסור להיסטוריה ישראלית. התרכז בעיקר בכתיבת רומנים היסטוריים וסיפורים ביוגרפיים. בעד ספרו "אלפרד דרייפוס" קיבל פרס מאת קרן "למד" בשנת תש"ה.

טברסקי היה מבקר בארץ מזמן לזמן. בשנת תש"ח עלה לארץ והשתקע בה.

עבד כעורך בהוצאת "דביר" והמשיך ביצירתו הספרותית עד סוף ימיו.

ז. וויינפער

ווי אזוי דאס מקום טריסק איז נתעלה געווארן

(פראגמענט)

װען ער האט צוריקוועגט ווידער דערגרייכט דאס בריקל, איז ער פון זיך אליין געבליבן אנגעשפארט אויפן זעלבן פארענטש, ווי פריער. אין זיין פארטראכטקייט האט ער אנגעהויבן האבן דאס געפיל, אז ער איז גאר קיין מאל נישט געווען אוועק פון דאנען. פלוצלינג זענען די ניינצן יאר אמעריקע ווי אפגעווישט געווארן הינטער אים. ער האט זיך דערזען צוריק דאס יינגל, וואס לערנט אין בית-המדרש גמרא, און כאטש ער כאפט פון צייט צו צייט אריין א ביכל, וואס איז טרייף-פסול, איז ער דאך א פארווארצלטער מער אין דער גמרא, ווי אין דעם, וואס די ביכלעך אנטדעקן פאר אים.

און נישט נאר מיט דער גמרא, נאר אויך מיט אלץ און אלעמען, וואס איז ארום אים.

עס האבן אנגעהויבן אויפצוגיין פאר זיינע אויגן די חברים גמרא-יינגלעך, צווישן וועלכע עס איז געווען אויך זעליק ברכה הינדעס, -- דאס יינגל מיט די בלאנדע פאהלעך און די גרויסע בלויע אויגן, וואס זענען שטענדיק געווען פארטראכטע און אויף וועלכע מען פלעגט שטענדיק זאגן, אז זיי האלטן נאר אין איין קוקן, ווי פייגעלעך פליען איבערן הימל. עס זענען אויפגעגאנגען פאר אים די איידעמלעך אויף קעסט, וואס פלעגן זיצן סטאטעטשנע ביי די שטענדערס מיט אפענע גמראס, מיט זייערע זייגערלעך, וואס די מחותנים האבן זיי געגעבן פאר די חתונות; און אויך די עלטערע יידן וואס האבן זיך געשאקלט פאר די אפענע ספרים, ברומענדיק די ווערטער מיט א זיס-טרויעריקן, ציקלענדיקן ניגון.

אט זיצט דער שיינער רב ישראל מאטיעס. דאס ברענענדיקע ליכט אויף זיין שטענדער באשיינט זיין ווייס צארט פנים, וואס ווערט נאך ווייסער און צארטער און עס צעציטערט זיך ביי עפעס א שווערן ענין אין דער ראם פון זיין קויל-שווארצער בארד און פיאות. זיינע אויגן זענען אזוי שיינענדיק שווארץ, אז זיי זענען אזש ליכטיק. ספעציעל ווערן זיי ביז גאר ליכטיק, ווען דער ענין אין דעם ספר ווערט פלוצלינג קלאר פאר זיין מוח.

רב משה גאט וויגט זיין דינעם לולבדיקן האלדז איבער א צעעפנטן ספר און פון צייט צו צייט לאזט ער דורך אט דעם האלדז ארויס א שטילן קלאנג, וואס שטעכט זיך אריין אין דער לופט און בלייבט דארט הענגען.

אין א ווינקל, אין גאנצן אפגעזונדערט פון אלעמען, זיצט דער אלטער בונעם ראדעוויטשער, וואס קומט פון צייט צו צייט פון דערפל זיצן אן אוונט אין בית-המדרש זיך אנצוזאפן מיטן קול-תורה. ער זיצט ביי אן אפענעם עין-יעקב מיט די גרויסע ווייסע ברעמען, וואס הענגען, ווי ווייסע פארהאנגלעך, איבער זיינע אויגן, און קיינער קאן נישט זאגן, צי קוקט ער פון הינטער זיי טאקע אינעם עין-יעקב אריין, צי ער האלט זיינע אויגן אין גאנצן פאר מאכט און באנוגנט זיך בלויז דערמיט, וואס ער הערט דאס קול-תורה פון די ארומיקע.

ביי אלע טישן און שטענדערס לאזן הערן יונגעלייט, זיך שאקלענדיקע און צופנדיקע די קוים אויסגעשפראצטע בערדלעך, זייערע קולות, וואס שלאגן זיך אן איינע אן די אנדערע און גיסן זיך צוזאמען.

און אט איז דער זקן ר׳ לוי סופר. זיין קאפ איז ביי אים אריינגעבויגן אין דער שמאלער, שיטערער ווייסער בארד, און פון זיין מויל טראגן זיך שטילע, אפגעריסענע קלאנגען.

פלוצלינג צעעפנט זיך די זייטיקע טיר אויף רעכטס, און דער עולם שטעלט זיך אויף די פיס. אפילו דער זקן לוי, וואס האלט דעם קאפ טיף ארונטער, דערשפירט די געשעעניש און שטעלט זיך אויף.

עס באווייזט זיך דער רבי רב יעקב לייבעניו אין דער באגלייטונג פון מאטל בערקעס און, שפאנענדיק אין א קרייז פארביי די שטענדערס און די טישן, וויגט ער מיט דער רעכטער האנט, מורמלענדיק מיט א גוטמוטיקן געביי‌זער אין זיין קול: "זיצט ! זיצט ! "

ער מורמלט אזוי צום עולם, און צו זיך אליין קרעכצט ער אונטער מיט פארדרוס:

-- אי, אי, ביטול-תורה.

דער איינציקער, וואס האט זיך פארשפארט אויפשטעלן פארן רבין איז געווען רב משה גאט, ווייל ער האט שטענדיק געזאגט זיין זוהר נאר שטייענדיק.

עס איז אויפגעגאנגען אין זיין זכרון א יארצייט נאך זיין פאטער דא אין שטעטל

" -- משהלע, וואלסט געמעגט אריינגיין אין בית-המדרש אריין אפלערנען א פרק משניות נאכן טאטן", -- האט די מאמע אים דערמאנט, און זיך דערביי צעזיפצט: "פריער האט מען דיך נישט געדארפט דערמאנען דאס צו טאן אין טאג פון טאטנס יארצייט".

די לעצטע זיפצנדיקע באמערקונג איז געגאנגען אויפן חשבון פון די טרייף-פסולדיקע ביכלעך, מיט וועלכע ער האט זיך דעמלט פארנומען, און אויך אויף דעם וואס מע פלעגט אים אין יענער צייט שוין א ביסל צו אפט "כאפן" מיט מיידלעך.

--אוי וויי איז צו מיר, -- האט די מאמע נאך א טיפערן זיפץ געגעבן, און ער האט זי צוליב געטאן און איז אוועק אין שטאטישן בית-המדרש אריין.

עס איז געווען א שושן-פורימדיקער נאכמיטאג, ווען יידן זיצן אין דער היים און זענען זיך משמח מיט המנס מפלה, איז דערפאר דער בית-המדרש געווען א ליידיקער. בלויז רב משה גאט האט פארכמורעט ארומגעשליאפעט זיך אין זיינע פליטקע שיך אהין און צוריק. משה עטיע ביילעס האט זיך דערמאנט, אז ווען ער האט אויפגעעפנט דעם משניות און גענומען זוכן פרקים מיט די ראשי-תיבות פון זיין טאטנס נאמען, איז פלוצלינג אויסגעוואקסן פאר אים די דינע פיגור פון רב משה גאט.

-- אי, אי, אי, -- האט רב משה גאט זיך צעקרעכצט אויף זיין דינעם קול.

-- וואס איז, רב משה?

רב משה האט מיט זיינע דארע פינגער אנגעוויזן אויף א צעטעלע, וואס

איז געהאנגען אויף דער טיר צווישן א סך אנדערע צעטעלעך, און אויף דעם צעטעלע איז געווען אויפגעשריבן:

-- חודעה רבה, נעכטן אוונט האט מען "געכאפט" משה עטיע ביילעס מיט רבקה שלמה נחומס ביי דער קרומער בוים הינטערן שטעטל.

--אט דאס? נארישקייטן !

-- נארישקייטן? -- האט רב משה גאט, האלטנדיק דעם שפיץ פון זיין דינער גרוילעכער בארד אין זיינע דינע פינגער, חידושדיק געפרעגט.

-- אוודאי נארישקייטן ! וואס דען, נישט קיין נארישקייטן?

-- מיט א מטרוניתא, נארישקייטן? -- האט רב משה גאט איבערגעפרעגט, און זיינע טונקעלע אויגן האבן זיך צעגלימט.

-- זי איז נישט קיין מטרוניתא, נאר א פראסט יידיש מיידל.

-- אזוי, נישט קיין מטרוניתא? -- האט רב משה גאט געפרעגט און שטיל אוועקגעשליאפעט אין זיינע פליטקע שיך איבערן בית-המדרש.

משה עטיע ביילעס האט זיך דערמאנט, ווי אזוי ער האט געמיינט, אז ער איז שוין פארטיק אבער באלד האט רב משה גאט זיך צוריק אומגעקערט און, שטייענדיק מיט צעפלאמטע בליקן פאר אים, געפרעגט:

-- אזוי, א פראסט יידיש מיידל?

-- איך האב דאך אייך געזאגט.

-- איז וואס זשע טוט מען דאס מיט א פראסט יידיש מיידל? -- האט ער געוואלט וויסן.

-- וואס הייסט וואס? מע רעדט.

-- מע רעדט? -- האט רב משה גאט זיך שטארק געחידושט.

-- נו, יא, מע רעדט.

-- אזוי ! אזוי! מע רעדט?

רב משה גאט האט ווידער אוועקגעשליאפעט אין זיינע פליטקע שיך איבערן שטילן ליידיקן בית-המדרש, מורמלענדיק עפעס אין דער בארד אריין.

דער נאכמיטאג האט גרוי אריינגעקוקט דורך די פענצטער אין בית-המדרש אריין און, זייענדיק ביי זיך זיכער, אז רב משה גאט איז שוין מיט אים פארטיק, האט ער אנגעהויבן אריינצוקוקן אין דעם משניות אריין, אבער אט איז ער שוין ווידער דא.

-- איז וואס זשע רעדט מען עס מיט א נקבה, הא?

-- וואס הייסט וועגן וואס? מע רעדט !

משה עטיע ביילעס דערמאנט זיך, אז דעם לעצטן ענטפער האט ער דעמלט שוין ארויסגעברומט אין אן אויפגערייצטן טאן. אבער רב משה גאט איז דערפון נישט נתפעל געווארן און פון זיין זייט אויך ארויס פון די כלים.

-- מע רעדט? מע רעדט? -- האט ער זיך צעשריגן און, א נעם טוענדיק מיט א ציטערדיקער האנט די באָרד, האט ער כמעט ווי אויפגעשריגן:

-- אט בין איך א נקבה, למשל, איז רעד ! נו, רעד ! לאמיך טאקע הערן ווי אזוי מע רעדט !

די לבנה האט זיך געריסן פון די שטיקער וואלקנס, ווי א כלה איך א זילבערן חופה-קלייד, וואס האט זיך פארפלאנטערט אין א ברייטער שטיק געוו[redacted]טער קרוזשעווע, און ער האט, קוקנדיק אויף איר, זיך געפלאנטערט אין זיינע זכרונות וועגן די יידן אינעם בית-המדרש.

פאר זיינע אויגן איז נאך א מאל אויפגעגאנגען די דינע פיגור פון רב לוי סופר, וואס איז איצט שוין נישט געזעסן אליין אפגעזונדערט, נאר געווען דער צענטער פון א קרייז יידן ארום אים.

-- לחיים, רב לוי, -- שטרעקט אויס די האנט קיווע בלאז, וואס האט היינט יארצייט און האט דערפאר געשטעלט א פלעשל בראנפן.

-- לחיים, לחיים, זאלסט דערלעבן מיינע יארן, -- ענטפערט רב לוי סופר מיט א שטומפעקליאוון מויל.

גערופן האט מען אים סופר, כאטש קיינער אינעם שטעטל האט נישט געדענקט, ער זאל ווען סע נישט איז האבן געשריבן א ספר-תורה. און נישט נאר א ספר-תורה, אפילו א מזוזה האט ער זיך אפגעזאגט צו שרייבן:

-- די ראיה, די ראיה, -- פלעגט ער זיך פארענטפערן הלמאי ער זאגט זיך אפ פון דער מצוה.

פאר משה עטיע ביילעס אויגן איז אויפגעשטאנען אט דער רב לוי סופר א דינער, אן איינגעבויגענער איך אן אפגעקראכענער, גרינער, גומעלאסטיקענער קאפאטע, זיצנדיק אן איינגעבויגענער ביים אויוון און לערנען אויסנווייניק. די ווערטער קומען ארויס פון זיין ציינלאזן מויל א ביסל שטומפעקליאווע. בלויז ביים דאווענען שטייט ער אויף די פיס, און דעמלט איז ער אזא גלייכער און אזא הויכער, ממש ווי א דינע סאסנע. ווען ער איז אין שטארקער התלהבות, טוט ער א הייב-אויף זיינע דינע הענט אין דער הייך, און דעמלט קוקט ער אויס מיטן קאפ צווישן די אויפגעהויבענע הענט ווי א דריירערנדיקע מנורה.

גבור סופרי הקיבוץ והבריגדה העברית, ששרשיו הראשונים הם על אדמת נכר, מכה שרשים עמוקים במולדת ונהפך לנושאה העיקרי של תוחלת התקומה העברית, של חזונה ומגשימה. הוא הוא בונה הבתים, חופר הבארות, המתגייס לצבא, המניח יסודות לנמל העברי, הפורש רשתו במי ימנו, הנוטר, הלוחם והממשיך. אפשר בקלות להעביר את הגבור, בונה הקבוץ, כלפני חצי יובל שנים, לאחד הישובים החדשים בגליל ובנגב או בהרי ירושלים והנושא כמעט ולא ישתנה "מגופו עלתה כל צחיות האדמה מסביב, כאלו היה רגב מרגביה. בכל המחנה לא היה עץ, ולא שיח, ולא חתימת דשא ככף איש. אך קם על רגליו ופסע לכאן ולכאן, נוכח מיד, כי מתחת לחול האדמדם המדושדש והמיטבע גומיות-צעדים סמיכות, אין אף צינור דק מן הדק בנמצא שמתוכו יזדקר לו רק ברז-מים אחד..." (הלילה הראשון ולאחריו).

בספוריו על הבריגדה העברית, אפשר בשנוי מועט של הנושאים, להעבירם להדי מלחמת השחרור "דומה שגם תבורי עצמו לא בקש יותר מזה מאשר לבא למחנה. יעשה את אשר יוכל לעשות. יעזור בכל אשר יש לאל ידו לעזור, אין הוא שייך לאנשים האלה שיתנו לאחרים לעשות והוא יעמוד מן הצד ויראה בעשייה. וכו' וכו'" (חיים מלאים). או "עשרת האהלים החדשים שניטו בחפזון לא הכילו בתוכם את כל העולים החדשים שהגיעו באותו היום לקבוץ. טרודים התרוצצו החברים הממונים על השכון. תכנו תכניות ומדדו בדמיונם שעורים סמויים למקומות בשביל מטות נוספות בכל אוהל ואוהל" (מתוך "אהל"). לספורי הקבוץ המתארים את הקבוץ בראשיתו ובלבטיו שייכים הספורים "הלילה הראשון ולאחריו" ו"אהל". גבורי הספר הראשון "הגונבים" מים בלילות מפרדס סמוך בשביל קבוצם, הם בני העם, פשוטים בהליכותיהם, ישרים עם עצמם ומוכנים להקרבה נפשית בגלל טיפת המים החסרה ברפת ובמטבח. בדומה להם הוא גבור הספור השני החוצב בהר ומשקיע כל כוחות חייו בבנין.

בספורי הבריגדה העברית ("ראשית", "חיים מלאים", "חלל", "צבר", "הם נפגשו", "דיאנה", "הסמל שמואל", "המקרה"), מעביר לפנינו הסופר גלריה של טפוסים רובם ככולם מתנדבים, שראשיתם במניחי המסדות לבנין אותו אנו ממשיכים לבנות. הם אינם מחפשים את התועלת לעצמם אלא ממלאים חובה עילאית שתקופתם הטילה עליהם. רואים אנו אותם כמקדימים ומבשרים למעשים הגדולים שבאו אחריהם.

המלחמה בה הם משתתפים היא רק שלב לקראת הצלת האחים בגיא ההשמדה וגאולה שלמה בארץ. אמנם גם כאן, כמו בכל חברה ישנם יוצאי דופן, המזהמים במעשיהם ובמחשבותיהם את הכלל (כמו האכטר הארוך ב"דיאנה") אבל הם באים רק לחזק את ההרגשה שהרוב מנער חצנו מהם ואין לו אתם לא קשר רוחני ולא קשר מוסרי.

זרקור הסופר מתערב במיוחד ומאיר לנו את דמויותיהם האציליות של חבורי הזקן (ב"חיים מלאים") המתגייס למרות גילו דורש שישלחוהו לחזית, ושל חולתי ("בראשית") איש הקבוץ הסובל ונעלב מבלי שיעליב. דמויות אלו הלקוחות מהמציאות מתוארות ביד אמן.

בספור "הצבר" עוקבים אנו בחיבה אחרי עמרם הצבר היוצא לראשונה בחייו את הארץ. געגועיו לארץ וכן גלגוליו עד שקיבל את המכונה לנהוג בה מעוררים הד חזק בציוריותם. כשעמרם נוסע לחופשה ומהרהר על ביתו, תועות עיניו על הבקתות העלובות של כפרי מצרים, אותם חוזה הרכבת. "פה היו צריכים איזה גשם חזק, גשם עוז שישטוף וידיח וינער ממסד עד הטפחות... ופה אין הגשם יורד לעולם. פה לא מתפללים על הגשם ולא זקוקים לרחמי שמים. הנילוס נותן להם את הכל והוא משעבד אותם והוא מרפיש אותם בבצתו השחורה"... (מתוך "צבר").

יחידה בפני עצמה מהווים שלושת ספוריו ההיסטוריים. ביד בטוחה מרים טבקאי מקצות המסך מתקופת צמיחת החסידות. במכחול אמן מצייר לנו בספור "אגרת" תמונה עטויה דוק כסופים שבמרכזה עומדים זה מול זה הגאון מוילנה ורבי שניאור-זלמן. שני האישים המרכזיים ביהדות של יומם, במחצית השניה של המאה השמונה-עשרה לספירה. גרעין אגדה שהנגלה והנסתר משתזרים בה לבלי הכיר את גבולותיהם. כך רוקח לנו טבקאי את דמויותיהם של הגאון והרבי על רקע חיי וילנה בתקופה ההיא.

באותה המייה שבלב מספר לנו הסופר בספורו "המפויסים" את אגדת מיסדי שושלת הרביים מטריסק. כאלוני יער המכים שרשים באדמת גדולם נראים בעינינו מיסדי השושלת. כל צעד שלהם מעורר הד רחב וכל מעשה ממעשיהם נעשה קבע לדורות. והנה מתחיל להתערער הבית הגדול. רוחות חדשות מתחילות לנשוב בעולם. טריסק הנידחה נשארת הרחק מתחום מסילת הברזל הנבנית, וצאצאי הרביים הגדולים עוקרים לקובל. השרפה הפורצת כעבור זמן מסיימת כאלו את החסר, שהחל בבית הגדול של משפחת הרבי הרבה שנים לפני כן. נדמה לנו שבזה בא הסוף לבית כולו. אבל כאור השקיעה המפיס, כאור השלהבת האחרונה המאירה באור משנה טרם תדעך, מופיעה הדמות הטראגית של הרבי האחרון ר' נחום המחדש את בית אבותיו הגדולים, שבוע ימים לפני פרוץ מלחמת ההשמדה הגדולה לעמנו.

טרגית מאוד היא גם דמותו של רבי שלום פנינהליס שליח הצבור בספור "שליח צבור". דמות של שתדלן יהודי המוכן להפקיר את עצמו בשביל בני עדתו, מתרוממת לגובה של קדוש במסרו את נפשו כדי להציל חייו של סנדלר. וגם כאן כמו בספור "המפויסים" בא הפוגרום ימים מספר אחרי מעשה ההקרבה ומשמיד את הכל שהוא פוגש בדרכו.

בספרו זה התעלה טבקאי בספוריו וצעד צעדים בטוחים קדימה.

צוויי אפּגעקומענע ביימער

א.ל. אורענטאל

אין דער באבעס גארטן[*] זענען געשטאנען צוויי צעקרימטע ביימער איינער לעבן אנדערן. און ווי זייערע שטאמען, זענען אויך זייערע צווייגן געווען צעדרייטע און צעקרימטע. זיי זענען געוואקסן כמעט ליגנדיק אויסגעצויגן אויף דער ערד. איינער איז געווען אן עפּלבוים, דער צווייטער א ליפּעבוים.

אויפן עפּלבוים זענען קיין עפּל נישט געוואקסן. יעדן פרילינג פלעגט ער זיך גראד צעבליען, ווי אלע עפּלביימער, נאר דעם צוויט פלעגן אראפּטרייסלען ווינטן, צעטראגן פייגעלעך, און מיידלעך אין זייערע האר אריינפלעכטן. אבער קיין עפּל זענען קיין מאל פון דעם צוויט נישט ארויסגעקומען. אין מיטן זומער, ווען אויף די ביימער איז שוין די פרוכט צייטיק געווארן, האט געקאנט טרעפן, אז אויך אויף דעם בוים זאל זיך באווייזן אן עפּעלע - א קליינס, אן איינגעשרומפּנס, א ווערעמדיקס: א פארזעעניש.

דער ליפּעבוים, כאטש ער איז געווען צעקרימט, מיט צעדרייטע, צעקרימטע צווייגן, האט מען פונדעסטוועגן געקאנט דערקאנען אויף אים, אז א מאל איז ער געווען אן ע פּ ע ס. דערויף האבן עדות געזאגט זיין מאסיווקייט, זיינע געבלעטערטע צווייגן און אויך זיין לענג. ווייל כאטש א צעקרימטער און איינגעקארטשעטער, האט ער פארנומען א גאנץ היפּשן פלאץ.

אין הייסע זומערדיקע טעג, ווען די אייניקלעך קומען צו דער באבען צו גאסט, פארקלייבן זיי זיך אין גארטן אריין, צו אט די צוויי ביימער, וואס וואקסן ליגנדיק. די קינדער האבן זיי ליב, אט די ביימער. דער עפּלבוים פארשטעלט מיט זיינע באבלעטערטע צווייגן די זון, זי זאל זיי נישט ברענען. זיי ליגן אונטער די צווייגן, ווי אין אביידל. ליגן און דערציילן זיך מעשיות. נו, און דער ליפּעבוים, אט דער אויסגעצויגענער ריז -- ווי זיי האבן עס אים ליב! ווי גוט עס איז זיך צו שפּילן אויף אים! צו דערגרייכן זיין שפּיץ דארף מען גארנישט קלעטערן. מע קאן אים מיט דער האנט אנגעמען. אויף זיינע צווייגן קאנען זיי זיך הוידען. נישטא קיין פּחד פון אים אראפּצופאלן: ווי קאן מען דא פאלן, אז דער בוים איז אויסגעצויגן אויף דער ערד?

די באבע דרייט זיך דעמלט ארום איבערן גארטן. זי איז שוין אן אלטיטשקע, די באבע. די פּלייצע איז איר אראפּגעבויגן און גיין גייט זי פּאמעלעכקע. דערפאר די אויגן דינען איר נאך געטריי. זיי זעען אלצדינג. דערזעט זי ווילדגראז צווישן גרינוווקס, רייסט זי עס אויס; באמערקט זי א ביידזע פליג אויף א רויז, טרייבט זי זי אוועק; ווארפט זיך איר אין די אויגן א פארפוילט עפּעלע אויף א בוים, קלאפּט זי עס אראפּ. אויך אין די בלומען פארגעסט זי נישט, די באבע. זי טראגט מיט זיך א קענדל וואסער און, דערזען, אז זיי זענען פארשמאכט, דערפרישט

*) באמערקונג פון ל. אליצקי: געמיינט א ודאי דער אלטער שרה-ליבעס סאד ביים זייטיקן שאסיי, וואס האט געפירט צום פּריצ׳ס הויף.

זי זיי מיט א טרונק. זי טוט די ארבעט מיט א שיינענדיק פנים, מע זעט, אז זי האט הנאה פון איר מי. כאטש איר פנים איז שוין א ביסל געקנייטשט, איז עס אבער זייער מילד. און ווען ס'מאכט זיך, אויפן פנים צעשפילט זיך א שימער פון דער זון, איז שוין גאר א מחיה צו קוקן דערויף.

די באבע דרייט זיך אזוי ארום איבערן גארטן, ביז זי פארגייט צו די צווייי ביימער, ווו די קינדער זיצן און שפילן זיך. זי באטראכט זיי, די קינדער, מיט א פאר ליבע אויגן און שיינענדיק פנים.

-- נו, ווי פילט איר זיך, קינדערלעך? -- טוט זי א פרעג.

זי איז זיי מכבד מיט פרוכטן. טיילט איין דעם אן עפל, דעם א באר, וואס זי האט געפונען אין גראז אונטער די ביימער. דערנאך זעצט זי זיך אויף איינעם פון די ביימער. ווי א מאל – א מאל אויפן עפלבוים, א מאל אויפן ליפעבוים.

-- יא, קינדערלעך, -- טוט זי א זאג, -- איר שפילט זיך אויף די ביימער? שפילט זיך, שפילט זיך. נאר זעט, זייט גוט צו זיי.

-- באבעניו, -- רופט זיך אפּ אן איינינקל, -- מיר זענען גוט צו זיי. מיר האבן זיי ליב.

-- אז אזוי, איז גוט, טייערינקע. -- און א צופרידענער שמייכל באווייזט זיך אויף איר פנים.

אבער באלד פארשווינדט דער שמייכל, און אירע אויגן פארטרויערן זיך. זי קוקט ערגעץ אין דער ווייט אריין און זיפצט אפ:

-- יא. אפגעקומענע ביימער, אט די צווייי. געשטראפטע פאר מענטשנס זינד. זייט גוט צו זיי, קינדערלעך. רייסט נישט זייערע בלעטער, ברעכט נישט זייערע צווייגן און שיילט נישט פון זיי די קארע...

-- אפגעקומענע נעבעך, אפגעקומענע, --חזרט זי איבער פאר זיך אליין אין שטיל.

-- באבעניו, -- טוט א פרעג א צווייט קינד, -- פאר וואס זענען זיי אפגעקומענע?

-- א שטראף, טייערינקע, א שטראף.

-- פאר וואס אזא שטראף, באבעניו?

-- אט וועל איך אייך דערציילן, קינדערלעך.

ט-א דער איינגעפאלענער בוים, קינדערלעך, איז א מאל, מיט יארן צוריק, געווען דער שענסטער בוים אין דער גאנצער געגנט. די גרעסטע און שענסטע עפל זענען געוואקסן אויף אים. פון ווייטע לענדער פלעגן מענטשן קומען באטראכטן דעם וווּנדער פון אט די עפל.

-- דער בוים האט באלאנגט צון א פריץ. דער פריץ איז געווען א רייכער און א בייזער. ער האט פארמאגט פעלדער און וועלדער, גערטנער און סעדער. טאן פלעגט ער גארנישט. נאר א גאנצן טאג ארומשלעפן זיך איבער די

וועלדער. ער האט געהאט מיט זיך א טשאטע הינט און א ביקס אויף די פלייעצעס. ווי נאר ער פלעגט דערזעען א חיה אין וואלד, האט ער א כאפ געטאן די ביקס און געשאסן. ביי נאכט, ווען ער פלעגט קומען א היים, פלעגט פרעסן, שיכורן און שפילן אין ביינדלעך. וואס האט אים געפעלט? אז גאנצע דערפער, טאטע-מאמעס און קינדער האבן פאר אים געארבעט!

-- איין מאל, אין א זומערטאג, א הייסער, א שטיקנדיקער, ס׳איז אוממעגלעך צו אטעמען, איז א וואנדערער פארבייגעגאנגען פארביי דעם עפלבוים. דער מענטש איז געווען הונגעריק, פארשמאכט, האט א גאנצן טאג אין מויל נישט געהאט. דערזען דעם בוים מיט די שיינע עפל, האט ער גענומען און איינעם אפגעריסן. ווי דער פריץ האט דאס דעזען, האט ער אויף אים אנגערייצט די הינט. די הינט האבן זיך אויף אים א ווארף געטאן און אזוי אים צעביסן, אז פון יעדן אבר זיינעם איז גערונען בלוט.

"פארשאלטן זאל ווערן דער עפלבוים!" -- האט דער אומגליקלעכער אויסגעשריגן מיט די פארשמאכטע ליפן...

-- באבעניו, -- טוט אן איינִיקל א פרעג, --וואס איז דער בוים שולדיק, אז דער פריץ איז א שלעכטער?

-- טאקע גערעכט, טייערינקער, -- דעם בוים איז טאקע נישט שולדיק. נאר די קללה האט זיך אים פון מויל ארויסגעכאפט. דער מענטש האט געוואלט שעלטן דעם פריץ... דער בוים האט זיך צעוויינט. איר זעט דא די קרעניצעס? -- דאס זענען זיינע טרערן, פארבליבענע ביז היינטיקן טאג...

-- "וואס בין איך שולדיק", -- האט ער טאקע געטענהט. -- "אז א שלעכטער פריץ האט מיך פארכאפט?..."

-- ס׳איז שוין אבער געווען פארפאלן. ווייל וויסן זאלט איר, קינדערלעך, אז קעגן א קללה, וואס רייסט זיך אראפ פון הונגעריקע ליפן, קאן זיך קיינער נישט אנטקעגנשטעלן. אויפן צווייטן טאג איז שוין דער בוים געליגן אן אויסגעצויגענער, און מער זענען קיין עפל אויף אים נישט געוואקסן...

-- א רחמנות אויפן בוים! -- האבן די קינדער אלע פאר א מאל אויסגעשריגן.

-- יא, קינדערלעך, א רחמנות טאקע, -- זיפצט אפ די באבע. -- איין איינציקע טרייסט אט דער בוים: קינדער האבן אים ליב און שפילן זיך אויף אים...

די באבע פארטראכט זיך א ווייל.

ו, און וואס איז געווען מיטן ליפעבוים? - טוט א מאן אן איינִיקל.

-- מיטן ליפעבוים איז געווען אנדערע צרות, -- טוט די באבע א קרעכץ. -- גענוג שלעכטס איז דא אויף דער וועלט. אט דער ליפעבוים האט אליין אויף זיך א קללה גענומען. און אט, קינדערלעך, וואס ס׳איז מיט אים געשען: ער איז א מאל געווען דער העכסטער בוים אין דער גאנצער געגנט. איז געוואקסן גלייך, ווי א סטרונע. זיין שפיץ האט

מען ארויסגעזען פאר מיילן און מיילן ווייט. און שיין איז ער געווען, אז מענטשן האבן נישט געקענט זיך זאט אנקוקן אין אים. נאר צום סוף איז געקומען א שטראף אויף אים. און שולדיק איז ווידער געווען דער פריץ. ווי איך האב אייך פריער געזאגט, האט דער פריץ געהאט א סך דערפער, אין וועלכע די פויערים האבן געארבעט אויף אים. געארבעט שווער, פון זון-אויפגאנג ביז פינצטער. דער פריץ האט זיך געבאדן אין גוטס, און זיי האבן זאט אפצועסן נישט געהאט. וויפל קאן א מענטש ליידן? האבן זיי גענומען און געמאכט א בונט קעגן פריץ. האט דער פריץ ארויסגעשיקט קאזאקן איינצושטילן די בונטאווטשיקעס. די קאזאקן האבן געשלאגן, געשמיסן, געהרגעט, זיי האבן קיינעם נישט אויסגעמיטן. אפילו קינדער האבן זיי נישט געשאנעוועט. דעם עלטסטן פון די פויערים, דעם וואס האט אנגעפירט מיטן בונט, האבן זיי געכאפט און געבראכט פארן פריץ. האט דער פריץ באפוילן מע זאל אים אויפהענגען אויפן שפיץ פון דעם ליפעבוים, כדי די פויערים זאלן אים זעען פון ווי ווייט, און מורא האבן. ווען דער בוים האט דאס דערהערט, האט ער אויסגעשריגן:

"בעסער זאל מיר שוין א דונער דערשלאגן!..."

ווען מען האט דעם פויער צוגעפירט צום בוים הענגען, האט אויסגעבראכן א גרויסער שטורעם. ס'האט געדונערט און געבליצט, און ווי נאר מען האט פארווארפן דעם שטריק אויפן בוים, איז אראפ אויף אים א דונער און אים אויסגעצויגן... פון דעמלט אן ליגט ער אזוי אויסגעצויגן, צעקרימט, אבער נאך אלץ א לעבעדיקער. אמת, ער איז שוין נישט אזוי שיין ווי א מאל, מען זעט אים שוין נישט אן פון ווייטן, אבער א טרייסט איז אים געבליבן, קינדער האבן אים ליב און שפילן זיך אויף אים.

-- אט אזוי, קינדערלעך, -- האט די באבע אויסגעלאזט, -- אזא בוים, וואס מען וואלט געקאנט אים אויסנוצן אויף גוטע זאכן, האט מען געוואלט אויף אים א מענטשן אויפהענגען.

-- וואס וואלט מען געקאנט מאכן מיט דעם בוים, באבע?

די באבע האט זיך פארטראכט און געזאגט:

-- פארשיידענע זאכן. מע וואלט, למשל, געקאנט ארויפציען אויף אים א לאמטערן, ער זאל לייכטן ביי נאכט - דער בוים איז געווען אזוי הויך - און מענטשן אונטערוועגנס, ביי נאכט, אנווייזן דעם וועג.

אברהם אויווענטאל

אברהם אויווענטאל איז געבוירן געווארן אין יאר 1903, אין טריסק. א ברודער פון זישע וויינפער. אין יאר 1926 איז ער געקומען קיין אמעריקע. ער האט פארענדיקט א קורס אינעם יידישן לערער-סעמינאר. האט געדרוקט דערציילונגען אין "צוקונפט", "סטודיא", "טאג", "קינדער-זשורנאל".

ער איז געשטארבן אין ניו-יארק אין יאר 1939.

ל. אוליצקי

המשורר קלמן ליס

בשנים שאחרי המלחמה העולמית הראשונה, גרתי בעיירת-מכורתי טריסק בווהלין. מזמן לזמן הייתי מבלה בעיר המחוז, קובל, אצל חברי מן ה"חדר" משה פרל.

היתה אז תקופת שגשוג של התרבות היהודית, וגם בווהלין נוסדו בערים הגדולות ואחר-כך גם בקטנות, בתי-ספר וגימנסיות של "תרבות", וגם בתי-ספר עממיים ויידישאים. נוסדו ספריות עבריות ויידישאיות על שמות הסופרים הקלסיקאים שלנו. כן התארגנו חוגים דרמטיים משתפי-פעולה עם ייוו"א בוילנא. בערים הגדולות החלו להופיע כתבי-עת פריודיים ושבועונים.

ליהודי ווהלין היתה האמביציה לצעוד עקב-בצד-אגודל עם עיר הבירה ווארשה. בקובל התקיימה גימנסיה של "תרבות" מפוארת, בתי-ספר וגם (בהפסקות) בית-ספר יידישאי. בקובל, שבדרך-כלל היתה עיר "ציונית", הופיע גם שבועון ציוני. ובסך-הכל שמונה עשר קילומטר מרוחקת ממנה ישבה העיירה טריסק, שבבית-הספר העממי היידישאי הטוב שלה, בספריה העממית, בחוק הדרמטי ההגון שלה - היא היוותה מצודה יידישאית בווהלין כלה.

פעם הגישו לי בקובל הוצאה עברית-אידית חד-פעמית מתוצרת מקומית, על מנת שאביע חוות-דעתי עליה. באתי במבוכה: דבר חיובי לא היה לי מה להגיד, לגלות ביקורת שלילית הססתי. ראיתי בחוברת גם שיר בשם "בהמה'לי". ה"בהמה'לי" הזאת בכל זאת מצאה חן בעיני הבקרתיות; איזה ריח של שדה רענן נדף ממנה. ובכן תליתי חשבחתי על אותה ה"בהמה'לי" והתחמקתי מן היתר.

לא עבר זמן רב, ואני שוב בקובל, נכנס אלי איזה בחור לבוש גלימת-מדים של חייל רוסי. אולם, כשהסיר את כובעו, ראיתי לפני פני "שגץ" כפרי בהירים, שהעלו סומק של מבוכת-מה, אך מתחת לבלוריתו הצהובה נשקף אלי זוג עיניים רוחצות בעליצות של תכול.

-- ב ק ר   ט ו ב ! -- גמגם כאילו -- אתה לייבל אוליצקי? ... אני קלמן ליס... בעיניך, נודע לי, מצאה חן ה"בהמה'לי" שלי, הריני להראות לך עוד...

שרוי בדאגות משלי, כלל לא הייתי נלהב מזה, שאחרי ששיבחתי "בהמה" דקה קטנה אחת, עתיד אני ליתן את הדין ולשמוע עוד מעט מ"רועה כפרי" שריקותיהם של עדרים שלמים... בהמות גרפומניות. הושם כאילו מחנק בגרוני. בקשתיו לצאת אל הספסל שלפני הבית.

אך הוא, כנראה, היה נרגש מן ה"מבחן".

-- אומ-מ-מר לך מעט שירים... יש לי הרבה...

-- אולם אין ברשותי הרבה זמן... ומה פירוש - שאתה תאמר?

-- פשוט, -- המשיך לגמגם, ועיניו נדלקו בתכול של התלהבות -- אני יודע את שירי בעל-פה.

והוא התחיל לגמגם ולהכניס לתוך אזני שירים ברהיטות של "אשרי" שבפי יהודי אדוק. אני, אדם בעל זכרון רופף, התרשמתי ממנו ממש ועשיתי לו מחמאות, לצאת ידי חובת גילוי-דעת על השירים ה נ א מ ר י ם, שלא עשו עלי רושם מיוחד. אולם הוא הפציר ותבע חוות-דעתי.

-- יותר מכל עוד מוצאת חן בעיני ה"בהמה׳לי" שלך... כתוב... כן, כן... המשך לכתוב...

הוא נפרד ממני במאור-פנים, ידעתי שמעכשיו הוא יגש ברצינות לעבודה.

יותר לא ראיתיו זמן ממושך. הוא לא היה קובלאי. התגורר אצל סבו בכפר פרוואל. אחרי-כן הגיע אלי כתלמיד בסמינר-למורים של ד"ר צ׳רנו בווילנא. כשגמר את הסמינר, קבל משרה בתור מורה באחת העיירות של ווהלין. בדרכו לשם הוא סר לטריסק לבקרני. למרות גמגומו, הוא נתגלה כאיש-שיחה, מעורב עם הבריות. מיד נתוודע מקרוב עם המורים ועסקני בית-הספר היידישאי וקנה את לבם של תלמידיו. לימד אותם לשיר שירים מפרי עטו. הנוער היידישאי היה מרוצה ממנו מאד:

-- כדאי היה להזמינו כמורה בבית-ספרנו.

כעבור חדשים מספר, הוא, אמנם, הבאיש את ריחו בכתבה בשבועון הקובלאי על דבר פעילותו התרבותית בעיירה, במקום עבודתו, ובזה לא נמנע מלהזכיר, לא בלי שמץ-גאווה קרתנית, שבדרכו לעיירה סר לטריסק לסופר ל.או. ואחו... וכו׳.

-- קרתני ! -- התלוצצו עליו בניחותא "בעלי-הכרך" הטריסקאי -- וזה עוד מתכונן להיות משורר ! ... מורה לא סגי לו.

והנה - כאילו בן-לילה, קלמן ליס, בו תססו דם רענן, מרץ וכח-יצירה רוחני, דילג על ה"בהמה׳לי" שלו ועל הכתבה הקרתנית - בשירים בשלים בכתבי-העת הוורשאיים.

הוא התגורר כבר בווארשה, השתתף במערכת של בטאון סופרים צעירים ובו בזמן החל לעבוד בהצלחה ב"צענטאס" באטוואצק.סיפרו, שיש לו גישה יעילה מאד לילדים המפגרים שחונכו שם.

בבקרו בקובל בימות החגים אצל אמו ואחותו, היה נוהג לסור בדרכו אלי ולבית-הספר. בבית-הספר הכניס גיל ועליצות. הוא עצמו נעשה ילד בין הילדים.

אז כבר החל לעטות על עצמו איצטלה של משורר מוכר. לעתים היתה גם מורגשת נטיית חסדו שלו, של משורר צעיר בעיר הבירה, אלי, הסופר הקשיש, המתנוון, כביכול, בפרובינציה, כלומר, ה ו א ה ע נ י ק ל י משען ועידוד.

-- אל דאגה, אל תצטער שאתה מתגורר פה... איך דבר, בווארשה אנו משוחחים תכופות על יצירתך... ומיד עבר לשוחח על הישגיו והצלחותיו הוא. בגאוה ובהתלהבות סיפר על אשתו: אינטליגנטית, פיקחית, מבינה בשירה ומוצאה מיחוס גדול, מן השניאורסונים הליובביצ׳ים.

כעבור שנים אחדות עברתי לגור בווארשה. נפגשנו לעתים נדירות: אני עבדתי בבית-ספר ולעתים באיגוד-הסופרים, ואילו הוא היה כבר, מיד

לאחר נישואיו, לתושב אוטבוצקי, ולוואראשה היה בא רק לרגל עניינים חברתיים-עסקיים. וכאשר נעשה חבר של קבוצת-הסופרים ה"אדומים", קבלתי את הרושם, אולי הבלתי-נכון, שהוא מתעלם ממני בשל "כשרות", שאני עובד בבית-ספר בונדאי, למרות, שלכאורה אני בלתי-מפלגתי.

בכל זאת, כששנינו בילינו פעם חג פסח בקובל, הזמין אותי כחבר וידיד לביתו. אמו - אשה תמירה, בעלת הדרת-פנים, כאומרת: "ניחא, יאה לנו, לי ולבני, הזיווג עם השניאורסונים המפורסמים", אולם לכלל התקרבות של-ממש לא הגענו. בוואראשה נשארנו מרוחקים כשהיינו.

ושוב נפגשנו בנכר - בהרים בקריניץ. שם הכרתי את רעייתו. (היא נראתה קשישה ממנו (הוא היה בעלה השני). אשה הגונה, שערה אדום. פניה - לבנים-אדומים, מנומשים, אולם תארה ההדור, גינוניה היפים וסגנון דיבורה גילו אצילות ואינטליגנציה של "יחוס" מוצאה. האם לא היא - האדומה - שהכניסה אותו אל קבוצת-הסופרים "האדומה?".

חבריו סבורים היו, שהוא נמצא תחת השפעתה המרובה של אשתו הפקחית והאינטליגנטית, ושהיא גם משמשת עזר כנגדו ויועצת בשדה-יצירתו. היא מתמצאת יפה בספרות והיא הסכר לזרמיו הגועשים שלא תסחחף בהם יצירתו.

מעמדו החומרי היה שפיר. גופו נסתרבל קמעא, תנועותיו מרוסנות יותר, אם כי כל זה לא עלה בקנה אחד עם חולצת-הבד האוקראינית הלבנה שלו, הרקומה ציורים אוקראיניים מגוונים, אך שהעידה כי לפניך משורר פרולטרי ווהליניאי. מקטרת-הזוטא, שהיתה תמיד תחובה בפיו הצלה בעשנה הכחלחל על פניו, הרציניים בלאו-הכי...


בכל זאת, נוכח פניה של אשתו הליובאוויצ'ית, זהובת-אדומת שערה הגולש, נראה כירח מול פני החמה, ממנה היא מקבלת אורה. בהכנעות הביט לתוך עיניה ומוצא פיה. ולמה לא? היא מליובאוויץ', והוא מכפר פרוואל - שבווהלין...

אחרי שהמפלגה הקומוניסטית בפולין חוסלה, לפי פקודה מגבוה, התרחק קלמן ליס, הלוחם הזועם, מבין קבוצת-הסופרים "האדומה" - מחבריו (מתוך "פקודה מגבוה"?). כשנתארגנה ב"צענטאס" שביתת מחנכים והוא, קלמן ליס, לא נצטרף אליה, הצביעו עליו כעל מפר שביתה.

מיד עם פלישת הגרמנים לפולין פוצצו את ה"צענטאס" דווקא וגרמו לחורבן בין הילדים והמורים. נפצע גם קלמן. הובילו אותו לוואראשה, שם שכב בבית-חולים עד כיבוש העיר. החזירוהו לאוטבוצק. לפני הימלטי לברית-המועצות נכנסתי אליו להיפרד ממנו. הוטב לו. בפנים צוהלות הוא חייך לבנו הקטנטן והיפהפה שהתרוצץ סביב מטתו. צריך היה לחטוף שיחה אתו ולהבהיר לו שגם הוא, כשיחליף רק כח, מוכרח למלט את נפשו. אך איש לא עשה זאת. הוא דיבר בהזדעזעות על חורבן וואראשה.

-- לא, איש לא יכול לתאר לעצמו, מי שלא ראה זאת במו עיניו...

אמו ואחותו בקובל לשווא יחלו לראותו: מדוע אין הוא בא יחד עם אלפי האנשים הזורמים משם ועוברים הנה בלי הרף? קלמן לא חזר. הגורל האכזר



הכניסו ברשימה הארוכה-נוראה של קדושי-עמנו, שלא ישכחו לדורי-דורות מלב האומה.

משורר יקר של מכורתי ווהליך! כשהלך עם עשרות חניכיו, הילדים המפגרים לעקידה, ששום מלאך טוב לא גאל אותם ממנה, עם בנו הפעוט בזרועותיו, זרחה עליו השמש והיה נסוך-אור, למרות שהשמיים כוסו אז עננים. כל צעד ושעל דרך את נשמתו. היא התעלתה יחד עם הנשמות הטהורות של ילדיו. האותיות הפורחות של כתביו השרופים נוססו בזר-רשפים - עטרת-תפארת לראש משורר.

(מיידיש - י. טייטלקר)

ד"ר משה מרקוזי

משה מארקוזי איז, משמעות, געבוירן געווארן אין דייטשלאנד, האט שטודירט מעדיצין אין קיניגסבערג. איז אין יאר 1774 געקומען קיין פוילן, ווו ער האט לכתחילה פראקטיצירט אלס דאקטאר אין קאפוסט, נישט ווייט פון שקלאוו, און שפעטער אין טריסק, וואלין. דא איז ער געווען "כמה שנים סקארב קארוני דאקטער... מהמלך והקאמיסיע יר"ה".

אין יאר 1790 האט ער מיט דער הילף פון א פוילישן מאגנאט, מיכאל באבראווסקי, "שאבעלייאן קראליקאווסקי", ארויסגעגעבן: "ספר רפואות/ הנקרא עוזר ישראל/להדרים במדינת פולין: אויף פויליש טייטש געשריבן אשר חבר ה"ה הרב המופלג מומחה לרבים: מוהר"ר משה הנקרא מארקוזי דאקטער און ער איז געוועזן: פון מלך אונד פון דר קאמיסייע: סקארב קארוני דאקטער: אונד וויל מזכה זיין דעם עולם: מיט זיין ספר כדי איטלעכר זאל זיך אליין קענן העלפין: ווא קיין גילערנטער דאקטער איז פארהאנדין: אונד ווער זיין הנהגה וועט האלטין קען גאר פארשפארין קראנק צו ווערין. –‾ נדפס פה ק"ק פאריצק תחת ממשלת אדונינו האדון הגדול החסיד יאסניע ועלמאזני שטשעסני טשאצקי על קסינסטוויא פאריצק ובראסילוב וסעלץ וסערחאוויטש קאוואליער ארדערא ביאלעגע ארלא הודו/ בדפוס השיין לש...ה המשותפים המחזיקי הדפוס דפה ק"ק פאריצק/רפאות תהי ל'ש'ר'ך לפ"ק", מיט הסכמות פון דעם טריסקער רב מרדכי ז"ק און דעם קאוולער רב יעקב כהנא, וועלכע רימען זייער דעם מחבר אלס בר-אורין און מומחה אין זיין פאך.

נישט געקוקט אויפן ספעציעלן כאראקטער פון מארקוזיס ווערק, מיט וועלכן ער איז אויסן געווען צו געבן דעם פאלק די עלעמענטארע ידיעות אין היגיענע און מעדיצין, האט עס א גרויסן קולטור-היסטארישן און פילאלאגישן אינטערעס. ס'איז אפשר דער ערשטער פאראדאקס פון דער השכלה-ליטעראטור אין דער יידישער שפראך אין די סלאווישע לענדער. אין דער צייט, ווען די ערשטע משכילים האבן זיך געמאטערט צו פארדארבן זייער יידישע מוטער – און פאלקסשפראך לטובת א פארקריפלטן דייטשמעריש, אדער ריינעם דייטש, האט מארקוזי דער "טייטש", ווי ער רופט זיך אליין, זיך דערוועגט צו שרייבן זיין ספר אין יידיש, אבער ערשט דאן, ווען ער האט שוין גוט באהערשט די יידישע שפראך, ווי זי איז גערעדט געווארן אין פוילן.

אין דעם ספעציעל מעדיצינישן בוך זענען דא געגנוג באמערקונגען און אפוויכונגען, וואס האבן צו מעדיצין און היגיענע קיין שייכות נישט און אויסן אויפצוקלערן דאס פאלק אין זיין פינצטערקייט, אין זיין ווילדן פאנאטיזם, אין זיין אייבערגלויבן. און אין דעם פרט איז מארקוזי געווען פון די ערשטע אויפקלערער פון דעם יידנטום אין פוילן דער דירעקטער פארגייער פון יענע גרופע משכילים, פאר וועלכע די אידעאלן פון דער השכלה זענען געווען נים קיין אבסטראקציע, קיין עניך פון מליצה, נאר אן אימפולס צו אמתער אויפקלערונגס-ארבעט צווישן פאלק, איבערצובויען דאס יידישע לעבן אויף געזינטערע יסודות.

מארקוזי שטעלט זיך פאר דורך זיין בוך אלס איבערגעגעבענער פאלקספריינד און הומאניסט, אלס משכיל אין בעסטן זין פון דעם באגריף, נישט נאר נ ע ג א ט י ו ו , אין קאמף קעגן די פינצטערע זייטן פון דעם יידישן לעבנסשטייגער, קעגן דער יידישער ליידיקגייעריי און שנארעריי, נאר אויך אין זיין פאזיטיווער פראגראם פון פראדוקטיווער ארבעט, פון ריכטיק אוועקגעשטעלטער סאציאלער הילף, פון פארשפרייטן ערדארבעט און מלאכה צווישן די יידישע מאסן.

ווי ספעציעל עס איז נישט דער עצם אינהאלט פון "ספר רפואות", שפיגלט ער דאך אפ דעם סאציאל/עקאנאמישן און קולטורעלן לעבנסשטייגער פון דער יידישער פאלקסמאסע, מיט וועלכער דער מחבר איז געווען פארבונדן אויפן ענגסטן אופן, און זעלטן רייסט זיך אפילו דורך א רמז אויף די פאליטישע פארהעלטענישן פון יענער צייט, דער תקופה פון דעם גרויסן קריזיס, וואס די פוילישע מלוכה און צו גלייך אויך דאס פוילישע יידנטום האט איבערגעלעבט אוף דעם אכצענטן יארהונדערט.

דאס בוך איז געשריבן מיט פיל פארשטענדעניש, טעמפעראמענט און שריפטשטעלערישן טאלענט, אין עכטן קערנדיקן פאלקסטימלעכן, בלויז עטוואס פארדייטשטן, יידיש. און אויך זין פרט פון סטיל איז מארקוזי א פיאנער אין אונדזער ליטעראטור און איינער פון די וויניקע מחברים, וואס גיט אונדז דעם פאדעם צו דער אנטוויקלונגס-געשיכטע פון דער יידישער שפראך, העלפט אונדז מיט א רייכן מאטעריאל אויפצובויען די בריק, וואס פארבינדט אונדזער היינטיקע לעבעדיקע שפראך מיט דעם יידיש פון אכצענטן יארהונדער, ווייזט אונדז באשיימפערלעך, ווי אזוי זי האט שוין אין יענער עפאכע געהאט זיך ארויפגעשלאגן אויף אן אייגענעם נוסח, איבערגעריסן מיט דעם ארכאיזירנדיקן עברי-טייטש-סטיל.

אויך מיט זיין שטעלונג צו דער שפראכפראגע, וועלכער ער ווידמעט א סך העכסט כאראקטעריסטישע שורות אין זיין ווערק, איז מארקוזי אן איינציקארטיקע דערשיינונג פאר זיין צייט.

ז. ווייגפער

לייב אליצקי

// יפל מאל האב איך שוין גענומען די פען אין דער האנט צו שרייבן וועגן דעם וויכטיקן ווערק "דאדיע קאוואל" פון לייבל אליצקי? זיך גענומען אנגעהויבן שרייבן, און אוועקגעלייגט, ווידער א מאל פרובירט, און נאך א מאל נישט נאר אוועקגעלייגט, נאר די פען איז ממש ארויסגעפאלן פון דער האנט, -- פאר וואס?

די סיבות זענען פאר מיר קלאר סיי פון דעם באגער צו שרייבן, און סיי פון די שטערונגען, וואס ווארפן ארויס די פען פון מיינע פינגער.

די סיבות פון באגער צו שרייבן זענען: ערשטנס, א ווונדערלעך, קינסטלעריש ווערק; צווייטנס, איז די קאנווע מיין אייגן געבוירן-שטעטל, -- די טייערע פאלקס-מענטשן אין דעם - וואס איך האב געקענט דורך דער קינסטלערישער געשטאלטונג פון ל. אליצקי. און א דריטע סיבה איז ער, לייב אליצקי אליין, וואס פאר מיר איז ער לייבל נחמן יעקב מאירס, -- דער עלטערער ברודער פון ברוך אליצקי, -- דעם טאלענטירטן, שיינעם יידישן פאעט, וואס איז אומגעקומען אינעם וויסטן היטלער-מבול, און דעם נאך יונגערן מאטעס אליצקי, וואס האט באוויזן זיך צו ראטעווען קיין ניו-יארק, ווו ער לאזט פון צייט צו צייט זיך הערן דורך זיינס א פיין ליד אין די ניו-יארקער ליטעראריש אויסגאבן.

אבער אט זענען דא אויך די סיבות, וואס שטערן מיר, ווייל צו שרייבן וועגן אט-דעם ווערק "דאדיע קאוואל", טונקט זיך די פען אין דעם בלוט פון דער אייגענער ווונד, וואס לאזט זיך נישט פארהיילן.

פאר די אויגן שטייט דאס בילד, ווי עס ווערט געשילדערט ביים סוף בוך פון איציקן דעם פארטיזאן, וועלכער האט דאס צוגעזען מיט זיינע אייגענע אויגן דורך א לאך פון אוהל-דעכל אויפן אלטן בית-עולם.

עס איז א בילד, פון וועלכן עס ווערט דיך בזיונדיק דאס אייגענע ביסל לעבן אויף דער ערד.

איך ווייס, איך ווייס, אז עס איז נישט נאר דיין טריסק, וואס איז אזוי בזיונדיק אומגעקומען, -- א סך, א סך אזעלכע טריסקס זענען געגאנגען דעם אייגענעם וועג, אבער, ווען פאר דיינע אויגן גייען דורך די, וואס זענען דיר געווען אזוי נאענט, ביסטו דאך אליין צווישן זיי, איז ווי דשע קאן די פען אין דיינע פינגער זיך איינהאלטן, און נישט ארויספאלן א פארשעמטע?

// ען איך האב אים געזען אינעם יאר 1929 אין דעם זעלבן טריסק, וואס האט נאך געלעבט, און געטראגן אין זיך האפענונגען פאר געזונטער באנייאונג, איז ער געווען ווי זיין געשטאלט שמעון אדלער, וועמען ער האט שפעטער אזוי הערלעך און קרעפטיק געשטאלטיקט אין זיין גרויס ווערק "דאדיע קאוואל".

-- לייבל נחמן יעקב מאירס האט זיך היפש אוועקגערוקט פון שורש זיינעם, -- האבן פרומע עלטערע יידן גערעדט וועגן אים מיט באדויער.

--מיין ברודער לייבל טראגט אויף זיינע פלייצעס די יידישע שול, און איך, ווי איר זעט פארקויף שיך און שטיוול, -- האט גערעדט צו מיר דער יינגערער ברודער, ברוך, וועמעס לידער זענען דערשינען אין נחמן מייזילס "ליטעראַרישע בלעטער".

-- לייבל, פאר וואס אזא טראציקייט צו טריסק אין דיין בוך "איך און אקופירט שטעטל"?

-- האב איך אים געפרעגט.

-- עס געפעלט דיר נישט מיין בוך? -- האט ער שטיל געפרעגט, קוקנדיק פון א זייט.

-- עס איז דא טאלאנט אין דעם, לייבל, קרעפטיקער שילדערונגס-כוח, איז ווי זשע קאן דא זיין א רייד וועגן נישט געפעלן? -- האב איך פרובירט קלאר צו מאכן, אבער דערביי בין איך באשטאנען אויף מיין טענה: אזוי פיל טראציקייט? אזוי פיל ביטערקייט?

איך געדענק, אז ער איז דעמלט געלעגן אויף א באנק לעבן דער שול און זיך געוואַרעמט אין דער נאכמיטיקדיקער זון: זיין טונקל-הויטיק פנים האט אויסגעקוקט פארמאטערט, און איך האב אנגעהויבן פילן געוויסנביסן פאר מיינע טענות צו אים.

"אט איז א יונגער מענטש -- א צווייג פון א שטאם, וואס איז געוועזן מיט יארן צוריק אזוי גרינג און צעבלעטערט דא אין שטעטל".

פאר מיינע אויגן איז געשטאנען זיין זיידע -- דער שיינער רב יעקב מאיר -- גבאי ראשון ביים טריסקער מגיד רב יעקב לייבעניו, וועלכער האט געהאט א שם פאר זיין תורה און חכמה און זיינע שטענדיק געפוצטע שטיוועלעך. נו, און זיין פאטער נחמן -- אן איידעלער יונגערמאן, וואס איז מיט זיין נאך איידעלערער מוטער געשטאנען אין דער זעלבער שיך-קראם, אין וועלכער עס שטייט איצטער זיין יינגערער ברודער ברוך. איך האב אויך געטראכט פון זיינע עלטערע ברידער אברהם און משה, וואס זענען אזוי פריצייטיק אוועק פון דער וועלט, און אט ליגט ער דא לעבן מיר אויסגעצויגן אויף דער באנק לעבן דעם זיידנס שטוב, וואס איז איצט די יידישע קינדערשול און איז אונטער זיין אויפזיכט.

" נו, יא, א לערער, און א טאלענטירטער שריפטשטעלער, וואס קומט צום אויסדרוק דורך דער נאוועלע און די פיינע און קלוגע משלים, וואס דערשיינען פון צייט צו צייט", --האב איך געטראכט.

--דיר איז גוט. דו לעבסט אין אמעריקע, וואס איז אזוי ווייט פון דאנען, און עס איז זייער נאטירלעך, אז ווען דו פארטראכטסט זיך דארטן א מאל וועגן דיין שטעטל, זאל דאס אויפגיין פאר דיינע אויגן ראמאנטיש, אבער אזא ווי איך, וואס לעבט דא?

פניס, ער איז גערעכט געווען. א סימן? דאס בוך "דאדיע קאוואל", וואס ער האט געשריבן זייענדיק דערוויטערט פונעם שטעטל, איז גאר עפעס אנדערש, ווי זיינע פריערדיקע נאוועלן וועגן דעם זעלבן שטעטל.

ווי און ווינד, אז עס האט געדארפט צו דעם קומען! אט איז אט דער "ווי און ווינד" וואס האט אפגעווישט אין זיין צער-פול געמיט די טראַציקייט און די פארוואנדלט אין אומגעהויערער ליבשאפט.

אמת, אז אויך די ליבשאפט האט אים נישט פארבלענדט, און ער זעט אויך די שאטנדיקע זייטן פון די מענטשן, וואס ער האט מייסטערהאפט פאר אונדז געשטאלטיקט, אבער אפילו אין די שאטנדיקע זייטן איז דא זיין אומגעהייערע ליבשאפט און פארשטענדעניש, וואס איז גאר רירנדיק.

עס איז נישט נאר די צענטראלע פיגור "דאדיע קאוואל" אין זיין בוך. עס זענען אויך די אלע אנדערע, וואס זענען אדורך זיין קינסטלעריש ליכט, דורכויס נייע געשטאלטן אין אונדזער יידישער ליטעראטור.

גרשון טראטש און רייזע מלכהניו דער רביצינס - צוויי פיגורן, וואס זענען גאנץ צופעליקע אין דער גרויסער שילדערונג, -- דער ערשטער, ווייל ער איז דער פאטער פון "דאדיע קאוואל", און די צווייטע -- אן אלמנה, וואס איז אריבערגעבראכט געווארן דורך מלכהניו דער רביצינס פאר א קעכין פון אן אנדער שטעטל און זי ווערט גרשון טראטשס ווייב און אזוי ארום דאדיעס שטיפמאמע. איז דאס נישט אזוי אין צוזאמענהאנג מיט דאדיעס לעבן, וואס זיי ליכטיקן אויף פארן לייענער זיי קיין מאל נישט צו פארגעסן, -- זייערע געשטאלטן ליכטיקן זיך פון דער מייסטערהאפטער שילדערונג און דעם אופן, ווי אזוי זיי זענען מאן און ווייב געווארן.

דאס בילד פון דעם קנאכיקן, בארוועסן גרשון אויף דער קלאץ פון דער טראטשקע מיט די אויסגעהארעוועטע פינגער איבער דעם הענטל פון דער זעג, וואס איז איצט נישט אין באוועג, ווייל אונטן איז זי, רייזע מלכהניו דער רביצנס, מיט א זעקעלע כלומרשט פאר א ביסל פרישע זעגעכץ פאר איר קיך, אבער אין דער אמתן איז זי געקומען, כאפן א קוק אויף אים, מיט וועמען א שדכן זוכט זי צו פארשלייערן, איז אזא מייסטערשאפט, אז עס גייט אייך נאך.

-- אררבעטס, אררבעטס, -- זאגט זיביין אוועקגיין, און ער קוקט איר נאך מיט זיינע שיינענדיקע אויגן פון דער קלאץ ארונטער אין דעם זוניקן, זומערדיקן פרימארגן.

פון אט דעם געמעל טראגט זיך אזא טיף-מענטשלעכע ליבשאפט, וואס לאזט זיך ממש אנטאפן מיט די הענט.

און זענען זיי דאך נישט די איינציקע! דאס זעלבע איז מיט יונה סעווריוק -- דעם פריילעכן באלעגאלע מיט דער בעלמא אויפן אויג, וואס ברענגט נאך בולטער ארויס די בלענדיקייט פון זיין צווייטן, זעענדיקן אויג.

ער האט נישט קיין לשון אין מויל, אט-דער יונה סעוועריוק. אבער פון דעם אומריינעם לשון שלאגט א מחיהדיק ריין הארץ פון א טייערן עמך-מענטש.

דאס זעלבע ווייזט ער אונדז אויך אויף א פיל ברייטערן פארנעם אין דעם כאראקטער, פון זיין הויפט-געשטאלט "דאדיע קאוואל". א מויל, וואס שיט פון זיך מיט פריסיק, ווי זיין צווייטער נאמען איז, אבער אינעם פריסיק זשארעט אויף אייך א הייס, ארנטלעך מענטשלעך הארץ, וואס געווינט אייך דורך דעם גאנצן גאנג פון זיין פריער יינגלשאפט ביז ער מאכט צו אויף אייביק זיינע שווארץ-בריענדיקע אויגן, ארומגערינגלט פון זיין ווייב, די בנים, די טאכטער אסתרקע און אלע איבעריקע פון זיין פארצווייגטער משפחה.

עס זײַנען דא אזוי פיל פיגורן און פיגורעלעך ארום דער צענטראלער פיגור יידישע און אויך ניט יידישע - פרויען און מענער, דערוואקסענע און יוגנטלעכע, וואס האלטן אייך געשפאנט מיט זייער געראנגל אינעם לעבן פונעם שטעטל און מיט דער קאליריקייט אין זיך גופא, אז איר גייט מיט זיי מיט און ווילט זיי נישט פארלירן פון די אויגן.

דער גאנג איז א גאנץ היפשער. א מהלך ממש. ער ציט זיך פון די יארן אין דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען די עסטרייכער האבן אקופירט דאס שטעטל. איר זעט פאר זיך די איבערגאנגען פון דעם זעלבן ישוב אונטער די זיך בייטנדיקע מאכטן. יעדע נייע מאכט לייגט ארויף איר חותם, און יעדער נייער חותם לאזט איבער הינטער זיך א ירושה, וואס דער נייער חותם קאן נישט אזוי גרינג פארווישן.

די יארן פון דער פוילישער מאכט האבן אריינגעבראכט מער אדער ווייניקער אן איינגעשטעלט לעבן, אבער דאס שטעטל האט שוין נישט מער דאס פנים, ווי עס האט געהאט אין דער צייט, ווען רייזע מלכהניו דער רביצנס איז געקומען אנקוקן איר גרשונען אונטער דער טראטשקע. דער רבישער הויף איז שוין לאנג א פארלאזענער. אויפן ארט, וווּ עס איז געשטאנען די קיך און דאס בעדל, סאפעט איצט א פאראווע מיל און שטעלט שוין אפילו צו איינציקע עלעקטרישע לעמפלעך פאר די שטעטלדיקע שטיבער. יידן ציען דאס ביסל חיונה אונטער דער נייער פוילישער ארדענונג און קהלן זיך, ווי אין אנדערע שטעטלעך פון דעם מין, אונטער דער זעלבער ארדענונג.

ווער עס האלט זיך נאך געטריי צום שטאטישן בית-מדרש, כאטש די ספרים אין אים ליגן שווייגנדיקע און פארשטויבטע אין דער אלטער, האלב-געבראכענער שאפע, און ווער עס איז אוועק אויף גאנץ אנדערע דרכים.

עס פעלן דא נישט די פארטייען, ווי אומעטום. ציוניסטן ארום דער העברעישער קינדער-שול "תרבות", בונדיסטן און אנדערע "איסטן" -- ארום דער יידישער קינדער-שול, וואס ווערט ביסלעכווייז דער צענטראל-פונקט פון יידישיסטן און גלאט באלמעלאכעס.

עס טוט זיך און עס קאכט זיך, כאטש דאס גאנצע שטעטל איז א גענעץ די גרייס. שמעון אדלער -- דער לייטער פון דער שול איז אן אנגעזעענער

כוח סיי מיט דעם גרויסן יחוס, וואס שלעפט זיך אים נאך, סיי מיט
זיין וויסן און זיין אייגענער פערזענלעכקייט.

ל. אליצקי איז היפש שפארזאם אין זיין שילדערונג פון אט-דער
אינטערעסאנטער געשטאלט. אפילו אין זיין ליבשאפט צו זיין געראטענער
תלמידה אסתר, אדער אסתרקע פריסיק -- די טאכטער פון דאדיע קאוואל,
האלט ער שמעון אדלערן הינטער א שלייער. דאך דעעך מיר אים גאנץ
קלאר. ער וואקסט זיך פאנאנדער פאר אונדזערע אויגן מער דורך דער
צארטער ליבשאפט פון זיין תלמידה צו אים, ווי דורך זיך אליין.

אבער די צענטראלע פיגור פון אט דער גרויסער שילדערונג איז
דאך דאדיע קאוואל, ארום וועלכען עס דרייט זיך דורך קאליידאסקאפיש
דאס לעבן פונעם שטעטל מיט אירע איינוווינער פון דער ערשטער וועלט-
מלחמה ביז ערב דער צווייטער.

פאר וואס ער האט אויסגעקליבן דאדיע קאוואל, ווערט קלאר, ווען מע
כאפט אויף דעם גרויסן איבערגאנג אינעם שטעטל פון דער פאטריארכישער
כלי-קודשדיקייט צו עמכדיקייט.

א מאל, א מאל, ווען דער רבי רב יעקב לייבעניו האט געקיניגט אין זיין
הויף, און די עקאנאמיק פון די איינוווינער איז געווען אפהענגיק פון
דער שפע, וואס די טויזנטער חסידים פון נאענט און ווייט האבן מיט זיך
געבראכט, איז די אנזעעוודיקייט געווען ביי די גבאים און ביי די
תלמידי-חכמים פון שטעטל, אבער זינט דאס האט זיך אויסגעלאזט, איז די
אנזעעוודיקייט אריבער צום פשוטן יידן, -- דעם הארעפאשניק, דעם
בעל-מלאכה, און ווער צווישן זיי האט געקאנט כולל זיין אט-דעם שיכט
אויב נישט דאדיע קאוואל -- דער מייסטער, צו וועמעס קוזניע עס האבן
געשטראמט די פריצים מיט זייערע בריטשקעס און קאליאסלעך, ווי די
פויערים מיט זייערע פשוטע וועגענער און אזוי-ארום געבראכט שפע אין
שטוב אריין?

ל. אליצקי פירט אונדז אין דער דאזיקער שטוב אריין און ווייזט אונדז
דאדיע קאוואל אין דער מלוכה פון זיין פארצווייגטער משפחה, די שטילע,
הכנעהדיקע מינציע, וואס כאטש זי האט נישט ביי אים אזא מזלדיקע דאליע,
פירט זי דאך די באלעבאטישקייט אויף א רחבות-דיקן אופן. איר טיש איז
דער בעסט-געדעקטער נישט נאר פאר איר מאן מיט די בנים, נאר אויך אפילו
פאר דעם נישט-יידישן ארבעטער, וואס ווערט באהאנדלט גלייך ווי אירע
בנים, און פארשטייט זיך, אז קיין אורח פעלט קיין מאל נישט אויף שבת.

דאדיע קאוואלס טיש שפרודלט נישט מיט קיין תורה, אבער דערפאר איז די
אכילה ממש אן עבודת-הקודש, און דער כוהן-גדול דאדיע מונטערט אלעמען
און ספעציעל - דעם אורח, אז ער זאל טאן די מלאכה, ווי עס געהער צו
זיין.

ווי אין שטוב, אזוי אויך אין דער קוזניע צו די בנים און דעם נישט-
יידישן ארבעטער. ער מונטערט צו ארבעט מיט זיין אייגענער ענערגיע,
און ער איז שטאלץ מיט דער פלינקייט און פרעציזקייט פון זיין מלאכה.

ער איז צוגעבונדן צום בית-מדרש, צו די תפילות אין אים, נישט מחמת פרומקייט, נאר מחמת צוגעבונדנקייט צו דער איינגעווארצלטער יידישקייט, אין וועלכער ער איז איינגעוואַנט פון זיין פריסטער קינדהייט.

דאס זעלבע פאדערט ער מיט טאטישן באפעל פון זיינע בנים, און דאך איז ער דער ערשטער צו דערפילן די ריינע כוונות פון זיין איציקן, וואס חברט זיך מיטן אוקראינישן אונטערגרונט.

-- מיין בעל-יושר, -- רופט ער זיין איציקן, נישט אן פיעטעט אין זיין קול, ווייל ער הערט פונעם זון זייער אפט דאס ארנטלעכע ווארט.

ווען מען באפאלט די שטוב אין מיטן נאכט און מען פירט אוועק זיין איציקן געקייטלט אין קייטלעך, נעמט ער ארום זיין מינציען און טרייסט זי:

-- נו, איז וואס? ער האט, חלילה, עמעצן באגנבעט, צי עמעצן שלעכטס געטאן? --

דאס זענען בלויז שטריכן פון דאדיע קאוואל, ווי ל. אליצקי ווייזט אים פאר אונדז.

און עס ווערט פאר מיר קלאר די ליבשאפט אין דעם קינסטלער צו אט דעם טייערן פאלקס-יידן. ער פארזעט נישט דעם שאטן, אבער דאס ליכט איז אזא בלענדנדיקס.

נישט אומזיסט ווייזט ער אים פאר אונדז אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן אינעם געשטאלט פון יעקב אבינו, וואס ליגט אויף זיין געלעגער און רעדט צו זיינע קינדער, וואס שטייען ארום אים.

און דאך איז דאס נישט נאר דאדיע קאוואל אליין אין אט-דעם בוך, וואס טראגט זיין נאמען. עס איז אויך שאמע שמש, די לערער בעקערמאן און ברינמאן, דער טוער לעווין, דער יידישער צורר "קוויאטעק", וואס איז א מין פארלויפער צו די יידן-ראטלער בימי היטלער, און דער עיקר-- שמעון אדלער און אסתר פריסיק.



המורים והמועצה הפדגוגית של ביה"ס ציש"א:
לייבל אוליצקי, ש.ז. פקרסקי, המורה
שינברג, (לא ידוע), אברהם סגל, ליבר ברנר.

ל. אליצקי

איציע באלעגולע

טא, איציע נוחס, איציע באלעגאלע,
(די ביימש האט ער באקומען בקבלה
פון טאטן נוח, אפשר נאך פון זיידן;
זיי רוען היינט שוין ביידע אין גן-עדן;
מיט זיי די אייניקלעך זיך מעגן גרייטן), ---
אזוי האט ער אין שטעטל טריסק געהייסן.
א הויכגעוויקסיקער, געזונטער, דרייסטער,
און וואס ביי יעדן אויפן הארצן ווייסט ער;
זיין פנים -- קנאכיק, שארף און מאגער;
א יונג א פריילעכער, א ווערטלזאגער,
האט ליב דעם עולם לאכעדיק צו מאכן
און לוסטיק און פאררויטלט מיטצולאכן.
--- איר זעט, --- און ס'מיניעט זיך זיין הויט די רויטע. --
א קיצל איז מחיה-מתים טויטע... --
צעלאכן זיך אפילו אלטע יידן
און שאקלען מיט די קעפ אויף אים צופרידן.

פון איציעס שפאס באליידיקט זיך נישט קיינער,
ווייל גאר ניט זעלטן שפאסט פון זיך אליין ער.
-- איך האב געשפילט א ליבע... אויף א ווערטל,
עלהיי מע מאכט אום חנוכה א קערטל.
נו, איז עס אנגעקומען צו מיין טאטן.
"העי, בחור, -- זאגט ער -- ס'קאן דיך נאך פארשאטן,
ס'איז נישט קיין יידישלעכער משא-מתן,
זאל, איצעניו, א רוח אין דיין טאטן!".
און יעדעס ווארט -- באגלייט מיט בייזן ברומען.
ביז ס'איז דערפון "א ווארט" ארויסגעקומען,
און פונעם "ווארט" - א תנאים, ברעכן טעלער...
דער עולם? -- פרעגט ניט! אלע זענען מלא,
און אויך די קליאטשעס טאנצן אין די שטעלער:
ס'איז תנאים דאך ביי איציע באלעגאלע!
און נאך די תנאים -- וואס דא לאנג צו רייען --
אין גיכן מאכט מיך חתונה דער דיין.
אויס שפיל אין ליבע... די כלי-זמרים שפילן
א ווייגעדיקס -- איך זאל מיין פרייד דערפילן...

ווען ס'יונגע ווייבל איז פארגיין אין טראגן,
האט איציעס שעה צום "דינען-גיין" געשלאגן.
איז איציע גרייט געוועזן זיך אונטערגעבן:
-- א שווערע יאזדע איז דאס גאנצע לעבן,
נאך אלע "היומ"ס און נאך **אלע "חסדו"ס,**
און איך געוויינט בין צו די שווערסטע יאזדעס...

ביז היינט האב איך די פערד געשפאנט איך וואגן,
געשראקן מיט דער בייטש און אויך געשלאגן, --
איז איצט אויף מיר א בייזע צייט געקומען
צו לאזן שפאנען זיך אליין און - שטומען...
אזוי דאס מלכות וויל. דו האסט א ברירה?
פארפאלן... נעמען זאל עס די כאליערע !
הממ... זיי נישט, טייערינקע, מעלה-גרה
די טרערן... דאס איז פשוט אן עבירה...
כ'וועל קומען... וועל דיר קושן, ווי א שמה...
כ'בין נישט קיין פערד, זיי דו נישט קיין בהמה...
דו בלייבסט דאך ניט אליין - מיט שווער-און-שוויגער,
און אויך מיט דעם, כאטש ס'איז נאך נישט קיין היגער:
דאס לאשיקל, וואס האלט ביי דיר אין ווערן.
זע, ס'קאן דעם נאך פארשאטן דיינע טרערן...
אז דו וועסט וויינען, וועט עס זיין א וויינער,
און איך וויל האבן -- הארכסט? -- א יונג מיט ביינער!
אז פריילעכדיק זאל שטראלן, ווי א זון, ער,
ווי מ'פאסט זיך פאר א זון פון א דראגונער...

ס ארמאך דאס מויל! -- האט נוח זיך צעשריגן
און בייז אים אנגעקוקט. -- אויב ווילסט נישט קריגן
א "בענטש" איך דער פאטילניצע... דער טאטע
האט גארנישט וואס צו זאגן שוין? א שמאטע?...
קוקט אן נאר ! מיין דראגונער נאך א שפארן
איז מיט א גאנצן "רעטש" ארויסגעפארן:
ער לויפט, ער גאלאפירט צו די סאלדאטן !
מע פרעגט שוין גאר קיין עצה ניט ביים טאטן?
און אויף דער מאמען איז ניט קיין רחמנות?
זי וועט טאג-איין, טאג-אויס דאך פראווען תענית.
זי האט דיך ביי דעם מגיד אויסגעבעטן,
און דו דערוועגסט זיך אויף איר הארץ צו טרעטן...
אז ביסט אונדז א בן-יחיד, גאר פארגעסטו?
וואס טאטע-מאמע זאגן, פאלגן וועסטו!
-- העי, טאטע! מעג מען רעדן לשון-הרע
אויף אייגן בלוט-און-פלייש? א צולאג-צרה!
ס'איז ווייניק אנגעזאלעט אויף מיין הארצן?
איז ווילסטו מיר דאס פנים נאך פארשווארצן...
זאל משה שמש רופן צו דעם דיין
אויף א דין-תורה קייסער ניקאלייען,
פאר וואס ער וויל כ'זאל אנטאן זייך כלי-זין,
און זאל רב שיע פסקענען: באפרייען!
-- כ'גיי העכער, -- זאגט דער טאטע -- גלייך צום רבין,
ער זאל אונדז ראטעווען, אן עצה געבן.

אס "קוויטל" דירכגעקוקט פארטיפט-געלאסן,
ד רב יעקב לייבוניען פארגלוסט זיך שפאסן:
-- איז האלטן מיר ביי "אלה תולדות נוח"... --
נאך תיכף ווערט ער ערנסט, קנייטשט דעת מוח
און לאזט אראפ די ברעמען, גלייך ווי שטארן --
אוי, בורא-עולם, גיב די יידן כוח
די צרות אויסצוהאלטן... א חסרון...
צו באלעגאלעריי מע קאן דאך טויגן,
אפילו ווען מע האט נישט ביידע אויגן...
דער עיקר -- מ'ט גאטס הילף מע זאל דערפארן... --
ס'איז נוחן די "תורה" נישט פארשטענדלעך,
נאר ס'ווערט דעם צדיקס עצה קלאר אים ענדלעך,
און ווי צו ראטעווען זיין זון שוין ווייסט ער...
ער קומט אהיים צערודערט - א געטרייסטער,
כאטש ס'איז אים מער צום וויינען, ווי צום לאכן...
-- נישטא קיין ברירה, איציע, מוזט "אן אויג זיך מאכן"... --
ווערט איציעס פנים בלאס און רויט-צעצונדן,
ווי עמעץ וואלט אים הענט-און-פיס געבונדן
און נעמט זיך, אים די אויגן אויסצושטעכן.
ער שטאמלט: -- טאטע... מאמע... הינדע... כ'רעכן... --
געבעט און צארן אין זיין בליק זיך בייטן,
ער פילט ווי אלץ אין זיין געמיט ערשט ציטערט,
פארמאכט די אויגן, שעפטשעט שטיל, פארביטערט --
איך האב אין דרערד, וואס ס'וועלן זאגן לייטן,
נאר דו, מיין ווייב, און ס'קינד וואס גייסט געבוירן?... --
און בליק אויף בליק זיך שארפט און מאנט פארלוירן.
ביז הינדע שעפטשעט: -- ס'אויג... ס'איז אן עבירה...
נאר האבן מיר דען, איצעניו, א ברירה? ---
און פון די ברעמען קאפען טראפנט שווערע.
--- איז גוט... -- זיצט אפ ער. -- כאפט עם די כאליערע!


גייט עטעלע אין שולע, לערנט יידיש,
ס' אלצדינג אויף יידיש, נו, ס'איז נישט קיין חידוש --
מיט יידיש גרינגער איז דעם שכל שארפן;
און, ווי א ייִנגל, קנעלט זי לשון-קודש...
-- צו זאגן קדיש, מ'זאל עס נאר נישט דארפן?...
די צרה ז'נאר: ווען ס'לויפט פארביי דער חודש,
מע מוז אין שולע דעם שכר-לימוד שיקן...
אומשטיינסגעזאגט, דער שולעס וואזשנע גליקן!
מה נאמר -- וואס איז דא א סך צו זאגן,
א לערער האט א קאפ, נאר אויך -- א מאגן;
א לערער צון א וואגן איז געגליכן:
א נישט-געשמירטער, הייבט ער אן צו קריכן...
איז מוז מען קארגן פונעם מויל און צאלן,

כל-זמן מע ווערט פון הונגער ניט געשוואלן,
כאטש ס'ווערט די צייט אלץ הארבער, שווערער;
מע שמועסט, אז זיי הונגערן, די לערער...
זי שיקן איך "פאווּשעכנע"? נעמט זי וויינען,
אז... דארטן שעכט מען קינדער, קאן מען מיינען;
נו, שעכטן איז א גוזמא, נאר -- אן שפאסן --
די שנאה שינדט פון זיי, די "זשידקעס", פאסן...
אפילו אשרקע, מיין יורש-עצר,
וואס וואיעוועט ארום אויף אלע פלעצער
און שרעקט זיך נישט פאר פערד, פאר הינט און שקצים,
פאר יאשטשערקעס און כל-המיני שרצים,
ווי חוצפהדיק סע איז געווען בשעתו
זיין לייטישער, געסטאטקעוועטער טאטע, --
פאר דער "פאווּשעכנע-שקאלע" האט ער מורא,
און גייט שוין גערנער אין דער תלמוד-תורה;
און אויב ער כאפט אויך דארטן פעטש פון רבין,
זאל זיין עס צום געזונט אים און צום לעבן...

א, איציעס לעבן פאקט מיט גרויסע זארגן,
וואס קומען אונטער פרישע יעדן מארגן,
נאר ס'איז גענוג דער צייט א ליאדע צערטל,
ער זאל פארטרייבן זיי מיט זיינס א ווערטל;
די זארגן מאכן אים ניט פאר קיין קלאגער,
פארעקשנט בלייבט ער אלץ דער ווערטלזאגער.
זאל דרך-ארץ האבן ס'גאנצע שטעטל
פאר איציע נוחס ! ווייל זיין עטל
(פון הינדעך זיינער ווערט ער דאס געווירע)
וועט שפילן אין טעאטער -- דבורה, דבורה
הנביאה, -- און דו הערסט? -- אויף לשון-קודש!
זי חזרט פון תנ"ך דעם גאנצן חודש,
און ס'זאגט דער לערער לייבל, אז אין קבר
ביי דבורהן ציטערט אלע מאל אן אבר,
ווען זי דערהערט פון עטלען א י ר ע ווערטער:
פון קינדערס מיילער -- קאן נאך זיין באגערטער?
און אט-א!... אין טעאטער זיצט בראש ער,
פון איין זייט -- הינדע, פון דער צווייטער -- אשר,
ארום און הינטן -- "עמך", לייט צעהיצטע;
אין "זאל" איז טונקל, און די ווענט -- פארשוויצטע.
וואס מ'האט שוין אלץ געזען, געהערט דא! ווונדער!
נאר אויסצוקוקן יעדעס קינד באזונדער!
דער רייד-געדויש איז הייס, ווי ער וואלט גליען;
מע ווארט, דעם פארהאנג זאל מען נעמען ציען.
סע דאכט זיך איציען, אז אויף קוילן זיצט ער,
ער אטעמט שווער, און ווי א ביבער שוויצט ער:

ווען טוט זיך א באווייז שוין עטל-דבורה?! --
זיין "אייגן שטיקל באלעגאלסקע סחורה"...
און מיט א מאל -- די נאכט פארפלייצט די אויגן.
ס'איז פינצטער. שא. דער פארהאנג ווערט געצויגן,
און עמעץ איז פון הינטער אים מודיע:
-- ס'געזאנג פון דבורהן -- דבורה די נביאה!

י סצענע -- משטיינסגעזאגט איר גרייס אין גאנצן,
נאר זעט: א געלער זאמדוועג, לאנקע, פלאנצן,
א שטאלטנע פאלמע, -- סארא פרישע, גרינע!
און לעבן איר -- א פרוי אן איידל-דינע,
ווי ניט פון לייב, א רוחניות, א הויט-און-ביינדל;
פון קעפל שיינט אראפ א גאלדן קריינדל,
און אונטער דעם -- צוויי גליענדיקע אויגן,
א פנימל -- א טינקלס, אפגעצויגן
און ערנסט-שטאלץ: א קייסערלעכע טאכטער,
פאר וועלכער אלע באלד זיך בוקן וועלן.
"מיין עטל!" -- כאפט זיך איציע א צעקאכטער.
ער וואלט פאר איר זיך אויף די קניעס שטעלן
און הייסן הינדען זיך א לאז טאן טאנצן...
איר קליינד דאס לאנגע -- ווייסער שוין אין גאנצן,
בלויז פעדעם גאלדענע דערינען גלאנצן,
פון אונטער דעם -- מיט שימער פעכלען, בליצן
פון גאלדענע פאנטאפעלעך די שפיצן...
ס'איז ממש אויפן ארט נישט איינצוזיצן!
און ווי זי שטייט אזוי אין זיך פארזונקען,
זיי הייבט אן רעדן; ווי עס וואלטן פונקען
פון אירע אויגן שפריצן צו דער נידער,
און מיט באוועגונג רעדן אויך די גלידער;
א הייב די ברייטע ארבל --פליגל ווייסע!
א קינד פון "פערד-און-וואגן" -- הערט א מעשה!
און זאגט העברעיש! זאל זיך עס גאר שייען!
איר עבו־י מעג מקנא זיין דער דיין!
ווי דורכגעגליטע טראגן זיך די ווערטער,
און ס'טראגט דעם עולם אונטער פון די ערטער...
ווי פלוצעם... שוין?! ... א דונער פאטשערייען...
ס'ווערט טונקל-ליכטיק, פארהאנג איז פארצויגן.
און איציע קוקט זיין הינדען אין די אויגן:
פארטערטע ברעמען מיט א רעגנבויגן...
--- און ווו איז אשרקע, דאס תכשיטל? --- געפלויגן
אהין, צו עטלען, הינטער די קוליסן. --
און ווידער אירע אויגן טרערן פליסן.
צעשמייכלט ער זיך: --- הממ... אזוי די זאך איז:
ווער ס'וויינט פאר צרות, ווער פאר פרייד און נחת;



כראה טוזיץ נוח'ס
לל. אלוזקין

מיר קאנען, הינדע, מאכן ערשט יד-אחת... --
ער האט דעם קאפ צו דרערד אראפגעבויגן,
ווייל ס'האבן אים געטרערט שוין בײדע אויגן,
און שטיל געשעפטשעט. -- מיינסט, איך וויין? איך לאך עס...

די יארן לויפן. ס'וואליען אײן זיך שטאמען,
נאר פרישע, יונגע ביימלעך זיי פארטוישן.
--- איך פראוו יארציימן נאך טאטע-מאמע,
און עטעלע און אשר וואקסן, רוישן.
סע האט געניידערט קיין מצרים יוסף,
און עטל מיינע -ערגעץ-ווו קיין קאלסעוו.
זי האקט פאר פרוטות דארטן, זאגט מען, שטיינער
און טאנצט א "הארע"... וויינט, ווען ס'זעט נישט קיינדער,
אז... אז א רוח אין איר טאטנס ביינער!
אויף "הכשרה" איז זי אוועק מיט מיין הסכמה
און ליגט דארט, נעבעך, טיף אין דער אדמה.
וואס אמת איז, זי שרייבט דערויף א תירוץ: -
איך שולע איז געווען איר גאט -- א פרץ!
און היינט דער גאט דער איינציקער איז -- ארץ!
כאטש ווען זי וועט אין ארץ פארן, כ'ווייס נישט,
נאר ארצה ליגט זי... זאגן ווידער: "כ'הייס נישט,
ס'איז, עטל, נישט פאר דיר קיין משא-מתן!?"
און כ'זאג איך -- עטל וואלט געפאלגט דעם טאטן,
ווייל ליב האט זי דעם טאטן מיט דער מאמען,
ווי פרצן מיט ארצן צוזאמען, --
נאר ווייס איך? כ'ווייס, איך בין שוין נישט קיין יונגער,
און אין מצרים... מאכט זיך אפט א הונגער;
און נדן איז דאך אפגערעדט, פארשטייט זיך, --
איז האט מען זיך צעקושט, געוויינט, צעשיידט זיך.

די צייט זיצט איינגעמיעשטשעט אין א וואגן
מיט פערד, געטריבענע פון טוידנט בייטשן,
און האט קיין ברירה ניט -- זי מוז זיך טראגן, --
געזאגט האט איציע, ווען סע האט די דייטשן,
ווי חיות, אנגעטראגן אינעם שטעטל. --
נאר לאמיר דאנקען גאט, וואס אונדזער עטל
געלערנט האט אין שולע שפילן דבורה.
ווי זאגט מען: "תורה איז די בעסטע סחורה";
זי האט געזען בנבואה, אט-אפנים,
דעם אנפאל פון די בלוטיקע יוונים,
און צון איר גרינער פאלמע איז אנטרונען; --
זי האט געשפילט, און אויסגעשפילט -- געוווּנען !
און מיר -- סע ווארט אויף אונדזער בראך שוין וואכן
דער רויטער עשו, אונדזער ליבער שכן,
און טאקע ער וועט מאכן די התחלה --
אן ספירט אפילו איז ער מלא...

מיר ליגן איינגעלייגט אין קויש אויף צרות.
אויב אלץ, וואס מע דערציילט נאר, וואר איז,
דער דייטש וועט אויסרויבן אזש ביז א פאדעם,
דערנאכדעם הייסן קוקן אין "בני-אדם"
און שלאגן מיט אונדז אלעמען כפרות.
און גיי און צום "ונתנה-תוקף" לאד אים!
אז דער "ונתנה-תוקף" זיצט אין הימל
און אפשר... אפשר כאפט ער דארט א דרימל.
וועז ניט -- ווי וואלט ער דאס ביז היינט פארשוויגן?
נאר מאך! ווער קאן מיט גאט זיך קריגן!
אז ער איז אויף דער וועלט דער גרעסטער דיין,
און דו -- א ווארעם; בלויז די ערד קאנסט קייען...

ל
ישט היינט -- איז מארגן! כ'פיל:
ס'איז' שוין די לעצטע שפיל.
מע וועט, סיי יונג, סיי אלט,
אונדז מאכן שטום און קאלט.
איך לאז זיך צון א גוי,
וואס איז נישט... כ'מיין אזוי...
פארביסן, אויב נישט גוט,
און דארשט נישט יידיש בלוט,
אים בעטן: גיב אן ארט
זיך צו פארשטעקן דארט,
אין שטאל, אויב ניט אין שטוב,
אין א קארטאפל-גרוב,
אין סטאדאלע אין היי,
וואס ווייטער נאר פון זיי. --
אזוי געזאגט האט איציע באלעגאלע
צו ווייב און זון און טויטעלכער בהלה
און איז אוועק... אויף אימת-מות-פחדים,
און גייענדיק געשעפטשעט שטיל: "בני-אדם"...

פ
נעל שפאנט דער עולם, ווי מיט שטריק געבונדן,
צו דעם בית-עלמין מיט זיין לעצטן וועג.
די יוגנט האט די הייזער אנגעצונדן --
די שכנים זאל נישט בלייבן דער פארמעג.

פון קינדער רינט אראפ א גרוילער יאמער,
און ווייבער רייסן פון זיך זשמודעס האר;
א מאנצבל טוט א ווארטשע: "יידן, לאמיר...",
נאר וואס צו טאן, ער ווייסט אליין נישט קלאר.

די זקנים שלייכן שטיל זיך, גלייך ווי טויבן,
וואס שטרעקן אויס צום חלף זייער האלדז,
די בליקן צו דעם הימל אויפגעהויבן --
די זון, זי שיט זיי אין די אויגן זאלץ.


דער רויט איז העל, דער טראקס -- א זון-באשטראלטער,
נאר ס'פילט דער טראט פאר זיך א שווארצן תהום.
דרייט אויס דעם קאפ און שעפטשעט שטיל אן אלטער
"פאר וועלכע זינד ווערט טריסק פארברענט, ווי סדום?"

עס זוכן אום דעם טאטן אשרס בליקן,
אויך הינדעס בליקן זוכן אום דעם מאן:
איז אפשר? ... זאל אים גאט א גואל שיקן.
און ס'ווערט א רגע לייכטער זייער שפאן.

אויך עשו שרפעט דארטן -- פון נקמה:
זיי האבן צוגערויבט זיין מארכביין!
און איצקא (ס'צאפלט קוים שוין זיין נשמה) --
אין פייער זאל דער זשיד דער פארך גיין !

איז איציע ווייט שוין פון די גויים, דייטשן --
ס' ער זיצט מיט הינדען, אשרן צוזאמען
און טרייבט די פייער-פערד מיט פייער-בייטשן,
געשפאנטע אין א קארעטע פון פלאמען --

און זע, א "טראיקע" פערד פון בלויען פייער
יאגט אן... ווער זיצט עם דארט?... אך! עטל-דבורה!...
די ווייבט צעשמייכלט "טאטע מיין געטרייער :
אין ארץ ווארט אויף אייך א פולער שייער"...
ער האלדזט זי, קושט זי, ווי א ספר-תורה
און האט גאר פארן פייער ניט קיין מורא:
--- ווי גוט און וווויל איז, קינדערלעך. צוזאמען
זיך לייטערן און ווערן אויס אין פלאכען ---





בחצר הרבי

אין רבינס הויף



ר' אברהמ'עלע מגיד

(תקס"ו - ב' בתמוז תרמ"ט)

לך ה' הצדקה

פעם אחת במוצאי שבת קודש בליל ראשון של סליחות, ישב הרב הצדיק ר' אברהם מטריסק זכרונו לברכה בביתו ועמדו לפניו כמה אנשים, והוא דיבר דברים גבוהים ורמים, כדרכו בקודש, ואמר כי ביום הכיפורים בני ישראל במעלה גדולה לפני השם יתברך, ממש השם יתברך אינו חפץ מהם יותר, רק זאת פליאה בעיני מדוע אחר יום הכיפורים הם שבים חס ושלום למעשיהם הראשונים. אחר כך בא אליו אחד מנכדיו ושאל אותו מפני מה אינו הולך לבית המדרש, שכבר הגיע זמן אמירת סליחות. אמר לו אותו צדיק:

-- האם אתה מוכן כבר?

השיב לו נכדו:

-- וזקני כלום אינו מוכן עדיין?

אמר לו:

-- בוודאי איני מוכן לזה, כיאיך אלך לומר סליחות, הרי התחלת הסליחות היא "לך ה' הצדקה", ואני יודע שאין הדבר כך. הרי בנוהג שבעולם מה עושה אב שיש לו בן אף שאינו הוגן חס ושלום? הריהו מיטיב עמו, כדי שלא יתקלקל יותר, ובפרט שבני ישראל הם טובים וישרים, ואיני יודע, מה יש להשם יתברך עליהם?

אחר כך אמר:

-- אמנם "ולנו בושת הפנים", זהו אמת, על כן נלך לומר סליחות.

והלך לבית המדרש שלו לומר סליחות.

(מתוך "ימים נוראים" לש"י עגנון).

פעם נזדמן הצדיק ר' משה מקוברין לעיר טריסק. הלך להקביל פניו של המגיד ר' אברהם מטריסק. שאל אותו המגיד האם נשארו ספרים מרבותיכם? ענה רב משה ואמר, הן. שאל אותו, בכתב-יד או בדפוס? השיב ר' משה ואמר, על לבותיהם של ישראל, כמו שנאמר, כתבם על לוח לבך. (משלי ג').

ר׳ אברהמעלע טריסקער

אז רב אברהמעלע טריסקער איז א בן-שבעים געווארן,
האט ער צו זיינע חסידים געזאגט אזוי צו זאגן:
-- דער חוב פון קודשא-בריך-הוא איז מיר געגעבן געווארן,
און איצט וועל איך מיינע טעג, ווי מתנות שוין טראגן.

און נאך האט רב אברהמעלע טריסקער געזאגט: -- שבעים שנה
איז חוב, וואס קודשא-בריך-הוא קומט דעם מענטשן,
און מער איז פון זיין ליבן נאמען שוין בלויז א מתנה,
מיט וועלכער עס איז נישט כדאי זיך צו בענטשן.

די עלטער? מע ! נאר אז זי איז יא, איז מהיכא-תיתי
און אן עבירה א גרויסע זי נישט ערלעך צו האלטן. --
רב אברהמעלע טריסקער פלעגט זיך קילן אין טעג, אין די הייסע
און טראגן א ווארעמען פעלץ אין א טאג אין א קאלטן.

-- דאס לעבן איז קודשא-ברוך-הואס, דער מענטש בלויז דער שומר,
באדארף ער באהיטן און היטן דאס לעבן,--
היט אפ די נשמה און היט אפ דעם חומר,
ווייל בידע פון קודשא-ברוך-הוא געגעבן. --

אזוי פלעגט ער זאגן, און אין גופל דעם קליינעם
געטראגן האט ער מיט ליבשאפט און פרייד זיינע עלטערע יארן,
ביז איין מאל, נישט באמערקט גאר פון קיינעם,
איז ער, ווי א שבת-ליכט, פארלאשן געווארן.

ר׳ אברהמל׳ה מטריסק

זִישֶׁה וַיְינְפֶּר

כְּשֶׁמָּלְאוּ לְר׳ אַבְרָהָמְ׳לֶה שִׁבְעִים שָׁנָה וְיוֹם
כִּנֵּס וַיְדַבֵּר אֶל חֲסִידָיו לֵאמֹר:
לִי קוּדְשָׁא-בְּרִיךְ-הוּא סִלֵּק חוֹבוֹ עַד-תֹּם,
עַכְשָׁיו אֶשָּׂא כְּשַׁי כָּל יוֹם, כָּל בֹּקֶר-אוֹר.

וְר׳ אַבְרָהָמְ׳לֶה מִטְּרִיסְק פֵּרֵשׁ דְּבָרָיו: שִׁבְעִים שָׁנָה
חוֹב הוּא שֶׁל קוּדְשָׁא-בְּרִיךְ-הוּא לוֹ לָאָדָם
וְכָל שְׁאָר-זְמַנִּים, וְכָל הַשְּׁאָר, סְתָם מַתָּנָה,
וְלֹא כְּדַאי, וְלֹא כְּדַאי לְהִתְגָּרֵר בָּם.

הַזִּקְנָה? מְ-מֶ...אַךְ אִם הִיא כְּבָר יָרְדָה, תּוֹדָה לָאֵל,
עֲבֵרָה גְּדוֹלָה לֹא לְכַבְּדָהּ וּשְׁמוֹר;
וְר׳ אַבְרָהָמְ׳לֶה מִטְּרִיסְק בַּחֹם חִפֵּשׂ לוֹ צֵל
וּבַפַּרְוָה הוּא הִתְעַטֵּף בִּימֵי הַקֹּר.

הַחַיִּים הֵם שֶׁל קוּדְשָׁא-בְּרִיךְ-הוּא, אָדָם הוּא רַק הַ"שּׁוֹמֵר",
חַיָּב אֵפוֹא אָדָם עַל חַיָּיו לִשְׁמֹר.
לְהִשָּׁמֵר לַנֶּפֶשׁ; לִנְצֹר הֵיטֵב הַ"חוֹמֶר";
כִּי שְׁנֵיהֶם מֵאֱלֹקִים נִצּוֹץ אֶחָד טָהוֹר.



כָּךְ הָיָה אוֹמֵר, וּבְגוּפוֹ הַקָּט
נָשָׂא שְׁנוֹת-זִקְנָתוֹ בְּאַהֲבָה וּבְלַהַט.
וְכֹה עַד יוֹם אֶחָד, אִישׁ לֹא בָּאָה כֵּיצַד,
דָּעַךְ כְּנֵר-שַׁבָּת, דָּעַךְ-כָּבָה לְאַט.

(מִיִּידִישׁ – נ. לִיבְנֶה).



רבי מנחם נחום מטריסק

אבא

יוחנן טברסקי

א בא קרוי על שם ר׳ נחום מצ׳רנוביל. כרבי מאוסטרובצ׳י סבור אף הוא: -- מדוע אומרים "אין כאלוהינו, אין כאדונינו, אין כמלכנו", ואחר-כך שואלים: "מי כמוך באלים?" לאמור לך: רק המאמין, שאין כאלוהינו מותר לו לשאול "מי כמוך"?

ככל בני בניו של "המגיד" אוהב הוא להטיל עצמו בקיץ אל הטוריה ולצלוח את הנהר הרחב. יודע הוא לצלול כסנונית וכשמתייגע שוחה פרקדן וידיו שטוחות. בעיניו, שהן ספק כחולות, בחיוורון פניו, בזקנו הצהוב-הכהה, המשולש, יש משהו רוחני. חטמו הבולט, השולט, מעיד על יצרים עזים. באבא יש אמונה וכשרון-הדיבור ורבה השפעתו על הבריות.

תכופות נשמע ב"חצר" "הייטא-וויו" של בעל-העגלה. ה"ערמוניים" המדושנים זזים, המרכבה מרימה אבק -- קרקע של טריסק קרקע של חול. עוברים שבועות. "החצר" שרויה באור שחרית. משרתים ומשרתי משרתים מתלבטים לכאן ולכאן בשליחויותיהם, שווי-רוח כמטוטלת של אורלוגין. עוברים גבאים פנימיים וחיצוניים. עוברים חסידים ו"יהודים מכל ימות השנה" דקי-פאות ועבי-פאות. הדודים ואבא מהלכים על מדרכת-העץ. הם מחייכים זה לזה בשפתיים צעירות, מלוהטות, מספרים על הצלחותיהם.

-- ולו ראיתם, כמה חסידים באו אלי בטומשוב !

-- ו"התורה" שלי הרעישה את מאצייב !

גם אבא מספר על נסיעותיו. עיניו כחולות עכשיו ושמחות. הדוד ר׳ וולוולי, הצעיר באחים, אומר:

-- מיצוות "יגדיל תורה" קודמת ל"יאדיר"!

ושוב יוצאים האחים לדרך, זה לכאן וזה לכאן. - - -

באחד הבקרים לפני החג בא אבא. הוא לבוש מעיל-דרך ארוך, העשוי משי. הוא פותח מזוודות. מחלק מתנות. הוא מאריך חצי היום בתפילתו, ויש שבשמונה-עשרה הוא מכה כף אל כף ובאצבע צרדה וכופל את השם: אדוני, אדוני ! והוא מספר על מסעותיו בעיירות שונות, מלכות טריסק הגדולה.

בבילוזירקה, אחת העיירות העתיקות של ווהלין, יש קלויז טריסקאי, שלפנים היה קרוי ה"קלויז של בעל-השם" והבאר הסמוכה לו "הקריניצה של בעל-השם". ובאותו קלויז נמצא ספר "קרבן שבת" של הרב בצלאל, דרשן ידוע, שנדפס בבית-הדפוס, שהיה קיים בבילוזירקה לפני 140 שנה.

ובמאצייב, כשבא ה"מגיד" מטריסק או אחד מבניו, נוהגים שם להדליק פנס-נפט גדול, הניתן להינקות, אצל הקלויז הטריסקאי והוא מאיר את העיירה כולה, ולאורו אפשר למצוא בלילות, שאין הלבנה נראית כלל והבוץ עד הברכיים, את מעבו׳ות-העץ המונחות לרוחב הרחובות.

אבא אוחז את ספל הקהווה בבית-צביטתו ואינו גומע.

ובקולקי שבמחוז לוצק עומדים כל בתי-הכנסת על שפת הנהר סטיר. ובית-המדרש הגדול, הישן, של חסידי טריסק הוא, וקוראים לו "שטיבל של הרב". ובין בית-המדרש הישן והחדש עומד בית-הכנסת הגדול, המכונה "די גרויסע, הויבע שול". ומנהג הוא מדורי דורות, שליד בית-כנסת זה מסדרים את החופות, ואפילו ביום סער וגשם.

-- בית בישראל... -- אומר אבא פתע. -- ומה הם ראשי תיבות בית ? ׳בי ׳יתחילו ׳תורתי. ׳בתורה ׳יהגה ׳תמיד.

ועל ארון-קודש שבאיזו עיירה, מספר אבא, המצופה קישוטים מנחושת-קלל ויש עליו תמונות נאות של חיות ועופות. באחת הפינות של בית-המדרש יושבים לומדי "אותיות נשמה".

אולי מרבה הוא לספר על נסיעותיו והצלחותיו, משום שאינו מזוכי בית ושלום בית? אבא קם. מדבר על תכניותיו החדשות. ברצונו להשתקע בווארשה. שם יהיה הכול שונה. שם יעמיד כל דבר על כנו ועל מכונו ! --

מדרגות-עץ מוליכות לדירתנו, כמו אשה, אפשר לשנוא או לאהוב גם דירה בראייה ראשונה בחדר-התפילה, הוא גם החדר שבו נערכים ה"שולחנות", קבועים בחלונות מטילי-ברזל והם מזכירים ב"פאוויאק", שאת חומתו הגבוהה, המבוצרת, ראינו למול ביתו של הד"ר הינדס - אפרוריות עכרורית... לנו, לילדים, חדר מיוחד, אבל אין בו כלום מן הפרטי. אין לנו כל אפשרות להתיחד עם מחשבותינו, להתבודד מעט, מפעם לפעם תוקע מישהו את חוטמו בפתח ללא כל אזהרה. וכמעט תמיד יושב לפנינו המלמד רב ברוך. - -

שני אירועים נחרתים ביותר בזכרוני מתקופה זו. בחדר אבא עומדת, חצייה כלפי הפתח וחצייה כלפי החדר, אשה. אף אנקולי ושפתיה כחולות ויבשות. כמי שחושיו לקו אין היא שומעת ורואה את שישנו, ושומעת ורואה את שאינו והיא צועקת משהו ללא סדר בקול עמום, גברי. -

נרות שעווה ארוכים דולקים בניפצוץ קל. בחדר "מניין" יהודים, העטופים עיטף של מיצוות. והנה נותן אבא קולו. שופר מרעיד את האוויר. המומה מהקול ומהתרועה מתחילה אחוזת-הטירוף מיטלטלת. משפתיה נוזל ריר של פחד. הנרות דולקים עכשיו בלהט-יתר. בחוץ רועשת ווארשה רעש של חול.

ההצליח אבא לגרש את הדיבוק? איני זוכר. בווארשה כולה נכנס עכשיו דיבוק של שנאה.

ממול לגזוזטרה הקטנה שבחדר אבא משפצים בית. פועלים פולנים עומדים על הפיגום. למטה ברחוב עוברת זקנה, שביסה מפורח פרחים ואבני-נצץ קטנות מקובעות בו. ופתאום מפיל אחד הפועלים -- הבשוגג או במזיד? - לבנה. הזקנה מתנודדת, צונחת באמצע הכביש המחוטט. הלבנה ריסקה את גולגלתה, יללה. אני חש, השערות הקצרות שעל קדקדי סומרות. - -

ואף-על-פי-כן כמה טובה ישיבת ווארשה !

"חצר" טריסק מתרוקנת והולכת מבניה. הדוד דויד אהרלע בוחר למקום מושבו עיירה קטנה ז'וריק. הדוד וולוולי יצא לקובלי. הדוד משהלי משתקע בלובלין, המתהדרת בייחוס משני הצדדים -- שלנו ושלהם. שם היה מתכנס בימי הירידים הגדולים ועד ארבע הארצות והיו נמשכים מכל הגלילות סוחרים ושדכנים. לובלין - חומת-הגיטו העתיקה עמוקת הכוכים, בתי-מדרשות ושטיבלעך של חסידים, ולהבדיל בתי-יראה, סמינאר הגלחים הגדול ביותר בפולין. בית-המועצות.. . אולם מה נחשבת גם לובלין לגבי ווארשה הבירה ?

ואף-על-פי-כן יש גם כאן שעות של שירה. שבת לפנות ערב. חדר-התפילה מלא אנשים. כל העיניים מופנות אל פתח אבא.. אבא נכנס. יושב. חזן מתחיל לסלסל בגרונו נעימה ארוכה, אבל בעלת בבא אחת. נשמעים עוד קולות. עוד. זה תנועתו החיצונית מעוררת את הפנימית, וזה תנועתו הפנימית - את החיצונית. אני מסתכל בקהל. שלושה נחקקים בזכרוני. ר' שמואל מסמיאטיץ'. זקנו הרבוע, הארוך ספק אשורי ספק של בויארין רוסי. יש בו בר' שמואל מין רוך קשה -- רך ונוח בין אדם לחברו, נכון הוא להקריב הכול כדי להיות קרוב לרבי. והנה אדם גוץ, אדום-זקן. זהו אחד הסבלים הווארשאים המפורסמים, המצויים, מקומחי-הגב, אצל המחסנים ובתי העסק היהודיים הגדולים ובקרבת ה"האלוס". סבל קטן זה יש לו גם משא נוסף, החביב עליו ביותר -- "חצר" זו. אין דבר אשר יכבד עליו לעשות בשביל הרבי. והנה נער, בנו של חסיד. שחמחם, גבוה. אישוניו מורחבים בכוהק כזה, בהתלהבות כזו ! ... האור כלה והולך והנה פותח אבא פיו בתורה בנעימה מגידית קצת, נעימת הסב שלו בטריסק. יותר משהוא דומה לאביו דומה לסבו.

-- בראתי בגימטריא תרי"ג. האדם לא נברא אלא לקיים כל המיצוות שנצטווה. עובר עבירה גדולה, פעמים אין גם תשובה מכפרת. ואספר לכם מעשה ששמעתי מפי אבי זקני, זכר צדיק לברכה, כאשר נהג השולחן הטהור. פעם בא אליו לראש השנה איש ישראלי אחד מכפר. ירא-שמים היה, אבל עירום מתורה שבכתב ועירום מתורה שבעל-פה ומגושם, כאילו הוא מסיטרא של אדם היער. אחר שבת בראשית חזר הכפרי לביתו. ושם נפלה לרגליו בתו הבכירה, והיא בתולה כשרה, המקפידה כל חיצוניותה ומקפידה על לשונה, נשמה של משי. נפלה לרגליו וקולה כקול

חיה בשעה שהיא על המשבר. בשעה שאביה לא היה בכפר, ארבו לה שלושה שקצים וקשרוה בחבלים. חשכו עיניו של הכפרי. אלמן הוא ובתו היא ביתו. והנה פגמה בשורש שלו -- זו נשמתה ופגמה בענף שלו, זה הגוף. ובחמתו תפס גרזן בידו. "למה תעשה לי כך? " -- התחננה הנערה. "כלום אשמתי היא? " אולם כל כעס גדול מביא לידי חירשות. כעבור שבוע רתם האיש את סוסו ובעגלתו הקטנה בא לטריסק. באותן השנים לא קל היה ליכנס לגבולו של אבי זקני, זכר צדיק לברכה, כי בא "עולם" גדול. בינתיים הגיד הכפרי לגבאי את המעשה שלו כמות שהוא, הרי וידוי הוא כמו הקזת הדם הרע לשם ניקוי הגוף. והגבאי מיהר לספר את הדבר לאבי זקני, ואבי זקני, זכר צדיק לברכה, יצא אל האיש וקרא: "באת אלי לקבל תשובה? באת לקבל מחילה? ראשי תיבות ׳שמחה, ׳ששון, ׳יקר בגימטריא כמעץ כמניין תור"ה. ואתה כיבית אורה, השבת שמחה וששון ויקר. אין ביכולתי לקבל אותך ! אין ברצוני לקבל אותך, רוצח ! -- והאיש חזר אל הכפר שלו ובלילות דומה היה לו בכיתו השומם, שבתו דופקת בחלונות והיא צועקת מכל הדברים באלף פיות: אבא, אבא ! -- הזקן נטרפה עליו דעתו. יש עוונות, שאין להם כפרה.

ב

דימדומים המתעבים והולכים אני מקשיב לקולו של אבא. יש ובאמצע ה"תורה" אתה רוצה לקום ולשאול:

-- אבא, כלום אינך יודע על כל הנעשה מסביב לך...? או שמא כל חייך עכשיו רתיעה מפני האמת המרה? או שמא אתה, בעל היצרים העזים, נפש מחולקת על עצמה, שלא תמיד מבינה את סיבת חילוקה?

אין לי ספק עכשיו: האמונה היתה יסוד ועיקר נפשו והוא ביקש לילך בדרכי הגדולים. אולי יבטא סיפור זה, שאביאנו כאן, את השקפותיו על החסידות; סיפור שלא שמעתיו מפיו, ואף-על-פי-כן כאילו מעצמו ומנפשו הוא.

פעם סיפרו לרבי בעיר, שבעיירה הסמוכה בנו מסילת-ברזל. ביקש לראותה. "ביטול תורה לחינם ! " - אמר זקן. אבל מי שומע לו? המתינו זמן רב בבית-הנתיבות. רקעו ברגליהם. קור גדול. חורף. ריח של פחמי-אבן. רק על פסי-הפלד אין שלג. נוצצים כחלפים. והנה מזדעזעים, נאנחים מהרגשת המשא הקרב ובא. בא והולך ה"מעלה עשן". מרוב מהירות מוציא ניצוצות לכאן ולכאן. הנה עומד ולרגע הרגעה בנידנוד כל הקרונות, שזה מהם טעון סחורה וזה משא אדם. הממונה קופץ למטה: תחנה פלונית ! כך וכך רגעים של עמידה ! והנה שורק במשרוקית ומניף את הפנס שבידו ו"מעלה-העשן" מתחיל נושם,כאילו הנשמה חוזרת לו במלואה, וכל הקרונות באים אחריו בגילגול והוא מצפצף בקולי קולות. היו כל החסידים תמהים ומשתאים. "פלאי פלאים ! " -- אמר מקורב אחד, "מעכשיו תהיה לכל אדם קפיצת הדרך!" קפץ מקורב שני ונתכעס: "קפיצת הדרך? יש לו לשטן חלק באותה ברכה!" אמר הרבי בעיניים דולקות: "חידוש גדול למדתי כאן -- בכוח הרוח נמשכים הרבה קרים אחרי בוער אחד, המתלהב כרשפי שלהבת יה ! "

פרידה

א ימרה של רבי נחמן מבראצלאב: "הכול אומרים, שיש עולם הזה ועולם הבא... ייתכן, שאין עולם הזה כלל".

בדורנו, דור השואה והשיכחה, כלומר: ההתנכרות אל העצמיות, יש שדומה לי – טריסק אינה אלא חלום. לא, עם כל ריחוקי ממנה עוד היא חיה בתוך תוכי ובנפשם של רבבות.

*

סבא רבא, המגיד מטריסק – כובע-שיער, גבות עבותות, אף שולט, בולט וטריז של זקן – לא בשמו הפרטי הובהק לרבים, אלא כמנהג הימים ההם, בשם ספרו: "מגן אברהם". באחת מתורותיו אמר: "שבת היא בסוד אמת ושלום. אפילו עם-הארץ ירא לשקר בשבת... ועל-ידי שיקדש האדם את עצמו... יהיה אלוהי אברהם בעזרו כמרוכז ב"אמת" – ראשי תיבות: ת׳תברך מ׳ברכת א׳ברהם".

*

טריסק, הזכורה לי עכשיו, כשנשארה רוח בלי גוף, כולה שבת וחג. ידעתי מה ידעתי: היו גם ימות חול. היו גם מריבות. קולות שיש בהם חידוד. חידוד של שנאה, של לצון וקנאה. אולם קולות אלה אין להם עכשיו בת-קול בלב. עכשיו אני רואה: שרביטי-כוכבים בטוריה הנהר. מהאגם שבקצה תחומה של ה"חצר" עולה ריח טחוב של קני-סוף. ויש שצפרדעים מספרות שם למעלה מה שלמטה. בבית-המדרש הגדול אור רב וחסידים מכל קצות ווהלין ופולין. שומע אני תורות הבנויות על גימטריאות חריפות, על ראשי תיבות וסופי תיבות:

-- "בראשית בר׳א אלקי׳ם" סופי תיבות אמת.

-- אין סוף בגימטריא אדון עולם.

שומע אני ניגוני שמחה, ניגוני דביקות. שבת וחג הם נצחון על כוחות הרוגז שבעולם, הם סילוק הזמן, כלומר הגבולות. סילוק כל הדאגות.

כשם שצ׳רנוביל בנתה אב לשושלת גדולה, נעשתה גם טריסק אם לכמה וכמה חצרות חדשות: קובל, לובלין, ז׳וריק, וארשה. זוכר אני את הסעודה השלישית ב"חצר" אבא. אמירת "תחנון" מלא שלו בימים שני וחמישי בעברו לפני התיבה. אני רואהו רוקד עם ספר תורה בזרועותיו בשעת ההקפות והחסידים מוחאים כף – לא בקצות אצבעותיהם, כיוצאים ידי חובתם. יש התדבקות של רגשות, גם של דבקות. הם מזמרים ומסתכלים בו, כשהוא מרקד לכבוד התורה מתוך שברון לב ושמחת נפש. כולם, כולם יש בהם עכשיו מתגבורת יסוד האש שבנפש.

לאמודאים יש שכרון-מעמקים. בטריסק ובחצרות בנותיה, היו שיכורי-מעמקים, ואולי שיכורי איזה גובה נעלם מהם.

*

לפני זמן ראיתי אחת התמונות האחרונות של הדוד מז׳וריק, כשהוא הולך ל"תשליך". השטריימל שלו נתגבה כלפי מעלה ונראה מצחו הגדול. אדרתו פתוחה

ונראה הקיטל שלו החגור חגורה לבנה. בזקנו זרקה השיבה. כמה נשתנה מאז ראיתיו בילדותי! לידו פוסע אברך גבוה, חיוור. מחזיק בשתי ידיו את צוואו־נו הזקוף (קר, כנראה) ומזמר. איצה וריצה של תינוקות. הו, אותם משה׳לך, שלמה׳לך תמימים וחמימים שאינם עוד! רבים מהם מצטרפים לניגון ומוחאים כף. אין ניגון אלא התפעלות הלב. כל העיירה נגררת אחרי הדוד.

ונשתמרה גם תמונה אחרת מז׳וריק, אחרונה שבאחרונות: חצר גדולה,הזרועה אבנים. יהודים עומדים ופניהם אל החומה וידיהם מורמות למעלה. דומה, הם עומדים באידו תפילה, תפילה אחרונה. האומנם לא יתרחש נס? המון כהה, חי של זקנים וצעירים, גברים, ילדים ונשים... לא, הנס לא נתרחש. נשמעה המלה הרת-הגורל:
-- פויאר (אש) !

*


ואבא... מה היו המלים האחרונות בפיו? הרי במלים אחרונות יש פעמים מיצוי הנפש ומעין צוואה. וההיה אז טלאי צהוב על בגדו או מעוטף היה בטלית? והיכן עצם עיניו לנצח? סיפרו לי, שכאשר שמע שטריסק נחרבה - לא נשארו בה כמעט יהודים, לא המשך, לא מצוה ולא שיורי מצוה - החליט לעזוב את וארשה ולשוב לעיירת-מוצאו והוא מת עם אחרוני אחרוניה.

איני יודע, אם זו עדות-אמת, אולם יודע אני גם יודע: כל ימיו שמר על הגר, שמר בלהט ובקנאות - ואולי היתה זו אחת הסיבות של קרע במשפחתו, כי נתעוררו בה שאיפות לאפקים אחרים, לערכים חדשים.

-- אבא, אבא! מצבות - נשים בוכות עליהן ויש מנשקות אותן, כאילו אבני פולחן הן. הזכית אתה למצבה? ההוריד מישהו דמעה על קברך?



רבי דוד אהרון מז׳וריק



יוחנן טווערסקי

אפשייד

אַ ווערטל פון רבי נחמן בראַסלאַווער: „אַלע זאָגן אַז ס׳דאָ עולם הזה און עולם הבא... מעגליך אַז עולם הזה איז ניטאָ בכלל״.

אין אונדזער דור, אין דור פון אומקום און שיכחה, דהיינו: פון פאַרפרעמדקייט צום זעלבסטאײַגנשאַפט, מאַכט זיך אַז ס׳דאַכט זיך מיר — אַז טריסק איז ניט מער ווי אַ חלום. ניין, מיט מיין גאַנץ דערווייטערן זיך פונעם שטעטל, לעבט עס טיף אינעווייניק אין מיר. און אין די הערצער פון צענדליקער טויזנטער.

★

דער עלטער־זיידע, דער טריסקער מגיד — אַן האַריקער שטרײַמל, געדיכטע ברעמען, אַ בולטע, הערשערישע נאָז, אַ קלין פון אַ באָרד — ניט מיט זיין פריוואַטן נאָמען האָט ער אויפגעבליצט פאַר אַ סך, נאָר, ווי דער שטייגער אין יענע צייטן, מיטן נאָמען פון זיין ספר „מגן אברהם״. אין איינע פון זיינע תורות־זאָגן האָט ער אַזוי געזאָגט: „שבת איז אין סוד פון אמת און שלום. אפילו אַן עם־הארץ האָט מורא ליגן זאָגן אום שבת... און ווײַל, ווען אַ מענטש וועט מקדש זיין זיך אַליין... וועט גאָט פון אברהם זיין אים בייהילפיק, ווי ס׳איז אָנגעדייטעט אין ‚אמת׳ — ראשי תיבות: תתברך מברכת אברהם״ (זאָלסט געבענטשט ווערן פון אברהמ׳ס ברכה).

טריסק, וועלכע דערמאָנט זיך מיר איצט, איז געבליבן ווי אַ נשמה אָן א גוף. קולות פון ווערטלעך זיך. איבערוווערטלען זיך פון שינאה, ליצנות און קינאה. אָבער די קולות האָבן איצט ניט קיין ווידער־קול אין האַרצן. איצט זע איך: בייטשן שטערן אין ־ייך טוריאַ. פון דער אַזיערע ביים סוף תחום פון „הויף" דערטראָגט זיך אַ פייכטער ריח פון לעפעכע. און אַמאָל דערציילן זשאַבעס דאָרט אונטן וואָס ס׳טוט זיך פון אויבן. אין גרויסן בית־מדרש איז שטאַרק ליכטיק און חסידים פון אַלע עקן וואָלין און פוילן. כ׳הער תורות געבויט אויף חריפות׳דיקע גימטריאות, אויף ראשי־תיבות און סופ׳ן תיבות:

בראשי׳ת ברא׳ אלקי׳ם, סופן פון די תיבות: א מ ת.

— **אין סוף איז בגימטריא אדון עולם.**

כ׳הער ניגונים פון שמחה, ניגונים פון דביקות. שבת און יומטוב זענען אַ נצחון אויף די כוחות פון רוגזה אויף דער וועלט. זיי זענען דאָס צענעמען די צייט, ס׳הייסט די גרעניצן. דאָס אָווקנעמען אַלע דאגות.

פונקט ווי טשערנאָבל האָט אַרויסגעגעבן אַ פּאָטער צו אַ גרויסער דינאַסטיע,

אין אויך טריסק געוואָרן אַ מוטער צו עטליכע נייע הויפן: קאָוועל, לובלין, זשוריק, וואַרשע. כ׳געדענק די שלוש־סעודות אין טאָטנס „הויף". זיין זאָגן גאַנץ „תחנון" יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק איבערגייענדיק פאַר דער תיבה. כ׳זע אים טאַנצן מיט אַ ספר־תורה אין זיינע אָרעמס בעת די הקפות, און די חסידים פּלעסקען מיט די הענט — ניט מיט די שפּיצן פינגער, אויף יוצא זיין. ס׳איז דאָ אָן אָנשטעקן זיך פון געפילן, פון דביקות. זיי זינגען און קוקן זיך איין אין אים, ווי ער טאַנצט לכבוד דער תורה מיט אַ צעבראָכן האַרץ און אַ פרייליכקייט אויף דער נשמה. אַלע, אַלע פאַרמאָגן אין זיך איצט אַ פאַרשטאַרקונג פון יסוד פון פייער וואָס אין דער נשמה.

טויכער ווערן אַ מאָל פאַרשיכורט פון ים־טיפענישן. אין טריסק און אין אירע אָנגעשלאָסענע הויפן איז מען געווען שיכור פון טיפענישן, און אפשר שיכור פון אַ הויכעניש וואָס איז פאַרבאָרגן פון זיי אַליין.

מיט אַ צייט צוריק האָב איך געזען איינע פון די לעצטע בילדער פון פעטער פון זשוריק, ווי ער גייט צו „תשליך". זיין שטריימל איז געווען פאַררוקט אויף אַרויף און ס׳האָט זיך אַרויסגעזען זיין גרויסער שטערן. זיין מאַנטל איז געווען אויפגעשפּיליעט און ס׳האָט אַרויסגעקוקט זיין קיטל אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ווייסן גאַרטל. זיין באָרד האָט געגרויט. אוי האָט ער זיך געענדערט, זינט כ׳האָב אים געזען אין מיין קינדהייט! נעבן אים שפּרייזט אַן הויכער יינגערמאַן, אַ בלאָסער. ער האַלט צו מיט זיינע ביידע הענט זיין אויפגעשטעלטן קראַגן (קאַלט, ווייזט אויס) און זינגט. אַן איילעניש און לויפעניש פון קינדער. אוי, יענע נאַיווע וואַרימע משה׳לעך־שלמה׳לעך וואָס זענען ניטאָ מער! אַ סך פון זיי שטייען צו צום ניגון און פּלעסקען מיט די הענטלעך, ווייל וואָס איז אַ ניגון אויב ניט האַרציקע התפעלות? דאָס גאַנצע שטעטל גייט נאָך נאָכן פעטער.

און נאָך איין בילד איז פאַרבליבן פון זשוריק, די לעצטע שבלעצטע: אַ גרויסער הויף, פול מיט שטיינער. יידן שטייען מיט די פּנימער צום מויער און זייערע הענט זענען פאַרריסן אַרויף. דאַכט זיך, זיי טוען תפילה טון. די לעצטע תפילה. צו דען וועט ניט געשען קיין נס? אַ טונקעלע, לעבעדיקע מאַסע פון אַלט און יונג, מענער, קינדער, פרויען... ניין. דער נס איז ניט געשען. ס׳האָט זיך דערטראָגן דער גורלדיקער באַפעל:

— פ ו י ע ר!

און דער טאַטע... וואָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער? לעצטע ווערטער זענען אַפּטמאָל דער תמצית פון נשמה און כמו אַ צוואה. איז געווען אַ געלע לאַטע אויף זיינע קליידער, צו איז ער געווען איינגעהילט אין אַ טלית? און ווו האָט ער צוגעמאַכט זיינע אויגן אויף אייביק? מ׳דערציילט, ווען ער האָט געהערט אַז טריסק איז חרב געוואָרן — ס׳זענען דאָרט כמעט ניט פאַרבליבן קיין יידן, ניט קיין המשך, ניט קיין מצוה און ניט קיין רעשטל פון אַ מצוה — האָט ער באַשלאָסן פאַרלאָזן וואַרשע און זיך צוריקקערן אין זיין געבוירנשטעטל און איז דאָרט אומגעקומען מיט די לעצטע שבלעצטע.

כ׳ווייס ניט אויף וויפיל ס׳דאָ דערין אמת. אָבער איינס ווייס איך: אַלע זיינע יאָרן האָט ער אָפּגעהיט די ליכט, אָפּגעהיט מיט גלי און מיט מסירות — און אפשר איז׳ס געווען איינע פון די סיבות פונעם ריס אין זיין פאַמיליע, ווייל ס׳האָבן אויפגעוואַכט אין איר שטרעבונגען צו אנדערע האָריזאָנטן, צו אנדערע ווערטן.

— טאַטע, טאַטע! מצבות — פרויען וויינען איבער זיי, און ס׳זענען דאָ פרויען וואָס קושן זיי, ווי זיי וואָלטן געווען שטיינער פון אַ מזבח. צי האָ ס ט ו זוכה געווען צו אַ מצבה? צי האָט עמיצער אַראָפּגעלאָזט אַ טרער אויף ד י י ן קבר?

ידיש, פון כתב־יד: **נ. ליבנה**

ז. וויינפער

ביים רבי'ן ר' יעקב-לייבעניו אין יחוד-שטיבל

מ שה איז ניט אהיים געגאנגען גלייך נאכן דאווענען, נאר געשטאנען און געקוקט, ווי דער גרויסער עולם יידן, סיי היימישע און סיי אנגעקומענע פון דער פרעמד, ציט זיך פאמעלעך, ניט געאיילט, מיט די צענויפגעלייגטע טליתים פארביי דער אפענער טיר פונעם יחוד שטיבל, און ער, רב יעקב לייבעניו, אין גאנצן איינגעוויקלט אין ווייסן, ענטפערט יעדן פאר בייגייער אויף זיין "גוט יום-טוב" און לייגט דערביי צו:

-- א חתימה טובה, א גמר חתימה טובה.

די לופט פונעם בית-מדרש איז געווען אנגעפילט מיטן ריח פון די אפגעשלאגענע הושענא בלעטלעך און דעם ציטער פון דעם רבי'ן רב יעקב לייבעניוס "יסור יסרני יה ולמות לא נתנני", און ער, דער זיבעצניאריקער, וואס האט שוין געהאט איבערגעלייענט ליליענבלומס "חטאת נעורים", פייערבערג "לאן", הלל צייטלינס "דאס פראבלעם פון גוטס און שלעכטס" און נאך אזעלכע ביכער און ביכלעך, איז געשטאנען אין זיין ווינקל און זיך שטארק געוווּנדערט, הלמאי ער האט אזא הנאה פון רב יעקב לייבעניוס "הלל", פון דער דערהויבנקייט ביי די מתפללים און פון דעם ריח פון די הושענא-בלעטלעך. ער האט זיך אויך זייער שטארק געוווּנדערט, הלמאי ער שטייט צוגעשמידט צום ארט און קאן נישט אפרייסן די אויגן פון דער חמימה ביי די חסידים, וואס ציען זיך פארביי דער אפענער טיר פונעם יחוד-שטיבל און פון אים אליין, רב יעקב לייבעניון, וואס שטייט איינגעהילט אין זיין קיטל און טלית, וואס זענען באזילבערט מיט די עטרות, און פון דער זילבערנער יארמולקע אויף זיין קאפ.

ער איז געשטאנען און זיך שטארק געוווּנדערט און מיט דעם זעלבן ווונדער זיך געפרעגט:

-- איז וואס זשע איז מיט די אלע נייע געדאנקען, וואס די ביכער גיבן מיר?

פלוצלינג איז ער אויפגעוועקט געווארן פון זיין טיפער פארטראכטעניש. ער האט דערפילט א שווערע האנט אויף זיין אקסל און זיך אומגעקערט. לעבן אים איז געשטאנען דער גבאי רב מאטל בערקעס מיט דעם גרויסן סאמעטענעם היטל, וואס איז געלעגן אויף זיין מאסיוון גרויען קאפ, ווי אן איבערגעקערטע דייזשע:

-- תכשיט, וועסט מיט מיר אריינגיין צום רבי'ן אין יחוד-שטיבל, -- האט ער פעסט זאגט.

-- צום רבי'ן?

-- יא, צום רבי'ן, -- האט ער איבערגעחזרט, און דאס קול ביי אים איז געווען אזוי פעסט, אז ס'האט קלאר געמאכט, וועגן אפזאגן קאן גאר קיין רייד נישט זיין.

דער עולם ביי דער אפענער טיר פונעם יחוד-שטיבל האט שוין געהאלטן ביים סוף, און ער, דער זיבעצניעריקער, האט אונטערן שארפן, וואכזאמען בליק פון רב מאטל בערקעס, געמאכט א באוועגונג צו גיין אין דער ריכטונג פון דעם פארבייגייענדיקן עולם, אבער רב מאטל בערקעס האט אים אפגעשטעלט:

-- ניין, ניין, אין דער אנדערער זייט, --און ער האט זיך געלאזט מיט דער אנדערער זייט, וואס האט געפירט דורך א טונקעלן קארידאר צו אן אנדער אריינגאנג אינעם יחוד-שטיבל אריין.

ער איז געגאנגען פאררויס אין דער טונקלקייט, פילנדיק הינטער זיך רב מאטל בערקעס שווערן גוף, וואס האט אלעווייל ארויסגעלאזט פון זיך א געדיכטן כריפ.

צווישן די גבאים איז רב מאטל בערקעס געווען מער משרת ווי א גבאי, און אויב מ'האט דאך באצויגן זיך צון אים מיט דעם דרך-ארץ ווי צו א גבאי, איז עס געווען גיכער אויס פחד פאר זיין מעכטיקן אויסזען, ווי פאר עפעס אנדערש. ער איז געווען דער לייבוועכטער פונעם רבינס פערזאן און איז שטענדיק געווען אין זיין נאענטקייט. ער איז געווען דער, וואס פלעגט אויסטאן דעם רבין די מלבושים סיי אין דער עפנטלעכקייט און סיי פארמאכט. ער פלעגט באגלייטן דעם רבין אין זיינע טאגטעגלעכע געברויכן און אוודאי אין דער מקווה אריין. ביים טיש פלעגט ער צעשניידן די חלה נאכן מאכן די "המוציא", אזוי די פיש, דאס פלייש, אנגיסן פאר אים דעם בעכער מיט ווייין, און עס איז געווען ער, וואס פלעגט דערנאך אויסטיילן די שיירים, ברומענדיק דערביי מיט זיין מעכטיק קול מע זאל האבן דרך-ארץ און נישט כאפן, מיט זיין אויסזען איז ער געווען דורכויס חומר, אפילו זיינע פאות און בארד ארום זיין רויט-פליישיק פנים זענען געווען חומרדיק. סע האט געשלאגן מיט גופישער גבורה פון זיין יעדן ריר און קער.

-- אז מאטל בערקעס דערלאנגט א פאטש, ווערט פונעם געפאטשטן א פלעצל, -- פלעגט מען זאגן, און דערביי איז געקומען א מעשה וועגן איינעם א מחוצף, וואס האט געוואגט זאגן עפעס דעם רבין.

-- מ'האט דאך געדארפט באלד ברענגען סראלקע רופא צו דעם מחוצף, -- האט אן אנדערער דערציילט.

און אט איז ער אין דעם טונקעלן קארידאר, און הינטער אים איז דער זעלבער רב מאטל בערקעס, וואס אז ער גיט א פאטש, ווערט פון דיר אש און פארך, א פלעצל.

משה האט זיך דערמאנט, ווי צופרידן ער איז געווען, ווען ס'האט זיך ענדלעך געעפנט די טיר, און ער האט זיך שוין געפונען אין יחוד-שטיבל. די טיר צום בית-מדרש איז שוין געווען צוגעמאכט, און דער רבי רב לייבעניו איז שוין געזעסן, ווי זיין שטייגער איז געווען נאכן דאווענען, אויף דעם בריטן גרין-סאמעטענעם שטול, דער קאפ פארווארפן הינטער זיך אויפן אנשפאר. די אויגן זענען געווען ביי אים צוגעמאכט, און די מיט גאלד געראמטע ברילן -- אויפן שטערן.

משה האט זיך געזען שטיין א שווייגנדיקן פאר דעם רבין און נישט אויפגעהערט צו פילן הינטער זיך די מעכטיקע פיגור פון רב מאטל בערקעס

און א צאל פון די געהויבענע און זייער חשובע חסידים, וואס זענען געשטאנען, ווי פארגליווערטע, מיט די הענט אין די גארטלען. דורך די צוויי גרויסע פענצטער האט ארייגעקוקט די הארבסטיקע זון, וואס כאטש די איז שוין געווען קיל, האט זי דאך געשיינט מיט געשייערטן גאלד. דער הימל, וואס האט זיך געזען דורך די פענצטער, איז געווען באדעקט מיט שטיקער אפגעריסענע וייסגרויע וואלקנס, וואס זענען געהאנגען אזעלכע שווייגנדיקע און פארטראכטע, ווי זיי וואלטן געווען פארנומען מיט אויפכאפן די רעיונות פונעם דרימלענדיקן צדיק. ס'האט זיך אויך געזען דאס גלאנציקע וואסער פונעם טייך און א שטיק פון דער גאלד-גרינער לאנקע אויף יענער זייט טייך. אוודאי האט דאס נישט געדויערט זייער לאנג, אבער די רגעס האבן זיך געצויגן, ווי שעהען, ביז רב יעקב לייבעניו האט צעעפנט זיינע אויגן. אבער ווען ער האט זיי צעעפנט, האט דאס סיי-ווי געגעבן דעם איינדרוק, אז זיי זעען נישט די ארומיקייט. א ווייל האבן זיי געקוקט פאר זיך, בשעת זיינע ווייסע פינגער האבן אינסטינקטיוו צעעפנט דאס גאלדענע טאבאק-פושקעלע, אנגענומען א ביסעלע און צוגעטראגן צו זיינע נאזלעכער.

-- רבי, ער איז דא, -- האט רב מאטל בערקעס, זיך צובייגנדיק, געזאגט מיט א שטילן כריפ.

אבער דער רבי האט אויך דעמלט נישט דערהערט. אפנים צופיל געווען פארטראגן ערגעץ אנדערש, און רב מאטל בערקעס האט איבערגעחזרט נאך א מאל:

-- רבי, איך האב אים געבראכט צו אייך.

-- הא? -- האט דער רבי ענדלעך באוויליקט ארויסצוברומען, און רב מאטל בערקעס האט זיך נאך נעענטער צוגעבויגן צון אים:

-- איך האב געבראכט דעם תכשיט, אליהוס תכשיט.

משה האט זיך דערמאנט אין דעם ציטער, וואס ער האט דערפילט, ווען ער האט דערזען דעם רבינס בליקן אויף זיך. ס'איז געווען, ווי ער וואלט פלוצלינג באוווסטזיניק געווארן אויף די אפגעשניטענע פאות זיינע: אויף דעם נישט-רבנישן קאפעליושל זיינעם אויפן קאפ; אויף די צוויי זיידענע לאצלעך פון זיין דייטשמערישן סורדוטל.

-- אליהוס, הא? -- האט דער רבי שטיל געפרעגט, און זיינע אויגן זענען געווארן ביז גאר מילד.

משה געדענקט נאך איצט די מילדקייט פון רב יעקב לייבעניוס אויגן. אבער דעמלט האט ער זיך אנגעכאפט אין אט דער מילדקייט, ווי אן איבערגעשראקענער, וואס דערזעט פלוצלינגע הילף. רב יעקב לייבעניו האט פאמעלעך ארונטערגעלאזט די באגילדעטע ברילן פונעם שטערן צו זיין נאז, גענומען נישט געאיילט א שמעק-טאבאק פונעם גאלדענעם פושקעלע און, צוטראגדניק צו דער נאז, געפרעגט ביי אים מיט א דינער מילדער הלצה:

-- איז, הייסט עס, אז גארנישט, הא?

ער האט געפרעגט אט-די פראגע מיטן טאן פון אן עלטערן, א דערפארענעם, ביי א יונג נאאיוו קינד און, שמייכלענדיק מיט א סך גוטסקייט אויפן פנים, ווייטער געפרעגט:

-- אבער טאקע לחלוטין גארנישט?

פון אט די פראגן, וואס האבן ווייך געקאפעט אויף אים, ווי טראפנס פון אן אנקומענדיקן רעגן, האט ער, דער זיבעצניעריקער משה, באנומען, אז עמעצער האט צוגעשטעלט דעם רבין פאר אים א בענקעלע, אז ער איז זיך עוסק אין ביכלעך, וואס שלאגן פון זיך מיט כפירה, און אז ער מוז זיך איצט באמיען אפצולייקענען. ווארן אז נישט, וועט זיין שלעכט, ער האט געעפנט דאס מויל און געוואלט עפעס זאגן. אבער רב יעקב לייבעניו האט ווייטער גערעדט און איצט שוין מער צו זיך, ווי צו אים, אליהוס תכשיט.

-- די וועלט איז א קדמון? בריאת-העולם איז געקומען פון זיך אליין? אלץ, אלץ, וואס איז דא ארום אונדז, איז נישט מער ווי א יש מאין?

משה געדענקט, ווי ער האט זיך דעמלט צעציטערט פון רב יעקב לייבעניוס רייד. און עס איז מאדנע, וואס ער וואלט איצט געקאנט שווערן, אז דאס דעמלטיקע ציטערניש איז שוין נישט געווען דערפאר, ווייל הינטער אים האט געלויערט די גבורהיקע פיגור פון רב מאטל בערקעס און דער ברום פון די חסידישע מיילער ארום אים, נאר דאס ציטערניש איז געווען פון דעם רבינס ווערטער.

און עס איז געווען דאס ציטערניש פון רב יעקב לייבעניוס ווערטער, וואס האט זיך דערפילט אין זיין אייגן קול, ווען ער האט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום רבין און געזאגט מיט א שטיל געמורמל:

-- איך האב דאס נישט געזאגט, רבי.

ער האט עס א מורמל געטאן און בשעת מעשה זיך אנגעגורט מיט פרישן כוח אויף ווייטערדיקע רייד, אבער דא האט ער דערהערט דעם רבינס אויפגעלויכטן קול:

-- מאטל, דו הערסט? סע איז דאך שקר ! ער האט דאך אזוינס גארנישט געזאגט. דו הערסט, מאטל, סע איז דאך שקר!

רב יעקב לייבעניו האט זיך מיט די ווערטער געווענדט צו מאטל בערקעס און דערביי א הייב געטאן זיינע הענט צום הימל, וואס האט זיך געזען דורך די פענצטער, און זיך נחתדיק צערעדט מיט אזוי פיל ווייכקייט אין זיין קול.

-- וואס הייסט ער וועט אזוינס זאגן? -- האט ער געפרעגט און, קוקנדיק צום הימל, גערעדט -- וואס זשע ער האט, חלילה, קיין אויגן נישט און ער זעט נישט, אז סע איז מלא כל הארץ בבודו !

א ווייל איז ער געבליבן שטיל, אזוי שטיל, ווי דער כבוד פון דעם בורא-עולם וואלט אלץ און אלעמען באהערשט אינעם יחוד-שטיבל, און סע האט זיך געפילט, ווי נישט נאר ער אליין איז זיך מתיחד מיט אט דעם כבוד, נאר אויך אלץ און אלע, וואס זענען דארט געווען. משה געדענקט, ווי ער איז דעמלט געשטאנען א פארגליווערטער, און אויפגעכאפט האט ער זיך ערשט דעמלט ווען רב יעקב לייבעניו האט זיך געווענדט צו אים מיט דער צווייטער קשיה:

-- נו, און חלול-שבת בפרהסיה, הא?

-- חלול-שבת בפרהסיה? -- האט ער געפרעגט מיט ציטערניש אין זיין קול ביים רבין.

-- מע דערציילט, אז א פאפיראסל אום שבת, הא?

ביי אט דער קשיה האט ער שוין געהערט א שטרענגקייט אין רב יעקב לייבעניוס קול און זיך דערפרייט, וואס אויף איר קאן ער ענטפערן דעם גאנצן אמת:

-- איך רייכער דאך נישט, רבי.

-- דו רייכערסט גארנישט?

-- ניין, רבי, איך רייכער נישט.

-- מאטל, דו הערסט? ער רייכערט דאך גארנישט! -- האט דעם רבינס קול אויפגעשלאגן מיט טריומפירנדיקער פרייד און, צוטראגנדיק מיט צוויי פינגער א שמעק-טאבאק צו זיינע נאזלעכער, האט ער זיך צעבייזערט:

-- מאטל, דו הערסט? דאס יינגל רייכערט גארנישט און... אוי, מאטל, מאטל, מע טראכט אויס בלבולים אויף ערלעכע יידישע קינדער !

רב יעקב לייבעניוס קול, וואס האט פריער געקלונגען שטרענג און א ביסל בייזלעך, איז איבערגעגאנגען אין א ווייכער טאטישער גוטסקייט. ער האט פאמעלעך אויפגעהויבן ביידע הענט, איבערלאזנדיק דאס גאלדענע טאבאק-פושקעלע אויפן שויס, און א קרעכץ געטאן:

-- וויי, וויי, אויסטראכטן אזעלכע שקרים !

פלוצלינג האט ער אנגעשטעלט זיינע אויגן, וואס זענען איצט געווען ביז גאר מילד, אויף דעם זיבעצניעריקן און ווייך געזאגט:

-- נו, און א קרקפתא דלא מניח תפילין איז דאך אודאי און אודאי שקר וכזב, נישט אפשר, הא? -- אט אזוי האט ער געפרעגט און, נישט ווארטנדיק אויף קיין ענטפער, מוסיף געווען -- ווארן סע קאן דאך נישט געמאלט זיין: סע קומט דאך בפירוש כרת פאר אט אזוינס...

דא האט ער אויפגעהויבן די אויגן צו מאטל בערקעס און שטיל געזאגט צון אים:

-- גיס אן פאר אליהוס בן-יחיד ווייך און גיב אים לייקעך.

רב מאטל בערקעס האט זיך צוגעבויגן צום טיש, אויף וועלכן סע איז געשטאנען א זילבערנע פלאש, א צאל זילבערנע בעכערלעך און א גרויסע זילבערנע טאץ מיט אנגעשניטענעם האניק-לייקעך. האט אנגעגאסן א בעכערל און צוגערוקט א שטיקל לייקעך.

-- טרינק, אליהוס בן-יחיד, -- האט רב יעקב לייבעניו ווייך און מילד געזאגט צון אים, דער ציטערדיקן בחורל.

משה האט זיך דערמאנט מיט וואס פאר א ציטער ער האט געמאכט די ברכה, ווי דאס בעכערל האט זיך געטרייסלט צווישן זיינע ליפן און מיט וואס פאר אן אויפגעלויכטנקייט ס'האט געקלונגען דער אמן און דער לחיים סיי פונעם רבינס מויל און סיי פון די מיילער ביי די ארומיקע חסידים.

סע איז געווען, אז ווען ער האט אויסגעטרונקען א האלבן כוס און אויסגעשטרעקט די האנט צום רבין אויף לחיים, האט רב לייבעניו אנגענומען די האנט און ווייך געזאגט:

-- לחיים, אליהוס בן-יחיד, -- און צו די ארומיקע מוסיף געווען -- איך האב שוין איין מאל געזאגט, אז ער וועט מערצעשעם אויסוואקסן אן ערלעכער ייד.

דער זיבעצניאריקער האט, אפטרינקענדיק נאך א ביסעלע וויין פונעם בעכער, אפגעביסן א שטיקעלע פונעם לייקעך און געזאגט:

-- א גוטן יום-טוב, רבי.

-- א גוטן יום-טוב, אליהוס בן-יחיד, -- האט רב לייבעניו געענטפערט און מוסיף געווען -- א גמר חתימה טובה.

משה האט זיך דערמאנט, אז ווען ער האט זיך אויסגעדרייט ארויסצוגייין, האט ער פלוצלינג דערפילט א שארפן שטורך פון רב מאטל בעדקעס גראבן פינגער אין דער זייט אריין!

-- שייגעץ ! -- איז געקומען פון רב מאטלס מויל גלייך נאכן שטורכע, און ער האט זיך דערמאנט, אז פונעם רבין גייט מען נישט ארויס אט אזוי.

נישט קוקנדיק אויפן שארפן ווייטיק אין דער זייט, האט ער זיך גלייך אויסגעדרייט און מיט א פארבויגענעם קאפ צום רבין זיך געשאדט מיטן רוקן צו דער טיר.

אין דרויסן, אויפן וועג אהיים, האט ער נאך אלץ געפילט דעם ווייטיק אין דער זייט, אבער אויפן געמיט איז אים געווען עפעס אזוי ליכטיק, נאך ליכטיקער פון דער הארבסטיקער זון, וואס האט אים אנטקעגן געשיינט מיטן גלאנץ פון געשייערט גאלד.

רבי הלל פינקלר, אדמו"ר בראדושיץ, עמד בקשר הדוק עם צדיקי דורו, בעיקר עם רבי אברהם מטריסק שהעריכו מאד. הוא גם ערך ביקור אישי אצל רבי אברהם בעיר מושבו טריסק.

על ביקורו בטריסק מסופר, כי נתכבד שם על ידי אחד מעניי העיר לסעודה בליל שבת. להפתעת הכל נענה רבי הלל להזמנה. בליל שבת, אחרי התפלה הלך רבי הלל עם מלוויו לסעוד בבית העני.

רבי הלל קידש על היין וביצע על הפת. דגים לא היו, כי למארח לא היתה אפשרות לקנותם. במקום מרק הביא העני קערה גדולה שהכילה מרק של כרוב חמוץ. כל המלווים הסתכלו על רבי הלל ותמהו מה יעשה בקערה זו, כי ידעו שמעולם לא טעם טעמו של כרוב. רבי הלל נראה מהרהר רגע. ראשו היה שעון על ידיו ופניו לא נראו. פתאום התנער מהרהוריו והחל אוכל את הכרוב בתיאבון לא רגיל אצלו. הקערה ממש רוקנה על ידו, אפילו ל"שיריים" לא השאיר. היהודי המארח שראה את תיאבונו של הצדיק ממאכל-עוני זה פרץ בבכי מתוך שמחת אושר.

אחרי ברכת המזון אמר רבי הלל למקורביו-מלוויו:

- מוטב לאכול תולעים מאשר לאכול אנשים...

יהודה אליאוש.



רבי יעקב ליב מטריסק

דעם רבינס הויף

ה. קייזער

בײם צוויטן עק שטעטל, אנטקעגן דעם גלחס סאד הינטער דער צערקווע, טײלווײז אפגעטײלט מיט געפארבטע שטאכעטן, געפינט זיך דעם רבינס הויף, ווי א מלוכה פאר זיך אלײן.

אויף א ברייטן פלאץ לעבן גרינע לאנקעס שטייען, ווי אין א צירקל, עטלכע אלטע און נײ-געפארבטע געבײדעס, א שטאל מיט פערד און קארעטן, אן אײגענע באד, א שפײכלער מיט עסנווארג, א גארטן, א געוואלדיק גרויסע סוכה און א ריזיקער בית-מדרש, וואס נעמט ארײן טויזנטער חסידים.

ביי דער וואנט, לינקס פון ארון-קודש, שטייען לאנגע בענק, איינע איבער די אנדערע, ווי טרעפ, פארשטעלן די גרויסע פענצטער, ביז העט ארויף צו דער הויכער סטעליע, וועלכע איז באהאנגען מיט מעשענע און קופערנע הענגלײכטער און מיט פסחדיקע זעק ווייץ פאר מצה-שמורה.

עס איז אן אומפארגעסלעך פראכטפול בילד, ווען די בענק ווערן באזעצט מיט הונדערטער חסידים אין טליתים און קיטלען אײנגעהילטע, ימים-נוראים בײם דאווענען, אדער אין זײערע שווארץ-אטלעסענע קאפאטעס,

ווען זיי קוקן ארונטער ווו דער רבי פראוועט טיש. זיי שטרעקן זייערע הענט פון די ברייטע ארבל נאך שיירייס. די שיירייס ווערן איבערגעגעבן פון איינעם צום אנדערן מיט די הוילע פינגער, ביז ער דערגרייכט צו די וואס זיצן סאמע אויבן.

א גרויסער עולם פילט אן ס׳בית-מדרש. אויסער די פרעמדע אורחים, קומען אויך שטאטבאלעבאטים, שוין אפגעגעסענע, אויסגעשלאפענע, צום רבינס טיש.

צענדליקער משרתים טראגן ס׳עסן, וואס ווערט צוגעגרייט אין דער וויי‎בערשער שול און דערלאנגט דורך די קליינע פענצטערלעך; פריער אויף גרויסע טאצן אין זילבערנע און באגילדעטע כלים צום רבין מיט די קינדער, וואס זיצן אויבנאן און שיינען ארויס מיט זייער אויסגעאיידלטע פנימער, פאות און שטריימלען און גלאנציק-זיידענע קאפאטעס. דערנאך ווערט דאס עסן דערלאנגט דעם עולם, וואס זיצט אויסגעזעצט לויט א פלאן: פריער, פארשטייט זיך, קומען די חשובים, ווי רבנים, דיינים, שוחטים און גלאט לומדים און גבירים. דערנאך די פשוטע חסידים, וואס מע קאן דערקענען נישט נאר דורך דעם פלאץ, וואס זיי פארנעמען, נאר אויך לויט זייער הלבשה. וואס נידעריקער צו דער טיר, אלץ אפגעטראגענער די קאפאטע, אלץ אפגעריבענער דאס סאמעטענע היטל, אלץ דינער דער גארטל, אלץ קויטיקער די פאטשיילע, וואס קוקט ארויס פון בוזעם.

און צום לעצט הייבט מען אן טראגן ס׳עסן צו די, וואס זיצן אויף די בענק אין דער הייך. צוליב זיי גייען ארום אויפן רידיקן טיש גבאים, אין די זאקן, און טיילן אויס צו די אויסגעשטרעקטע הענט, מיט א סדר, נאר א ביסל שפעטער. אין דער צייט, ווען די ארום טיש זיצנדיקע עסן שוין ס׳פלייש, טיילט מען פאר זיי ערשט די פיש...

אין בית-המדרש איז א טומל. מענטשן גייען ארום הין און צוריק, מיט די הענט אין די ארבל, אדער פארלייגט אויפן רוקן. מע רעדט, מע אמפערט זיך איבער עפעס. יינגלעך לויפן ארויס און אריין, שפילן זיך אין באהעלטעניש הינטער די ספרים-שאפעס, הינטער די בענק, לאכן און שרייען; מע הערט א קלאפעריי פון שיסל און טעלער, א קלינגען פון לעפל און מעסער. שיסעלעך יויך מיט קאשע פאלן ארונטער פון עמעצנס הענט און פארשפריצן זשיפיצעס און יארמולקעס. ס׳ווערט א גערודער. אונטן שטעלט מען משקה – מע טרינקט לחיים. ס׳ווערט אויפגעזונגען א זמר, וואס ווערט אונטערגעכאפט פון הונדערטער העלדזער. דאס געזאנג שפרייט זיך העכער, ווארעמער שלאגט אן אין דער הויכער סטעליע, רייסט זיך דורך די פענצטער צו די גרינע לאנקעס. מע זינגט, ביז מע ווערט הייזעריק און פארשוויצט. פלוצעם דערהערט זיך א קלאפן אין טיש מיט א שא ! -- "שא זאל זיין!" -- העלפן ארויס א סך מיט א מאל -- שא ! דער רבי גייט זאגן תורה ! אויף וואס אלע ווארטן אזוי נייגעריק. ס׳ווערט שטיל -- דער עולם האלט איין דעם אטעם. חסידים ציען אויס די העלדזער, שטרענגען אן די אויערן. דער רבי צעוויגט זיך א ביסל און הייבט אן מיט א שטיל קול זאגן תורה.

דער רבי האט א גרויסע משפחה: זין מיט יונגע בערד, וואס זענען שוין אליין אויך רביים און פארן איבער דער וועלט. טעכטער מיט איידעמס און אייניקלעך, וואס זיצן אויף אייביקע קעסט. יעדער מיט זיין הויזגעזינד וווינט אין א באזונדערער דירה, אין פארפוצטע שפיגלדיקע

זאלן, רייך מעבלירטע סטאלאוועס, ספאלניעס און קינדער-צימערן, ארומגערינגלט מיט אייגענע גבאים, מלמדים, משרתים און דינסטן.

די גאנצע משפחה און אורחים עסן פון דער אלגעמיינער ריזיקער קיך.

אלע זענען געקליידט אין די טייערסטע זיידענע און סאמעטענע מלבושים און סויבלנע מאנטלען. גאלד און בריליאנטן און איידלשטיינער באצירן די צארטע ווייסע העלדזער און הענט פון די דאזיקע שיינע טעכטער און שנורן.

אויפן הויף דרייען זיך ארום חסידים אין אטלאסענע און סאמעטענע באגארטלטע קאפאטעס און געוואנטענע און זיידענע היטלען איבער די יארמולקעס. די קאפאטעס, נישט קיין פארקנעפלטע, ווייזן די לאנגע ציצית איבער די קורצע גלאנציקע הויזן ביז צו די ווייסע זאקן ארונטער. יידן מיט אלערליי בערד און פאות, ערשט פון מקווה אויסגעוויקטע; רייכע יידן, לומדים מיט הויכע שטערנס, וואס לאזן זיך קאסטן , ווען זיי קומען צום רבין; ארעמע יידן, מלמדים, קרעמער, באלמעלאכעס, וועלכע מע קאן באלד דערקענען נאך זייער הילוך, אבער מיטן זעלבן טיפן גלויבן, וואס העלפט זיי מיט גראשנדיקע מיטלען זיך צו דערשלאגן צום "אים", זאל לעבן, אויף א שבת, אדער א יום-טוב, כדי צו קריגן א ביסל גייסטיקע חיונה -- נשמה-דערהויבנקייט.

דא דרייען זיך ארום א גרויסע צאל אנגעפארענע בטלנים, ארעמע לייט, שלעפער, קראנקע און אלערליי קאליקעס, וואס זוכן הילף ביים הייליקן צדיק.

אויף קאסטנס און טישן גייט אן א ביסל מסחר. יידן האנדלען מיט יארמולקעס, גארטלען און טליתים, ציצית, הייליקע פלעשעלעך בוימל, געבענטשטע מטבעות, בורשטינענע קארעלן, וואס כאפן שטרויעלעך, ווען מע טוט זיי א רייב אויפן ארבל, ציגארשפיצן און בראנפן.

חסידים באקוקן זאכן. טאפן, דינגען זיך. מע טרינקט לחיים, מע ווינטשעוועט זיך מיט פרומע בליקן און מע פארבייסט מיט אייער-קיכלעך.

רב יאסל מוכר-ספרימניק ציט מער קונים ווי אלע. ער לייגט אויס זיינע ספרים מיט די באגילדעטע רוקנס אזוי שיין, אז ס'פארכאפט דאס אויג. און יעדער איינער מוז צוקומען בלעטערן און קויפן עפעס.


ערב ראש-השנה קומען מארק-יידענעס מיט אנגעשניטענע שטיקער רויטע קאווענע און ווייטנטרויבן אויף "שהחיינו", און אויף מארגן נאך יום-כיפור ווערט דער חסידישער יאריד נאך גרעסער און לעבעדיקער.

אויף ספעציעלע טישן אין זילבערנע און גלעזערנע כלים ליגן אין ווייסע קליאטשע איינגעוויקלט די שמעקעדיקע אתרוגים. יידן ווישן זיך די הענט מיט די קעשענע-פאטשיילעס, איידער זיי רירן אן א אתרוג. אנדערע פארען זיך מיט לאנגע, גרינע לולבים, דינגען זיך, קלייבן און קויפן.

מע ווייזט זיך איינס דאס אנדערע די מציאות. מע פרעגט מבינות. דער גייסט פון יום-טוב און די סביבה פונעם רבינס הויף, וואס איז פול מיט פרייד, שפיגלט זיך אפ אין זייערע אויגן. גוט-ברודעריש נעמט מען זיך ארום. חסידיש-ווארעם דריקט מען זיך די הענט, און מיט ליבשאפט רעדט מען איינער צום אנדערן אויף דו.

צווישן אמתע חסידים ווערט אפט אפגעווישט דער באגריף פון אלט און יונג, רייך און ארעם און די מדרגות פון קאנען לערנען.

אלע ווערן גלייך צעוואַרעמט, פאלן ארייַן אין התלהבות, ווען דער רבי זאגט תורה, טיילט שיריים, אדער טאנצט צו די הקפות. צוזאמען קוויקט מען זיך מיטן התלהבותדיקן דאווענען און די חסידישע ניגונים. דער חסידישער עולם ווערט דא פאראייניקט און פארבונדן דורך דעם גלויבן אין רבין, און אין זיין האפענונג ווארעמט זייערע נשמות.





רבי אהרן מטשרנובל



רבי יוחנן מרחמסטריבקה



מרדכי אליעזר פערל

דער יארצייט פון טריסקער מגיד אין טריסק

אלע יאר אין טאג פון זיין פטירה פלעגן קומען קיין טריסק פיל
הונדערטער חסידים פון פוילן און פון אוקריינע מתפלל זיין אין
דעם אוהל אויף זיין קבר. א סך קאליעקעס פלעגן קומען בעטן א
רפואה צו זייערע צעמזיקטע און פארקריפלטע גלידער, א סך
ארעמעלייט פלעגן קומען פשוט בעטן נדבות.

די גאנצע נאכט פאר ב׳ תמוז פלעגן אנקומען חסידים, גיין אויפן אוהל,
דארט מתפלל זיין און נאך די זעלבע נאכט פארן צוריק אהיים. דער שאסיי
פון רבין רב יעקב לייבעניוס הויף ביז צום אוהל איז געווען דא און
דארט באשטעלט מיט טישלעך, אויף וועלכע ס׳ברענען לעמפלעך, און אויף
א שטול נעבן זיי זיצן יידן און שרייבן פאר די חסידים, וואס גייען
אויפן אוהל, קוויטלעך צום מגיד. די קוויטלעך זענען געשריבן אויף
לשון-קודש. פארן אנשרייבן אזא קוויטל באקומט דער שרייבער עטלעכע
גראשן.

די טריסקער ליצני-הדור פלעגן זיך מתנגדיש וויצלען, אז אין דער נאכט זעט מען בעשיימפערלעך נסים-ונפלאות: יידן וואס א גאנץ יאר זענען זייערע פענעס שטומפיק איוף אנצושרייבן א שורה לשון-קודש אן גרייזן, ווערן אין דער דאזיקער נאכט גאנצע כתבא-רבאס אויף לשון-קודש, און מע צאלט זיי נאך דערפאר !

א סך חסידים פלעגן בלייבן איבערנעכטיקן, כדי אויף צו מארגנס דאוונען מיטן רבין צוזאמען און גיין מיט אים אויפן אוהל. דארט פלעגן א סך חסידים געבן זייערע קוויטלעך דעם רבין אין האנט אריין, ער אליין זאל זיי אריינווארפן אין ארון, וואס איבערן מגידס קבר.

דאס ענגשאפט אין אוהל איז דעמלט געווען אין-לשער. די געוויינען און די קולות פון די בעטנדיקע -- הארצרייסנדיק.

-- וואסער! וואסער!! -- האט מען אפט דערהערט א געשריי. דאס האבן נעבעך יידן געהלשט פון דער דושנעקייט און דער היץ פון מענטשלעכע לייבער און ברענענדיקע נשמה-ליכט און אנגעצונדענע קניטלעך אין גלעזער מיט בוימל, און מ'האט זיי געדארפט מינטערן.

ווען האבן דאס געפעלט צרות ביי יידן? האבן דא יידן אויסגעגאסן זייער ביטער געמיט און געבעטן, דער צדיק זאל זיך פאר זיי באמיען דארט אויבן אין הימל פארן כסא-הכבוד, ס'זאל זיי גרינגער ווערן.

-- הייליקער צדיק, איך קאן שוין מער נישט לעבן! -- שרייט דארט פארצווייפלט א יידענע, און צענדליקער יידענעס באגלייטן זי מיט געוויין אן ווערטער. זיי זענען, משמעות אלע איינפארשטאנדן מיט אירע אויסגעשרייען, אלע פילן זיי דאס זעלבע.

דארט אין ווינקל שטייט א הויכער ייד, בלאס ווי די וואנט, די הענט פארשטעקט אין גארטל, די אויגן פארגלאצט, ער באוועגט זיך ניט כמעט, נאר פון צייט צו צייט הערט מען פון אים א טיפן קרעכץ:

-- אוי-אוי ! רבונו-של-עולם!...

זיינע תפילות גייען נישט פון זיין קעל און מויל, נאר גלייך פון הארצן ארויס צום הימל. - - -

גייענדיק צוריק פונעם אוהל, ווינטשט איינער דעם צווייטן:

-- איר זאלט האבן געפועלט אל דאס גוטס !

און יענער ענטפערט:

-- זכותו יגן עלינו !

צוריקגעקומען פול אהל, פראוועט דער רבי א טיש פארן גאנצן עולם און זאגט תורה אין נאמען פונעם מגיד, זצ"ל.

דעם גאנצן טאג זעט דאס שטעטל אויס יומטובדיק. יומטוב - אין א וואכעדיקן טאג. אלע זענען אנגעטאן שבת-יומטובדיק. אלע שטיבער זענען פול מיט געסט. עס זענען געקומען טאטעס, מאמעס, ברידער, שוועסטער, אדער גלאט באקאנטע, - מע מוז זיין לייטיש געקליידט. אויסער דעם האבן שדכנים אפגעשטעלט זיך מיט מחותנים, מע זאל זיך דא צוזאמענטרעפן און דורכשמועסן וועגן די

שידוכים, וואס זיי האבן פארגעשלאגן, ווי אויך כאפן א קוק אויף א חתן-כחור, אדער כלה-מיידל טאקע פון הי. פארשטייט זיך, אז אין אזא פאל זענען שוין די קומענדיקע חתנים און די כלות געוועזן אויסגעפוצט, ווי עס פאסט זיך אויף געפעלן צו ווערן. און וואסער בחור, אדער מיידל האט עס געקאנט זיין זיכער, אז עמעץ וועט זיי נישט קומען אנקוקן?! פלעגן טאקע אין דעם טאג אין טריסק געשלאסן ווערן א סך שידוכים.

חיילים בצבא הפולני
עם קבוצות חברים



עם החייל יחיאל
ויינר



עם החייל
שמאי מנדלסון



עם החייל
פיני בר

מרדכי אליעזר פערל

פון טריסקער הויף

טריסק איז בארימט געווארן איף דער וועלט דורך דעם זון פון רב מאטעלע טשערנאבילער, זצ"ל -- דעם מגיד רב אברהם, זצ"ל, דער מחבר פון ספר "מגן אברהם" אויף תורה.

נאכן מגידס פטירה זענען פארבליבן זיינע צווי זין: רב מאטעלע און רב יעקב לייבעניו, זצ"ל. רב מאטעלע האט זיך באזעצט אין בלאדאווקע, שפעטער אין קוזמיר און צו לעצט אין לובלין. ער האט געהאט א סך חסידים אין פוילן. קיין טריסק פלעגט ער קומען נאר אויפן מגידס יארצייט. ער האט קיין קינדער ניט געלאזן.

רב יעקב לייבעניו איז געבליבן זיצן אין טריסק און האט ממשיך געווען צו פירן דאס רביסטווע אויפן מגידס שטייגער. ער האט געהאט א סך חסידים אין פוילן און אוקראינע.

איך געדענק, אז אויף ימים-נוראים און אויף שבועות פלעגט דאס שטעטל פול ווערן מיט אנגעפארענע חסידים. אום ראש-השנה פלעגט מען אין שטאט-בית-מדרשווארטן עטלעכע שעה מיטן שופר-בלאזן, ווייל א סך זענען געגאנגען הערן דעם רבינס תקיעות. אום שמחת-תורה פלעגן א סך פון שטעטל גיין צום רבינס הקפות. זיינע הקפות פלעגן דויערן אפשר דריי שעה. דער רבי פלעגט אין מיטן א גרויסער ראד חסידים טאנצן אין גרויס התלהבות מיטן קליינעם ספר תורהלע, וואס איז אים אנגעקומען בירושה פון טשערנאביל צוזאמען מיטן ווונדערלעכן זילבערנעם חנוכה-לאמפ. דער רבי האט געטאנצט, די חסידים האבן געזונגען און געפאטשט מיט די הענט, און ס'איז געווען שמחה-וששון און גרויס דערהויבנקייט.

אויף דעם ארט וויל איך דערציילן, ווי ס'האט אויסגעזען דער חנוכה-לאמפ, וואס האט געוויגן אפשר פופציק קילא און איז געווען אין גאנצן פון זילבער, ערטערווייז פארפוצט מיט גאלד. פון פארנט איז דאס געווען א טיש אין דער פארעם פון א שטענדער, א מעטער די ברייט און א מעטער די טיף. דער טיש האט געהאט פיר דיקע, קיילעכיקע, געבויגענע פיס. פון איין פוס צום צווייטן איז געווען איבערגעווארפן באלכסון גראבע לייסטן און אויפן ארט ווו די לייסטן קומען זיך אין סאמע מיטן צונויף איז געשטאנען א גרויסער אדלער מיט פאנאנדערגעשפרייטע פליגל. מ'האט געשמועסט, אז אין דעם אדלער איז געווען איינגעריכט אזא מעכאניזם, אז אמאל, ווען דער טשערנאבילער, זצ"ל, האט געבענטשט חנוכה-ליכט, פלעג עס פונעם אדלערס אינגעווייד ארויסשפילן. נאר נאכן טשערנאבילערס פטירה איז דער מעכאניזם קאליע געווארן, און מ'האט שוין דאס שפילן מער נישט געהערט. אויפן טיש איז געשטאנען די חנוכה-מנורה. הינטער דעם מנורה איז געווען א ווענטל צוויי מעטער די היך. אין דעם ווענטל - אן ארון-קודשל, ווו דאס ספר תורהלה איז געשטאנען. ביי ביידע זייטן פונעם ווענטל זענען געהאנגען צוויי גרויסע קריגלעך אויף בוימל צו די חנוכה-ליכט. ביי יעדער זייט פון דער מנורה איז געשטאנען א בוים, וואס ביי א ליאדע שאקלן פלעגט ער זיך א באוועג טאן ווי א נאטירלעכער בוים.

מ'האט געזאגט, אז דאס איז דערפאר, ווייל זיי זענען געמאכט פון דינע דראטן, -- דראט-ארבעט. אויף דעם שטענדער איז געווען אויפגעקריצט די ברכות און על-הנסים.

נאכן ענדיקן דאס בענטשן פלעגט דער רבי פארדרייכערן א ליולקע, וואס האט דערגרייכט די פאדלאגע, און דערביי פלעגט דער עולם זינגען "על הנסים".

בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה, אין יאר 1917, האט דער רבי אוועקגעשיקט א סך ווערטפולע זאכן קיין קיעוו אין א באנק אריין ובתוכם אויך דעם חנוכה-לאמפ, וועלכער איז געשטאנען אין א ספעציעל געמאכטער שאפע. דערווייל האט אויסגעבראכן די רעוואלוציע. זיין טאכטער חיקעלע איז געלאפן קיין קיעוו צו ראטעווען דאס פארמעגן פון דער באנק ארויס, אבער די באלשעוויקעס זענען איר פארלאפן דעם וועג, אויך דער חנוכה-לאמפ איז אריינגעפאלן אין זייערע הענט.

א יך געדענק דעם רבינס גבאים, וועלכע האבן באשיינט אונדזער שטעטל מיט זייער תורה און אויפפירונג און אויך מיט אויסערלעכן אויסזען. טאקע שיינע יידן אין אלע פרטים.

דער ערשטער גבאי איז געווען רב יעקב מאיר (מאספאניס). דאס איז דער זיידע פון דער מוטערס צד פון די דריי דיכטער: לייבל, ברוך, עה"ש, און מאטעס אליצקי. אלס קינד פלעג איך אריינקומען צו זיי אין שטוב. ס'פלעגט אויף מיר שטענדיק מאכן א שטארקן רושם, ווי רב יעקב מאיר איז מקיים די מצווה פון כיבוד-אב. ער האט געהאלטן ביי זיך זיין אכציקיעריקן טאטן, רב ברוכן, א ייד א למדן, וועלכער איז גאנצן טאג געזעסן אין בית-מדרש און געלערנט, אליין אים צוגעטיילט דעם גרעסטן כבוד און עס געפאדערט פון גרויס אן קליין ביי זיך אין שטוב. דער אלטער זיידע האבן אים די אוראייניקלעך גערופן. ווען רב יעקב מאיר פלעגט אוועקפארן מיטן רבין אין וועג אריין, און רב ברוך איז נישט געווען אין דער היים, פלעגט ער קומען אין בית-מדרש אריין זיך מיט אים געזעגענען. ס'איז געווען א חידוש און א גרויס נחת-רוח צוצוזעען, ווי דער זון נעמט דעם אלטן טאטן, ווי סע נעמט הארציק ארום א קינד, און צעקושט זיך מיט אים.

די אנדערער גבאים: רב טראליק חיה לאהקעס (סעגאל); רב סראל מאטיע גדולס (לעווערטאוו); רב אביש מאטיע גדולס (לעווערטאוו); רב פראיס (פארבער) און רב מאטל בערקעס.

ווער ס'האט אפילו נישט געקאנט פערזענלעך די א יידן, האט פון בלויז א קוק טאן אויף זיי געזען, אז זיי זענען פול מיט תורה און מעשים-טובים. דאס גוטסקייט און איידלקייט האט אראפגעשיינט פון זייערע הדרתדיקע פנימער.

רב סראליק לעווערטאווס אין אייניקל, פרוי אווערבוך, לעבט אין ישראל, דעסטגלייכן רב אבישעס צוויי אייניקלעך: אפרים און שלמה לעווערטאוו. אויך רב פראימס א טאכטער שבע טענענבוים לעבט אין אמעריקע און קומט מיט באזוכן קיין ישראל.

י. י. וואהל

וועגן דעם טריסקער רבין

רב נחמיה בונים, איינער פון דעם טריסקערס מקורבים, א טיפער, פילאסאפיש באלעזענער ייד, רב נוח פאריצקערס, דעם מבאר פון דעם מהר"ם שיפס און איינ יקל, האט מיר איבערדערציילט א פאר מעשות פון דעם טריסקער, וואס ער האט פערזענלעך געהערט מפיו הקדוש – פארבנרייכע מעשות, צונויפגעוועבטע פון הימל, ערד און שטערן און באהויכטע מיט אלע ריחות פון דער זאנפטער וואלינער נאטור, מיט אן אומגעוויינלעכער שפאנונג האב איך געהערט די מעשות, כאטש איך בין שוין צו יענער צייט געווען "געכאפט" און האב שטילערהייט געלייענט פושקינען און דעם "חטאת נעורים".

און באזונדערע אויסדערוויילטע טעג האבן די צדיקים געהאט פאר זייערע מעשות: דער טריסקער, א שטייגער, תשעה באב און שמיני-עצרת; דער טאלנער – אנדערע טעג, אאז"וו. דעמלט פלעגן זיך צונויפקומען זייערע מקורבים אין א באזונדער חדר, דער רבי האט ארומגעשפאצירט מיט גיכע טריט, זיין קול האט געפליסט מיט א זונדערבארער ווייכקייט און דבקותדיקייט, צארטע פעדעם האבן זיך געוועבט, און בילדער זענען אויפגעשפרונגען און אנגעפילט דעם רוים. אייניקע מקורבים פלעגן זיך נוהג זיין פארשרייבן אויך די מעשות אזוי ווי דאס תורה-זאגן.

א. זוכער



טריסקער קלויזן און "שטיבלעך"

טריסקער קלויזן און "שטיבלעך" האבן זיך זיכער געציילט אין וואלין און פוילן אין די צענדליגער. ס'איז כדאי צו פארצייכענען, אז די סאמע עלטסטע פון אלע קלויזן פון דער טריסקער דינאסטיע האט זיך געפונען אין לויצק, לעבן דער גרויסער שול, און מ'האט־זי גערופן "דער טריסקער בית-מדרש". אין דעם בית-מדרש איז געווען א תקנה, לויט וועלכע מע פלעגט יעדעס יאר אויסוויילן אנדערע צען גבאים, אזוי אז אין משך פון עטלעכע יאר האט זיך נישט געפונען צווישן די מתפללים קיין איינער, וואס זאל נישט האבן זוכה געווען צו זיין א גבאי. דאס איז געווען "א דעמאקראטישער שטייגער".

אויסער דעם א בית-מדרש איז אין לויצק געווען אין צענטער שטאט נאך איינער, וועלכן מ'האט גערופן "די טריסקער גרויסע שול".

נאך ביי היינטיקן טאג געפינט זיך א טריסקער קלויז אין ישראל – אין דער הייליקער שטאט צפת.

הרבי ר' וולוולה
בחג שמחת תורה בקובל

ד"ר ראובן בן-שם

בקלויז שורר חום לוהט שלא מעלמא-הדין. עם ספרי-תורה בזרועותיהם רוקדים החסידים. פנים משולהבות, עינים עצומות ופקוחות לסירוגין, רגלים קלות כאיילות נישאות מעלה-מטה. נישאים על כנפי-נשרים, רוקדים, מתלהבים, כאילו אין ניכר ואין גולה, אין חטא ואין גיהנום. הכל רק קפיצה למעלה, לאין-סוף הבלתי נראה והמתגלה בריקוד. דלגו, קפצו, התרוממו, פסחו, נהרו, הרימו רגלים בהעויות-רקוד משונות. ריקוד עוצר נשימה. לבות הרוקדים תקתקו כשעוני-תוכי וטלטלות כבדות-משקל מושכות מעלה-מטה, לתהום-הנשיה - והזכירה, לפסגת-הבריאה והטמירין - מחול שמחת-תורה, שמחת-התרוממות-ובטול-גאווה, מעבר לחיי העולם הזה.

סביבנו המון. המון יהודי-ווהלין החביבים. ידעתים גם ידעתים. יהודי מזוג. מזוג גיאופוליטי-טופו-אטנוגרפי. ווהלין השוכנת בספר רוסיה, פולין, בשכנות ליטא, מלורוסיה, ביאלורוסיה, ספגה מכולם דם - וחיים. אין בהם, ביהודי ווהלין, קור-ההגיון הליטאי ולא מקלות-הדעת והנשריות של הפולני. יש בו, ביהודי הווהלינאי, התלהבות בתערובת געגועי ערבות אוקראינה וערגה ביאלורוסית ועמקות ליטאית גם-יחד. ועל הכל פשטות, פשטות רבת-בטויים, פשטות הערבה האוקראינית. ויקדו עיני המסתכלים בריקוד, נהנו ונאנקו, נהנו ונענעו ראש.

הרבי יצא לרקוד. החסידים זזו לצדדין. רוקן חבל-הרצפה במרכז. הרבי עצם עיניו, הרים ראשו ונע בקצב, תחב אצבעותיו לאבנטו הרחב, תקן את השטריימל על ראשו, פסע פסיעות לעבר השולחן ולעבר ההמון ויצא במחול דרווישי, מסתורי-התלהבותי, שדוגמתו לא ראיתי עד-כה.

החסידים מסביב ספקו כפיים, שרו וזמזמו, נאנחו והתפעלו. והרבי רקד. עברה חצי שעה, עברה שעה, הריקוד לא פסק, לא פג, לא גדל ולא פחת. נקפא הקצב. נקפא העולם, נקפאה ההויה. שמש-החיים נדמה בבית-הכנסת של הרבי בקובל, ואתה החסידים והמסתכלים. הליכה וקפיצה, קפיצה וסיבוב, סיבוב ונתירה, נתירה ודליגה, דליגה וחצי-כריעה, בלי אומר ודברים, בלי שינוי-העויה. רק פני הרבי השתלהבו, בערו, יקדו, הוצתו.

וקנאתי, מה-קנאתי בכוח האידיאה-ההרגל, שכוחן רב לחמם לבו-של-יחיד ולהלהיב לבות-הרבים.

פעם, בליל סוכות, נשתהה ר' אברהם, האדמו"ר מטריסק, שעה ארוכה על מפתן הסוכה. חסידיו שליווהו עמדו דוממים ותמהים, עד שפתח פיהו ואמר:

-- משנתקרבתי לסוכה התחלתי מהרהר: הן אמרתי בתפילת ימים נוראים שהאדם "משול כחרס הנשבר", איך רשאי אני להיכנס לסוכה שאסור להכניס בה כלי חרס? אולם נזכרתי במאמר חז"ל: "כלי חרס אין להם תקנה אלא שבירה", ולפיכך שברתי לבבי לפני אלוהי, אשר לב נדכה ונשבר לא יבזה. ונכנס לפנים הסוכה.

משה בטר

ב"טריסקר שטיבל" בקובל

אבי ז"ל היה מחסידי טריסק בקובל והוכנסתי באוירה של בית-הכנסת הטריסקאי.

ה"טריסקער שטיבל" הצטיין בליברליות מסויימת. לא התייחסו בקפידה כלפי המקלים ראש בתפילה. ולא עוד, אלא שבפרוזדור התנהלו שיחות בענינים העומדים ברומו של עולם - הפוליטיקה, הציונות וכלל-ישראל.

מצאנו שם יהודים שהבינו לרוחנו, השתתפו אתנו בכל מיני מעשי קונדס בליל שמחת-תורה ובלילות-חג אחרים.

עומד לפני ראובן צביק ז"ל עם חיוכו הרחב, שהיתה לו שפה משותפת אתנו הצעירים. לזה נתן צביטה ואת זה כיבד בטפיחה על הגב.

אזכרה את יוסף פעפע ז"ל עם קפוטת-המשי, שבשבתות וחגים היה קורא בתורה בסלסול ונגון מיוחד והיה מתנועע לכאן ולכאן.

ומי לא זוכר את אפרים רבינר ז"ל? עם כל דבקותו בתפילה בכל רמ"ח אבריו, היה מיד מרגיש באורח שעבר את סף בית-המדרש, ובשעת-הפסקה נגש אליו וסדר לו מקום לינה. וחזקה עליו על רב אפרים, שכולם נשמעים לו.

בכמה כבוד וחיבה התיחסנו ליהודי זה, שלא חסך עמל כדי לסדר בבתי-היהודים המוני האורחים והחיילים שהופיעו בעיר בערבי-חג.

ומי לא זוכר את תפילת שלמה מנדל ז"ל ב"ימים-נוראים"? את ה"הנני העני ממעש" שלו? את הדו-שיח עם רבון העולם. היתה זו חוויה שלעולם לא תשכח.

בכתלי ה"טריסקער שטיבל" נעשתה גם פעולה ציונית חשובה. פעולה זו הורגשה, במיוחד, בערב יום הכיפורים. בנו של יוסף פפה ויוסף צביק היו מראשי המארגנים את המגבית הציונית. כל הזרמים שבציונות שכנו בבית-כנסת זה.

מכובדה ביותר היתה השושלת הצ'רנובילית, צאצאי המגיד ר' נחום מצ'רנוביל, שעלתה כפורחת בימי בנו ר' מרדכי, המכונה דרך חיבה ר' מוטלי (1770-1837), ואליו נהרו לעיר-מגוריו צ'רנוביל, פלך קיוב, אלפי חסידים ו"פדיונות" - כסף בידיהם. אחרי פטירתו חילקו שמונת בניו ביניהם את כל פלך קיוב ופלך ווהלין. בצד המרכז הצ'רנובילי צצו מרכזים אדמו"ריים בקורוסטישב, צ'רקאס, מאקארוב, טריסק, טאלנה, סקווירה וראחמיסטרובקה.

(פרופ' ש. דובנוב -
"דברי ימי עולם").

נתן ליבנה

מעשה בר׳ דב-בר המגיד ממז׳דיטש שביקש להביא הגאולה*)

שָׁלְחוּ קְהִלּוֹת־יִשְׂרָאֵל אֶל דֹּב־בֶּר
הַיְּדַמְקִים הֵשַׁמּוּ הַעוֹד תֶּחֱשֶׁה:

הִטַּהֵר ר׳ דֹּב־בֶּר וְלָבַשׁ הַשִּׂמְחָה
וְלָבַשׁ אֶת בִּגְדוֹ הָאַטְלַס הַלָּבָן:
הָאִצְטְלָה־שֶׁל־רַבּוֹ הַפִּשְׁתָּן הַלָּבָן
וְאֵזוֹר וְכִפָּה וּפֻזְמָק וְגַם נַעַל:
כַּשֶּׁלֶג כֻּלָּם כֹּה צַחִים וּלְבָנִים
וְעָטַף טַלִּיתוֹ כֻּלָּהּ צֶמֶר צָחוֹר:
וְהֵרִיחַ עוֹד גִּ״פ מִקֻּפְסָה הַלְּבָנָה
וּבְמַטֵּה־הַלִּבְנֶה־הַלָּבָן־שֶׁל־רַבּוֹ
עָג סְבִיבוֹ וְהֵרִים גִּ״פ אֶל עָל:

שָׁמְעוּ בַּעֲלִיל הֵד־דְּפִיקוֹת בִּמְעוּפָּן
וְקוֹל שֶׁבָּרַעַם לוֹ יַעֲנֶה בְּסוּפָה:
זְמַן רַב עוֹד עָמַד וְקָרָא בִּגְרוֹנוֹ
אַךְ אִישׁ לֹא שָׁמַע עוֹד שִׂיחוֹ עִם קוֹנוֹ:

רָגְזוּ בַּמְּרוֹמִים עַל דָּחֲקוֹ אֶת הַקֵּץ
סָאֲנוּ אוֹפַנִּים חַיּוֹת־קֹדֶשׁ שָׁאָגוּ:
וְשָׂרָף כְּבָר יוֹרֵד עִם הַגֶּשֶׁם
לִפְגֹּעַ:

אַךְ רַבִּי דֹּב־בֶּר עִם קוֹנוֹ רַק בִּלְבָד
זוֹ לִי גַּם חוֹבָה וְגַם זְכוּת אָב רַחוּם:
אִם רוֹעֶה נְתַתַּנִי לְבֵית יִשְׂרָאֵל
וְאֵבֵי־עֲרָבוֹת מַה תִּשְׁלַח רַק בָּהֶם:
וְצַדִּיק־בְּדוֹרִי קֵרַבְתָּנִי אֵלֶיךָ
חַיָּב אֲנִי קֵץ־הַגָּלוּת לְקָרֵב:

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ חַיָּבִים אוֹי זֹאת שְׁנֵינוּ
מָרָה הַגָּלוּת כְּלַעֲנָה אָב מָתֹק:
מָשָׁל לְמִקְוֵה דָּמִים־הֵם בּוֹ יִרְחָצוּ
וַאֲנִי אוֹיָה לִי הַחַיָּב בְּנַפְשָׁם
וּמַה תַּעֲנוּג מִצַּדִּיק שֶׁחַיָּב:

עָצַר הַשָּׂרָף לֹא פָּגַע בּוֹ הָאוֹר
וּבַת־קוֹל שֶׁיָּצְאָה הִכְרִיזָה סְחוֹר־סְחוֹר
וּמִי הַמֵּעִיד כִּי אַתָּה צַדִּיק הַדּוֹר:

צָהַל ר׳ דֹּב־בֶּר וְהִדֵּק הָאֵזוֹר
וְתָחַב כְּרַבּוֹ הַמַּטֶּה בָּאֵזוֹר:
וּפָצַח בְּרִנָּה־שֶׁל־לוֹמְדֵי־הַתּוֹרָה
וְיָצָא בְּרִקּוּד־שֶׁל־שִׂמְחַת־הַתּוֹרָה:
שַׁאֲלוּ אַי – אַי – אַי
שַׁאֲלוּ אַי – אַי – אַי:
חֶבְרַיָּה וְכַלַּיְהּ
תַּלְמִידַי קְדוֹשַׁי:



---

* את השיר יש לקרוא שורה אחת מימין ושורה אחת משמאל.



ניגון שמחת־תורה לתלמידי הבעש"ט

אָז הָרַעַם הִרְעִים וְהִכָּה הוּא בַּצּוּר   וְהַקּוֹל הִתְפּוֹצֵץ וְהִרְקִיד הֶהָרִים:
וַיֵּצְאָה זוֹ בַּת־קוֹל מֵאַרְבַּע הָרוּחוֹת   וְהִכְרִיזָה בַּת־קוֹל וְעָנוּ לָהּ הָרִים
לַךְ כְּנֹס וְיָעִידוּ:

מַהֵר ר׳ דֹּב־בֶּר וְשִׁנֵּס אֶת מָתְנָיו   וְהַגֶּשֶׁם כַּחֵץ וְיוֹרֶה בְּפָנָיו:
אַךְ אֵין שְׁלִיטָה לַגֶּשֶׁם עַל אִצְטְלָה־שֶׁל־הָרַב   בָּא הוּא יָבֵשׁ וְהִזְעִיק שְׁלִיחָיו:

עָמְדוּ לְפָנָיו כֹּה יַעֲזוֹר לָהֶם אֵל   וּבְרֹאשָׁם רֶב יִשְׂרָאֵל וְרֶב עַזְרִיאֵל:
וַיֵּצֵא מִלְּפָנָיו גַּם בְּשִׂמְחָה וּבְשִׁיר   הָרָץ ר׳ לֵיבּ בֶּן־שָׂרָה מְרוֹבְבֶה הָעִיר:



הניגון המשולש: של הבעש"ט, המגיד ממז׳יריטש ובעל התניא

שְׁלָחָם חִישׁ־מַהֵר אֶל מֶג׳יבּוּז׳ וּפּוֹלוֹנְאָה   אֶל וִיטֶבְּסְק וְאֶל לַאדִי לִיזֶ׳נְסְק וְאַנּוּפּוֹלִי:
אֶל בֶּרְדִיצֶ׳ב וְאֶל קַרְלִין ז׳יטוֹמִיר וְלוּבְּלִין   אֶל לוּצְק וְקוֹזֶ׳נִיץ קוֹרֶץ וְצֶ׳רְנוֹבִּיל:
וְגַם אֶל פּוֹדוֹל וְרַיְסֶן גַּלִיצְיָה וּפּוֹלִין:

וְלֹא יָצְאוּ הַיָּמִים וְהֵם בָּאוּ הִתְיַצְּבוּ   חֲבֵרָיו־תַּלְמִידָיו עִם תַּלְמִידֵיהֶם הֵם:
אִישׁ־עַל־מַחֲנֵהוּ בָּאוּ וְהָיוּ בַּמַּחֲנֶה גַּם   ר׳ צְבִי בֶּן ר׳ יִשְׂרָאֵל הַבַּעַל־שֵׁם וְר׳ יַעֲקֹב־יוֹסֵף:
רַבִּי שְׁנֵאוּר־זַלְמָן וְרַבִּי יִשְׂרָאֵל   ר׳ יַעֲקֹב־יִצְחָק ור׳ מְנַחֵם־מֶנְדְּל:
ר׳ זוּסְיָא ר׳ אַהֲרֹן וְר׳ אֱלִימֶלֶךְ   ר׳ שְׁלֹמֹה וְר׳ זְאֵב וְר׳ לֵוִי־יִצְחָק:
ר׳ נָחוּמְ׳ל צֶ׳רְנוֹבִּילֶר מְאוֹר עֵינַיִם   גּוֹנֵב כָּל גַּן־הָעֵדֶן וְעוֹלָם הַבָּא*):

*)ר׳ נחומ׳ל צ׳רנובילר (מצ׳רנוביל) - תלמידו של הבעש"ט ואח"כ מחשובי תלמידיו של המגיד הגדול ר׳ דוב-בר ממז׳יריטש. ספרו "מאור עינים" נחשב, עד היום, לאבן-שואבת של הספרות החסידים. הוא היה אביו של ר׳ מוטילה מצ׳רנוביל וסבו של ר׳ אברהמ׳לי, המגיד המפורסם מטריסק.

וְגַם סָבָא בָּא עִם מַעֲשִׂיּוֹת לָרֹ׳ב וְאַף בְּנוֹ־יְחִידוֹ הַמַּלְאָךְ ר׳ אַבְרָהָם
שֶׁמְּהַלֵּךְ הוּא כָּאן אַךְ כָּל חַיָּיו הֵם שָׁ ם:
וְכֵן כָּל הַשְּׁאָר כָּל הָרְאוּיִים לֹא יִסָּפְרוּ מֵרֹב שֶׁכֵּן יִרְבּוּ אָמֵן:
וּמֵאֲחוֹרֵיהֶם עוֹד כָּל הַמַּסִּיקִים עָמְדוּ הֵם בְּמַעְגָּל וְר׳ דֹּב־בֶּר בַּתָּוֶךְ:

וְר׳ דֹּב־בֶּר עוֹמֵד וְהֵם עוֹמְדִים תּוֹהִים וְר׳ דֹּב־בֶּר מֵרִים קְצֵה הַמַּטֶּה בְּנַחַת:
וּבְקוֹל הַמִּתְנַנֵּן שֶׁמִּתְחַטֵּא וָרַךְ שׁוֹאֵל הוּא כִּשְׁאֹל הַתִּינוֹקוֹת־שֶׁל־בֵּית־רַבָּן:

מִי הָאִישׁ צַדִּיק־הַדּוֹר הוּא אַהּ לִי אִמְרוּ אֱמֹרוּ:

הִשְׁתּוֹמְמוּ נִדְהֲמוּ כְּבֵדָה אָזְנָם מִשְּׁמֹעַ דּוֹמֶה רַבָּם שְׂפָתָיו נָעוֹת וְלֹא נִשְׁמָע קוֹלוֹ:
כִּי לֹא רָאוּ וְלֹא שָׁמְעוּ כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה כִּי מַה כַּוָּנָתָם שֶׁל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה:
וְר׳ דֹּב־בֶּר עוֹמֵד וּמְשַׁדְּלָם בְּנַחַת אֲנִי שׁוֹאֵל אֶתְכֶם כְּלוּם אֵינְכֶם יוֹדְעִים
מִי צַדִּיק־הַדּוֹר דָּבֵק בֶּאֱלֹקִים:

וְהֵם עוֹמְדִים בְּלִי נֹעַ אַף עֵינָם כָּהֲתָה שׁוּב הֵם לֹא יִרְאוּ גַּם אֶת רַבָּם
וְרַק עוֹמְדִים וּמְנַעֲרִים עַצְמָם מִמַּחֲשָׁבוֹת רָעוֹת:

וְר׳ דֹּב־בֶּר עוֹמֵד רוֹטֵט בְּיָד מַטֵּהוּ בּוֹ נֶעֱזָר לְקַצֵּב דְּבָרָיו שֶׁבַּשְּׁלִישִׁית:
וְאִם נֶאֱמַר דּוֹר דּוֹר וְצַדִּיקוֹ חַד בְּדוֹרוֹ מִי לְדַעַתְּכֶם צַדִּיק תָּמִים בַּדּוֹר הַזֶּה:

וְעוֹמְדִים הֵם כִּנְזוּפִים וְלֹא נִשְׁמָע קוֹלָם וְדוּמָם שַׁחִים רָאשֵׁיהֶם כַּשִּׁבֳּלִים בְּרוּחַ הַשָּׂדֶה:
וּמְלִיטִים בְּכַף־יָדָם עֵינֵיהֶם וכוֹבְשִׁים הָאֲנָחָה:

ו׳ר׳ דֹּב־בֶּר כְּמוֹהֶם שַׁח רֹאשׁוֹ שִׁבֹּלֶת בַּשָּׂדֶה וְר׳ דֹּב־בֶּר כְּמוֹהֶם מֵלִיט עֵינוֹ בְּכַף־יָדוֹ וְכוֹבֵשׁ הָאֲנָחָה:
וְר׳ דֹּב־בֶּר כְּמוֹהֶם נֶאֱלָם הוּא דֹּם;

וְהַדְּמָמָה דּוֹלֶקֶת כְּהֶבֶל־פִּי־שָׂרָף הוּא מַעֲלֶיהָ עַד־עוֹמֵד וְאֵשׁ־עַל־אֵשׁ מֵעֵד:
וּזְבוּב אֲשֶׁר פּוֹרֵחַ מִיָּד נוֹפֵל וָמֵת:

רַק הַמַּלְאָךְ דּוֹמֶה מַרְגִּישׁ אַךְ תָּמִיד הֵן מְהַלֵּךְ שָׁ ם בַּשְּׁבִילִים הָאִישׁ:

וְכַאֲשֶׁר יָצָא לוֹ זֶה חָזָק וְהִתְחַזֵּק ר׳ דֹּב הִנֵּה יִזְקֹף הוּא קוֹמָתוֹ וְשׁוֹלֵחַ רֹאשׁ אֶל עָל:
וּבְנִגּוּן וּבְשִׂמְחָה דּוֹמֶה יֹאמַר עוֹד אֵין מַזָּל לְיִשְׂרָאֵל
הִפְסַדְנוּ חֵן וּמַה חֲבָל:

על ר׳ נחומ׳ל מצ׳רנוביל מספרת האגדה החסידית, שבביקורו הראשון אצל הבעש׳ט סח הבעש"ט באזנה של אשתו הרבנית: "הזהרי מאורח זה, הוא גנב". הרבנית, שהכירה היטב את באי-ביתם תמהה: "כלום יתכן, הרי זה יהודי קדוש וטהור?". "כן כן – ענה הבעש"ט – הוא גנב. הוא רוצה לגנוב מאתנו את כל גן-העדן עם עולם הבא".

אַחֲרִית־דָּבָר

וּפַעַם בְּמוֹצָשַׁ״ק פ׳ לֶךְ לְךָ כַּאֲשֶׁר ר׳ דֹּב־בֶּר הַמַּגִּיד מִמֶּזְרִיטְשׁ וּקְהַל חֲסִידָיו הָרַבִּים וְתַלְמִידָיו לִוּוּ אֶת שַׁבַּת הַמַּלְכָּה בְּצֵאתָהּ וְהוּא דָּרַשׁ בְּפָרָשַׁת הַשָּׁבוּעַ בְּקָשְׁרוֹ כְּדַרְכּוֹ פָּסוּק־אֶל־פָּסוּק וּמַאֲמָר־אֶל מַאֲמָר שֶׁפָּסַק כָּל אֶחָד מֵהַמְּסֻבִּים וְהוּא מְצָרְפָם וְעוֹשָׂם יְצִירַת־מִקְשָׁה אַחַת מַעֲשֵׂה־פְּסֵיפָס, רָמַז בֵּין הַשְּׁאָר עַל עִנְיַן הַגְּאֻלָּה וְכִי מִן הַשָּׁמַיִם עִכְּבוּ וְנָטְלוּ הַדִּבֵּר מִפִּי תַּלְמִידָיו. וְהָיְתָה זוֹ טָעוּתוֹ הוּא בִּלְבַד שֶׁלֹּא הִסְתַּמֵּךְ עַל כָּל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר סִבְלָם וּמְצוּקָתָם עֲמֻקִּים מִנִּי־יָם אֶלָּא סָמַךְ עַל בְּחִירֵי־תַלְמִידָיו בִּלְבַד שֶׁלֹּא מְרֻבִּים בֵּינֵיהֶם עֲנִיִּים מְרוּדִים מַמָּשׁ. וְעוֹד רָמַז, שֶׁפְּשׁוּטֵי־הָעָם וּבְנֵי עֲנִיִּים שֶׁהֵם רֹב מִנְיָנוֹ וְרוֹב בִּנְיָנוֹ שֶׁל הָעָם וּמֵהֶם יֵצְאוּ צַדִּיקִים, יִהְיוּ בַּבּוֹנִים, אוּלָם כַּאֲשֶׁר זֹאת תְּהֵא דֶּרֶךְ הַצָּלָתָם הָאַחֲרוֹנָה, שֶׁכֵּן דַּם יְהוּדִים עוֹד לֹא אַחַת יִשָּׁפֵךְ, לְמַרְבֵּה הַצַּעַר הַכְּאֵב וְהַיִּסּוּרִים, לְכַפֵּר עַל כָּל עֲווֹנוֹתֵינוּ, וְכִי אַעֲפִּ״י כֵן הָיְתָה בְּכָךְ מִשּׁוּם ״אַתְחַלְתָּא״.

וְשִׁיר־נִגּוּן חָדָשׁ שָׁרוּ ר׳ דֹּב־בֶּר וְתַלְמִידָיו וַחֲסִידָיו בִּסְעֻדַּת־מְלַוֶּה־מַלְכָּה הַהִיא:

אָמֵן וְאָמֵן אַי – אַי – אַי אֱמֶת וְיַצִּיב
בּוֹא יָבוֹא הַגּוֹאֵל אַי – אַי – אַי לִבֵּנוּ תְּחִנָּה
וּלְצִיּוֹן נַעֲלֶה אַי – אַי – אַי נַעֲלֶה בְּרִנָּה:



אתקינו סעודתא לר׳ דוב־בר, המגיד ממז׳יריטש



אמר ר׳ לייב בן שרה:

– נסעתי אל רבי המגיד לא בשביל לשמוע תורה מפיו, כי אם כדי לראות כיצד הוא קושר את שרוכי נעליו בקדושה ובטהרה.


VERA 75

כ תוב במשנה: וכל בעלי השיר יוצאים בשיר ונמשכים בשיר; "וכל בעלי השיר" – הם אותם שמתנהגים בבחינת "שירו לו", "יוצאים בשיר" – שעל ידי השירות והתשבחות יוצאים ומפקיעים עצמם מכל הרעות שבעולם ומכל התאוות, "ונמשכים בשיר" – שבאמצעות השירות והתשבחות הם נמשכים לה׳ וזוכים לדבקות גמורה בשמו יתברך.

ר וח הוא בחינת דיבור, כמו שתירגם אונקלוס לרוח מללא.

ויגר אברהם בארץ פלשתים. פלש"ת אותיות שפל"ת, כי במלכות שהיא מסיטרא דנחש הקדמוני נעשים הברואים שפלים ופחותים.

(המגיד מטריסק)

כ י החרש תחרישי בעת הזאת רווח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר את ובית אביך תאבדו ומי יודע, אם לעת כזאת הגעת למלכות (מגילת אסתר, ד׳-י"ד). ריבונו של עולם! אם גם בימים המרים האלה לא תעמוד לישראל בעת צרתם – היהודים יבקשו הצלה במקום אחר, יסעו זה לכאן וזה לכאן, ומי יודע אם "לעת כזאת הגעת למלכות" – אם יהיה לך על מי למלוך, כי "אין מלך בלי עם".

כשאדם רוצה להתגאות על הכול, הריהו נעשה בחינת עמלק, כי עמל"ק בגימטריא ר"מ, בחינת התרוממות וגבהות-הרוח.

משום שדוחים אבן אחרי הנופל, הוא שוכח לפעמים נקודת אלוהותו. יש לבטל בחינת הנפילה הפנימית של אדם.

(המגיד מטריסק)

הנה פה כתבתי: "ואברהם נקרא האדם הגדול בענקים", ש"הוא התחיל לתקן העולם מעולמות התוהו". האם לא ביקשתי להיות כמוהו? את העולם לא תיקנתי. אפילו את טריסק לא תיקנתי. אף-על-פי-כן – הייתי צינור המעביר את התורה לאלפים ולרבבות.

(המגיד מטריסק, בקבלו את ספרו "מגן אברהם")



בית הכנסת הגדול בטריסק

בתי כנסת וחברות
רבנים, שובי"ם
מלמדים

חברות אין טריסק

1. חברה קדישא.
ביי איר גבאי-ראשון פלעגט זיך געפינען דער פנקס פון דער חברה. אין בוך "פנקס ועד ארבע ארצות" פון פראפעסאר י. האלפערן, וועלכער איז צענויפגעשטעלט געווארן אויפן סמך פון זייער א סך מקורות זענען צווישן אנדערע אויך אויסגענוצט געווארן די פנקסים פון פארשיידענע קהילות און

צווישן זיי - דער פנקס פון טריסקער חברה-קדישא, וואס דאטירט פון יאר 1720.

2. ביקור-חולים, אדער לינת-הצדק אין "ידיעות פון וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט", ווילנע מארץ-אפריל, 1939, נומער 3-4 (83-84) איז אנגעוויזן אז דער פנקס דעטירט פון יאר... 188?

3. חברה-תהילים.

4. חברה-משניות.

5. חברה-ש"ס.

6. פאלקס-קיך (אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה און א שטיקל צייט נאך איר).

בתי מדרשים אין טריסק און מנינים

1. דעם רבינס גרויסער בית-מדרש, אדער - דער הויפישער בית-מדרש.

2. דעם רבינס "סאליע".

3. דער שטאטישער בית-מדרש.

4. די שול. נאכן אפברענען איז מער נישט אויפגעבויט געווארן. ווי א זכר פון איר איז פארבליבן אן ארומגעצוימטער שולפלאץ און דער נאמען פון דער גאס - די שולגאס.

5. דאס סוחרים-שטיבל, אדער "קאמערטשעסקע" - שטיבל.

6. דאס ראדעוויטשער שטיבל (ווייל דאס איז געווען אין א שטוב פון א יידן, אן איידעם אין נאענטן דארף ראדעוויטש - רב משה קלארמאן).

7. דעם דינס מנין.

8. דער באלמעלאכישער מנין.



דערמאנונגען וועגן דעם פנקס פון דער טריסקער חברה-קדישא

הענעך געלער שרייבט אין זיין ארטיקל "פון די פנקסים פון די קהילות" אין דער "הצפירה" פון יאר 1900, נומ׳ 164: "אויף דעם דף ל"ט פון דעם פנקס פון דער חברה-קדישא פון דער קהילה קדישא טוריסק, וואס לעבן קאוולע, געפינט זיך א פסק-דין פון דעם גאון רב יומטוב ליפמאן (מחבר פון תוספות יום טוב), ער איז גרויס און צעשפרייט זיך איבער צוויי גרויסע עמודים מיט א פערטל, פון יאר תמ"ו, וועגן דעם ועד ארבע ארצות: לודמיר, גראדנע און ווארשע. איך האב אים נישט געקאנט איבערזעצן, ווייל ס׳איז דערצו נייטיק געווען ארייננטראכטן זיך צוליב דער גרויסער שווערקייט צו לייענען די אלטע, מטושטשע און געציקלטע האנטשריפט".

נו, די זאך איז היפש פארדרייט. לודמיר, גראדנע און ווארשע זענען, ווי באוווסט, נישט איין זאך, און רב יומטוב ליפמאן העלער איז, ווי באוווסט, נפטר געווארן אין יאר ת׳"ד, קאן דאך ממילא נישט מעגלעך זיין, ער זאל ארויסגעבן א פסק-דין אין יאר תמ"ו! אבער דער עצם פאקט, אז אין פנקס פון דער חברה-קדישא אין טוריסק געפינט זיך א קאפיע פון א פסק-דין, וואס דער תוספות יום טוב האט אפשר ארויסגעגעבן פאר דער צייט פון זיין רבנותשאפט אין לודמיר (אייר שצ"ד – סוכות ת"ג) און וואס האט אפשר א שייכות אויך צו אן אנדער זאך – פארדינט זיך אויף אויפמערקזאמקייט.

"פנקס ועד ארבע הארצות",
ירושלים, תש"ה, זייט 519

רב שמואל זיינוול סג"ל איז אונטערגעחתמעט אויך אויפן פסק-דין, וואס איז ארויסגעגעבן געווארן אין לודמיר אין יאר תמ"ד און אפגעקאפירט אין דעם פנקס פון דער חברה-קדישא פון דער קהילה קדישא טוריסק.

דארטן, ז׳ 522

ווי ס׳גיט איבער דער שריפטשטעלער לייב אליצקי, איז דער דאזיקער פנקס געווען א מאל אין זיינע הענט, הגם ער געדענקט ניט פון וועמען ער האט אים באקומען. אליצקי האט סטיליזירט פון פנקס א באשרייבונג וועגן א מוכח-עץ פאר זיין בוך "הונטמאן", אבער ער קאן זיך ניט דערמאנען צי איז טאקע די מעשה דארט געווען באשריבן, צי ער האט בלויז געלערנט פון דארט דעם נוסח פון באשרייבן.

דער ערשטער בעלמלאכהשער מנין

אין פאליש פונעם בית-מדרש, אינעם נייעם ווי אין אלטן, איז געווען א טיר צום שטיבל ווו ס'האט געדאווענט דער ערשטער מנין.

באלד נאך דעם ווי באלעבאטים האבן אפגעזאגט גאנץ תהילים – צו וועלכן גרשון ציפעס פלעגט זיי אלע שבת פארטאג אויפוועקן מיט זיין טרויעריקן רוף: "ישראל עם קדושים, שטייט אויף צו עבודת-הבורא !" -- האבן זיך שוין אנגעהויבן באווייזן די דאווענער.

צום ערשטן מנין זענען געקומען אלע שניידער און שוסטער-יונגען, סטאליארעס, קאוואליעס, באלעגאלעס, פעלצן-מאכער, אלע אנגעשלאסענע אין דער קאמפאניע פייערלעשער, אלע איבעריקע באלמעלאכעס און יאריד-יידן.

אין שטיבל ביים ערשטן מנין זיצן ביי דער מזרח-וואנט די גיבורים, ווי , למשל מאיר סטעלמאך מיט זיינע זין; זעליק פישער מיט זיין ברודער – ביידע ריזן, די חברה, וואס שפילן אלע פורים "יוסף מיט די ברידער", און נאך אזעלכע גיבורים און "יחסנים".

דער עולם איז אנגעטאן אין שבתדיקע און וואכעדיקע מלבושים. זייער ווייניק – אין יארמולקעס. יונגע – אין קורצע קאסטיומען און הויכע שטייפע פאפירענע קאלנערס. קיין גרויס התלהבות אין ביים דאווענען נישטא. מע וויצלט זיך. מע רעדט. מע שנעלט זיך איבער די אויערן הינטן ארום. אויף קאטאוועס שלעפט מען ארויס דאס נאזטיכל פון יענעמס קעשענע. מע פירט זיך אויף זייער וווילערנגעריש, הפקרדיק, און מע לאכט אפ פון די מאנסלייט און ווייבער פונעם באלעבאטישן גראד, וואס טרינקען די הייסע ציקאריע פונעם אויוון, ווען זיי זענען שוין באלד פארטיק צו עסן דעם טשאלנט.

און כאטש די יידן פון בית-מדרש און פון די איבעריקע בכבודיקע מנינים קוקן מיט חוזק אויף די דאוונער פונעם ערשטן מנין, האבן זיך אבער די לעצטע געפילט שטאלץ, נישט נאר ווייל מיט זיי צוזאמען האבן אויך געדאווענט די שטיקלעך משכילים פון שטעטל, נאר אויך צוליב עפעס אנדערש.

אין טריסק האט געלעבט א גרויסער למדן, אן ערלעכער און פרומער ייד. ער האט געהייסן משה טויבע חנהס. אין מיינע צייטן איז ער שוין געווען א טיפער זקן. יום-ולילה איז ער געזעסן און האט געלערנט, געפאסט מאנטיק און דאנערשטיק, ליב געהאט יידן און עוסק געווען אין צדקה.

פרייטיק בייטאג, באלד ווי ער איז געקומען פון מרחץ און האט אויסגעטרונקען א הייסע גלאז טיי, האט ער אויפגעהערט צו רעדן דברי-חול און ביז הבדלה גערעדט נאר לשון-קודש. דאס גאנצע שטעטל האט אים אפגעגעבן כבוד, און גליקלעך איז געווען דער ייד, צו וועמען רב משה איז געקומען באשיינען זיין שמחה.

איז אט דער ייד, וואס איז געווען ביי אלעמען אזוי באליבט, געווען פרעמד אין רבינס הויף, האט זיך אפגעקערט פון די יחסנים און גבירים און פלעגט זיך שטענדיק געפינען צווישן פראסטן עולם. ער האט געדאווענט מיטן ערשטן מנין...

דאס האט פארשטייט זיך געגעבן דעם באלמעלאכישן עולם כבוד, און זיי האבן זיך מיט אים געגרייסט.

בן-ציון שר

דעם טריסקער רבינס עלטסטער זון רב משהלע

רב משהלע פלעגט נאך פאר זיין פאטערס לעבן ארומפארן איבער די שטעטלעך, ווו ער האט געהאט זיינע חסידים, און אין יאר 1915 האט ער זיך באזעצט אין לובלין. דא האט ער זיך זייער גיך דערווארבן אן עולם חסידים פון די פארשיידנסטע קרייזן, רייכע אינדוסטריעלער פון ווארשע, לאדז און ביאליסטאק; פון די ארבעטער-שיכטן, און פאך-אינטעליגענץ ער איז זייער געאכפערט געווארן אין די חסידישע קרייזן צוליב זיין פשוטער האלטונג און פאלקסטימלעכקייט. מ'האט אים אין לובלין גערופן "רב משהלע טריסקער". ווען זיין טאטע איז כ"ח אייר שנת תרע"ח (1918) נפטר געווארן, איז ער אויפגענומען געווארן אלס רבי.

ער איז בארימט געווארן מיט זיין התלהבותדיק דאווענען אין זיין בית-מדרש אויף לעווערטאווער גאס, נומער 28. דער דאזיקער בית-מדרש איז געגרינדעט געווארן דורך א לובלינער תושב, בער ראט, נאר ווען דער טריסקער רבי האט אנגעהויבן אין אים דאווענען, האט אים דער עולם אנגעהויבן רופן "דער טריסקער בית-מדרש".

אין די ימים-נוראים און יומטובים פלעגט דער גרויסער בית-מדרש צו קליין זיין אויף ארייננעמען דעם גאנצן געקומענעם עולם. אום שמחת-תורה בעת די הקפות, האט מען געמוזט פארבעטן די מיליץ, זי זאל אפהיטן די ארדנונג, כדי נישט צו דערלאזן דעם שטראם "נייגעריקע" זיך אריינצובאקומען אין הענג-געפאקטן בית-מדרש מיט חסידים און מתפללים. די חסידים זענען געשטאנען, געזונגען און געפאטשט מיט די הענט, און אין מיטן פראוועט דער רבי איינער אליין די הקפות, טאנצנדיק און שפרינגענדיק אן אפשטעל.

אויך פאר דער צייט פון זיין וווינען אין לובלין פלעגט דער רבי, רב משהלע, ארויספארן אין די שטעט צו באזוכן זיינע חסידים.

אין רבינס הויז האט מען זיך שוין געפירט לויטן גייסט פון דער צייט. אלע קינדער האבן אויסער גמרא, פירוש רש"י און תוספות געלערנט אויך שפראכן. ס'פלעגן זיך דארט באגעגענען די ארטיקע און אויסלענדישע זשורנאליסטן. מע גיט איבער, אז איינער פון זיינע זין, רב יוחנן (רב אין הרובעשויוו, וואס ווען די דייטשן זענען אהין אריין, איז ער אנטלאפן צו א טריסקער חסיד א גוטבאזיצער אך דארט אומגעקומען) האט געשריבן שירים אונטער א פסעוודאנים, און רב הלל צייטלין, ז"ל, זאל זיי האבן פארעפנטלעכט. אויך די טעכטער האבן געלערנט וויסן און שפראכן. זיי פלעגן זיך שיין קליידן, נישט ווי ס'איז דער שטייגער פון רביאישע טעכטער.

אויגן-עדות דערציילן, אז די דייטשישע מערדער האבן רב משהלען שרעקלעך געפייניקט און געצווונגען צו וואשן די פאדלאגע פון בית-מדרש דווקא מיט זיין טלית.

דער רבי איז דערמארדעט געווארן צוזאמען מיט זיין פרוי, מלכהלע, דורך די נאציס אין יאר 1943 אין קרעמפיצער וואלד. לויט א צווייטער ווערסיע איז דער רבי רב משה מרדכי טווערסקי אומגעקומען אין מיידאנעק. ער האט זיך אפגעזאגט צו פארלאזן די יידן אין געטא, הגם א הויכער דייטשישער אפיצער איז געקומען פון דער שווייץ אין שליחות פון זיינע צווי זין, וועלכע האבן זיך געפונען אין לאנדאן, כדי אים ארויסצוראטעווען. ער האט געענטפערט, אז ער גייט אויף קידוש-השם צוזאמען מיט דער גאנצער עדה.

פון דעם רבינס גאנצער פארצווייגטער פאמיליע (פיר זין, צוויי טעכטער, איידעמס, שנורן און קינדער) זענען לעבן געבליבן - זיין על סטער זון, רב אברהמעלע מיט זיין פאמיליע און דער יינגסטער, רב ברוך מיט זיין טאכטער ריקעלע מיט איר פאמיליע.

רב משה מרדכיס תורות זענען פארעפנטלעכט געווארן אין דעם ספר "אוהל משה"; צום סוף פון ספר - "ספר היחס מטשרנוביל"; און אין דער צווייטער אויפלאגע - "פרי יהושע" פון זיין איידעם, רב מנחם אייכנשטיין פון די פאראייניקטע שטאטן.

ר. אבישלמה

דעם טריסקער רבינס איידעם רב נחום משהלע

ער איז אויך געווען פון די טווערסקיס - פון די ראכמיסטריווקער. שוין אויסערלעך איז געווען זייער קאנטיק, אז דער איידעם איז אנדערש פון די זין. זיין זיידענע קאפאטע איז געלעגן אויף אים געפאסט, ווי אויסגעגאסן, און נישט דערגאנגען ביז די קאמאשן, כאטש די איז אויך נישט געווען קיין דריפערטלדיקע. די הויזן האבן זיך נישט פארענדיקט, ווי ביי די זין, ביי די קני, נאר דערגרייכט ביז די אפצאסן. דאס געדיכטע גאלדיקע בערדל, כאטש נישט געשוירן חלילה, איז אבער געווען פארקיילעכיקט-ארונטערגעבויגן אונטער דער גאמבע און, ווי מ'האט געשמועסט, פארטשעפעט מיט הארנאדעלעך. וואס שייך ווידער אינערלעך, האט מען גערעדט, אז שוין אפגערעדט וואס ער קלייבט זיך ניט צו ווערן א מאל א רבי, נאר ער איז פשוט א מתנגד און צווישן מקורבים רעדט עס פון אים אפילו ארויס; ער שפילט א גאנץ יאר אין שאכמאט און אום חנוכה אפילו אין "קוויטלעך" ("קוויטלעך" זענען נישט קיין קארטן); און הערט, הערט! צו אים אין שטוב קומט אן א רוסישע בלאט-ציייטונג, וואס ער אליין און זיין חייקעלע, די מלכותדיקע יפה-פיה, לייענען.

איז מיר א מאל באשערט געווען, ער זאל פאר מיר ארויסזאגן זיין היתנגדות צו צדיקים. איך בין דעמלט געווען א יינגל, נאר וואס אנגעהויבן צו לייגן תפילין, נאר שוין געלערנט אין רבינס בית-מדרש. ווי אן אייניקל פון דעם גבאי-ראשון, רב יעקב מאיר, בין איך געווען, אזוי צו זאגן, א "הויפישער" און חוץ דעם האב איך געשעמט

פאר א גרויסן בעל-כשרון, און דערפאר האט עס געקאנט מעגלעך זיין, אז נחום משהלע זאל פאר מיר ארויסזאגן א געפערלעכן מתנגדישן שפאס.

איך בין געזעסן אין א ווינקל פון דעם ריזיקן לײדיקן כמעט בית-מדרש ביי א לאנגן טיש איבער אן אפענער גמרא און בגנבה אים נאכגעקוקט, ווי ער דרייט זיך ארום איבערן בית-מדרש אין טלית-און-תפילין און דאווענט. מיט א מאל האב איך אים דערזען לעבן זיך מיט א ספרל אין האנט. ער האט עס געטאן א לייג אנידער פאר מיר, זיך איבערגעבויגן און געטייטלט דערין מיט א פינגער:

-- נא, לייען איבער וואס דא שטייט, -- האט ער געטאן א זאג און א בליק אויף מיר מיט זיינע שיינע, שטילע און בלויע אויגן, וואס האבן מיר דערמאנט דעם פסוק "עיניך יונים".

איך האב דערזען: דאס ספרל הייסט "מדרש פליאה", אין דער זייט האט עס ווי א פירוש רש"י אויף רש"י-כתב, און איבערגעלייענט מיט גרויס שטיינונג די שורהלעך, אויף וועלכע זיינע פינגער האבן אנגעטייטלט: "צדיקים אינם אוכלין אלא מן הגזל". איך בין געווען געפלעפט דערפון וואס ער האט מיר דערויף אנגעוויזן און האב געשוויגן.

-- איצט, -- האט ער זיך אנגערופן און איבערגעפירט די פינגער אין דער זייט - זע, וואס דער פירוש זאגט.

כ'האב א קוק געטאן און דערזען: "גזל - גם זו לטובה"...

דא האט ער אין מיר ארייגעקוקט, א שמייכל האט זיך צעשטראלט אויפן גאלד פון זיין פנים, זיינע אויגן האבן בלוי א פינקל געטאן, און פון זיין מויל האט געטאן א פאל אראפ:

-- זעסטו, פאר מיר איז עס נישט קיין מדרש-פליאה, נאר א פירוש-פליאה...

און ער איז א שטיל צעלאכטער אוועק מיטן ספרל.

קיין רבי איז טאקע רב נחום משהלע נישט געווארן. מ'האט געשמועסט, אז אפילו קאוולער רב איז ער געווארן קעגן זיין ווילן: אז דער שווער איז נפטר געווארן, און ער האט אנגעווירן די "אייביקע" קעסט, האט ער דאך פון עפעס געמוזט ציען חיונה.

עזריאל גלאזער

מיין זיידע
רב זכריה יוסף

דער גורל האט נישט געוואלט, אדער איך האב נישט געהאט די זכיה, איך זאל קאנען מיין גרויסן זיידן פערזענלעך. אבער איך האב זיך א סך אנגעהערט וועגן זיין גרויסקייט אין תורה און חכמה, פארשיידענע מעשות און לעגענדעס. באזונדערס פלעג איך ווערן באגייסטערט, ווען מיין טאטע, זיין איידעם, דער טריסקער דיין, רב יהושע גלאזער, פלעגט וועגן אים דערציילן, מיט וואס פאר א יראת-הכבוד און התפעלות ער פלעגט וועגן אים רעדן.

ער זאל האבן שוין צו פופצן יאר געווארן רב אין טריסק, און די באלעבאטים האבן מיט אים שטאלצירט, מיט זייער גרויסן און וויכטיקן רב. ווייל רב זכריה איז געווען נישט נאר א גדול בתורה, נאר אויך אין חכמה, און מען האט געהאלטן פון אים ווי פון א גרויסן דאקטאר-מעדיצין. ער האט געהאט א שארפן און פלינקן קאפ צו אורטיילן, וואס ס'איז רעכט, און וואס ס'איז אומרעכט, ווען ס'האט זיך געהאנדלט וועגן א צוזאמענשטויס צווישן מענטשן. און דערפאר פלעגן מענטשן קומען צו אים פרעגן עצות, ווען זיי האבן געהאט זארגן און שוועריקייטן אין זייער לעבן. ער האט ליב געהאט מענטשן, געשעצט זייער ווירדע, און פלעגט זיי העלפן מיט וואס נאר ער איז געווען אין שטאנד.

אט ליגט פאר מיר א צייטונג פון פרייטיק דעם 17טן סעפטעמבער 1915, געדרוקט אין סט'-לואיס, אמעריקע, ווו ער איז, נאך טריסק, געווען רב לאגודת הכולל. די צייטונג באשרייבט רב זכריהס לוויה. ס'האבן זיך אין איר באטייליקט 15 טויזנט יידן, אויך פיל קריסטן. די איינוואוינער ארום דעם בית-הקברות, דורכאויס קריסטן, זענען געשטאנען מיט גלעזער און קריגלעך וואסער און געהאלפן די צענדליקער דאקטוירים אין זייער שווערער ארבעט צו ראטעווען די מענטשן וואס זענען געפאלן אין חלשות צוליב דער ענגשאפט און שטיקעניש.

מיין זיידע איז דער מחבר פון צוויי אנגענומענע ספרים אין דער רבנישער וועלט: "יוסף תקוה" און "זכרון זכריה".

די שטאט סט. לואיס האט פאראייביקט זיין נאמען דורך גרינדן א ישיבה אויף זיין נאמען: "ישיבת ר' זכריה יוסף".

מרדכי אליעזר פערל

די לעצטע דריי טריסקער רבנים

רב זכרי ראזענפעלד איז געווען א זעלטענער ייד און א זעלטענער מענטש. ער האט זיך אויסגעצייכנט נישט נאר אין תורה, נאר אויך מיט זיינע גרויסע קענטענישן אין מעדיצין. און געקומען זענען זיי צון אים אויף אזא מין אופן. ער איז געווען א קרענקלעכער, האט יארן געקרענקט, און די דאקטוירים האט זיך נישט איינגעגעבן אים אויסצוקורירן. האט ער באשלאסן, אליין זיך צו העלפן. ער האט זיך אויסגעלערנט לאטיין און גענומען שטודירן מעדיצינישע ביכער. פארשטענדלעך, אז דאס האט אים געשטערט אפצוגעבן זיך אין גאנצן מיטן לערנען. האט אים טאקע זיין פאטער, דער טריסקער רב גבריאל, ז"ל, וואס פון אים האט ער שפעטער איבערגענומען דאס טריסקער כסא-הרבנות, ניט איין מאל זיך געבייזערט אויף אים, ערשטנס פאר זיין ארייננקוקן אין ספרים חיצוניים און צווייטנס פאר ביטול-תורה. איין מאל האט ער זיך אויף אים אזוי צעשריגן:

-- איך האב שוין אין שטוב איין פאס וואסער, איך דארף נישט קיין פאר פעסער (-פראפעסאר) !

אבער דער זון האט אין דעם פרט נישט אפגעהיט כיבוד-אב און האט זיך ווייטער געטאן זיינס, ביז ער איז געווארן זיכער ביי זיך, אז ער איז שוין א פאלנער דאקטאר. דעמלט האט ער אנגעהויבן צו קורירן נישט נאר זיך אליין, נאר אויך אנדערע קראנקע. אזוי ווי צו שרייבן רעצעפטן האט ער דאך נישט געהאט קיין רעכט, פלעגט ער די רפואות אליין צוזאמענשטעלן, און אין שטעטל האט מען געהאלטן פון אים עולם-ומלואו.

מ'האט דערציילט: ס'זענען געווען פאלן, ווען די קאוולער דאקטוירים האבן נישט געקענט פעסטשטעלן די דיאגנאזע ביי געוויסע קראנקע, אבער דער רב רב זכרי' האט יא פעסטגעשטעלט. אזוי, למשל, האט מען דערציילט וועגן איינער א מיידל אין קאוולע, וועלכע איז קראנק געווארן, און די דאקטוירים האבן זיך נישט געקאנט דעדטראכטן, וואס פאר א מין קראנקהייט דאס איז. מ'האט דאס מיידל געבראכט צו רב זכרי'ן. ער האט זי באטראכט און פלוצעם א פרעג געטאן, צי זי האט נישט געשייערט און געוואשן אלטע כלים. אז דאס מיידל, האט עס באשטעטיקט, האט ער געזאגט: -- זי ליידט אויף פארגיפטונג פון דעם זשאווער. די קאוולער דאקטוירים האבן אנגענומען זיין דיאגנאז, האבן די קראנקע געהיילט אויף דער דאזיקער קראנהייט, און זי איז לסוף געזונט געווארן.

שפעטער איז ער אוועק קיין אמעריקא, ווו ער איז אויפגענומען געווארן פאר א רב אין סאנט-לאאוס. דארט האט ער אויסגעגעבן צוויי ספרים: וועגן מאשין-מצות און וועגן מקווה.

נאך אים איז געווארן רב אין טריסק זיין איידעם רב יהושע גלאזער, זצ"ל. ער איז געוועזן א גדול בתורה און א גרויסער צדיק, וואס האט יומם-ולילה געלערנט און געטאן תפילה. ער פלעגט זיך אפט דורכשרייבן בנוסח שאלות-ותשובות. מיט די גרעסטע גאונים אין יענער צייט, ווי מיט רב מאיר שמחה, דעם "אור-שמח", פון דווינסק און מיט הרב הגאון רב שלום מרדכי דעם בערזשאנער רב. זיי האבן פון אים שטארק געהאלטן. אויף די גרעסטע דין-תורות פלעגט מען אים פארבעטן אלס שליש; און צו זיין א בורר פלעגט ער זיך אפזאגן, ווייל א בורר דארף ביישטיין דעם נסיון, ניט צו שטעלן זיך, חלילה, אויף איין צד, ווען ער איז אפילו אומגערעכט.

דער לעצטער רב אין טריסק איז געוועזן זיין איידעם רב משה. ער איז געוועזן פון די בעסטע בחורים פון דער קרינקער ישיבה, א תלמיד פון דעם גרויסן גאון רב זלמן סנדר שפירא. ער איז געוועזן א גרויסער בקי און למדן, א גרויסער צדיק.

ער מיט זיין פרוי, די צדיקת ליבע מיט זייערע זעקס קינדער זענען אומגעקומען דורך די נאציס ימח-שמם. הי"ד. איין זון זייערער, שמואליק, איז געבליבן לעבן, ווייל ער איז פאר דער מלחמה אוועקגעפארן קיין ארץ-ישראל. אבער ער האט אזוי טראגיש איבערגעלעבט די ידיעות וועגן דעם אומקום פון זיינע עלטערן, אז ער איז, רחמנא לצלן, אראפ פון זינען. ער איז געשטארבן פון א הונגער-טויט. אויך א קרבן פון די נאצישע חיות.

בײלע/ טריסקער שוחטים

פרויים שוחט

איך ווייס נישט ווי אין אנדערע שטעטלעך אין וואלין, אין טריסק, האט מען די כלי-קודש טיטולירט מיט "רב" נאר איך די אויגן. הינטער די אויגן האט מען זיי גערופן בלויז ביי די נעמען. אפילו דעם רב, וואס צוליבן טריסקער רבין, רב יעקב לייבעניו, איז ער געווען בלויז דין, האט מען הינטער די אויגן גערופן: שיע דין. און אזוי די שוחטים און דעם גבאי: פרים שוחט, הערשעלע שוחט און פנחס גבאי. און אזוי אויך אלע חשובע יידן אין שטעטל. דער שמש, משה שמש, האט זיך אפילו אין די אויגן נישט פארדינט אויף קיין "רב".

פרים שוחט איז געווען א געראטענער אומן אין זיין הייליקן פאך, א שיינער בעל-תפילה און א מנגן, און פארשטענדלעך, א פרומער ייד. סע שיקט זיך דען אנדערש? א פרומער -- אבער נישט קיין פארפרומטער, נישט קיין אויגן-פארגלאצער און נישט קיין גאטס סטראפטשע. גאט קאן זיין שטעטל אליין באשטיין. ער האט געלעבט בשלום אפילו מיט יענע בחורים אין שטעטל, וואס מ'האט אויף זיי געמורמלט, אז זיי האבן שוין א ביסל אראפגענייגט פונעם דרך-הישר און גייען אפילו הינטערן שטעטל שפאצירן מיט מיידלעך. אין דעם פייערדיקן מחלוקת צוליב דער "ביבליאטעקע", וואס אט די בחורים האבן געגרינדעט, האט ער זיך נישט אריינגעמישט. ער זעט נישט און הערט נישט. און אז עמעץ טוט אים דאך א טארקע וועגן דעם, קומט ער אפ מיט א גלייכגילטיקן, אדער פארעדט זיך וועגן עפעס אנדערש. מע מורמלט: ער איז א בארעכנטער און פראקטישער מענטש -- טאמער וועט גאר ארויסקומען א שידוך צווישן אזא בחור מיט זיינס א מיידל.

כאטש די פרנסה פון דער שחיטה איז געווען נישט גאר קיין געהויבענע, בפרט איז זי קארגלעך געווען פאר אזא גרויס געזינד ווי זיינס אן עין-הרע, פלעגט פון דעסט-וועגן פרים שוחט נישט אריינפאלן, חלילה, אין עצבות. ער האט אפילו פארמאגט א חוש פאר הומאר און ליב געהאט זיך צו ווערטלען. ער פלעגט זיך אפילו וויצלען מיט די מיוחסדיקע בית-מדרש-בחורים פון רבינס בית-מדרש, וואס האבן אויסגעקוקט אויף רייכע נדנס, הלמאי זיי ווילן נישט ווערן זיינע איידעמס:

--געדענקט, בחורים! -- האט ער זיך איין מאל געררייצט מיט זי און געווארנט מיט א סטראשענדיקן פינגער, בעת דאס פנים איז צעשיינט-צעשמייכלט. -- מיינע טעכטער וואקסן, אן עין-הרע, יפה-פיות, און ס'וועט נאך קומען א צייט, נאך פאר משיחס צייטן, אז איר, פארזעסענע בחורים מיט גראווע בערד, וועט קומען הינטער די פענצטער פון פרים שוחט און אנקלאפן מיט געבעט: "רב פרים, דערבארעמט זיך, אפשר איז נאך פארבליבן ביי אַיך שיריים פון א בתולה אויף א רפואה אויך פון מיינעטוועגן... זאל זיין אפילו א "וישקראב"... און פרים שוחט וועט ארויסשרייען פון שטוב: "אפילו נישט קיין משהו פסחדיקס...".

פארפרומטע יידן פלעגן קוקן קרום אויף אזעלכע רייד זיינע, רייד, "וואס פאסטן זיך אין א מושב-לצים". מע פלעגט וועגן אים שמועסן -- און ס'איז טאקע אמת, געווען - אז ווען זיינס א מיידל פארט א מאל צו געסט צו איר ברודער אין לויצק, צעקושט ער זיך מיט איר צום געזעגענען. האבן דערויף די פארפרומטע יידן פארדרייט מיט די נעז: - טאקע אן אייגענע טאכטער, אבער - פארט א נקבה... און ער איז דאך א שוחט-ובודק ביי יידן, וואס דארף מקפיד זיין אפילו אויף מראית-עין... סע וואלט זיך געפאסט זי פארט אוועק מעבר-לים, אדער לפחות קיין ארץ-ישראל... א ייד זאל זיך נישט שעמען!...

דערפאר אבער האט די שטוב זיינע געשמט אין שטעטל מיטן שטענדיקן שלום-בית, וואס ס'האט געהערשט אין איר. די שוחטקע -- א שטילע טויב; די ייִנגלעך מיט די מידלעך - איינער פארן אנדערן, ווי שוועסטער און ברידער דארפן עס טאקע זיין; און פארן טאטן - דער גרעסטער דרך-ארץ. בפרט אז ער איז בכלל נישט קיין שטרענגער טאטע. ער דערזעט אפילו נישט ווען זיינס א מיידל בלייבט שטיין שמועסן מיט א פרעמד ייִנגל... ער האט דאך אזא נידעריקע ראיה, אזש די אויגן שטארצן ביי אים ארויס... זענען טאקע די יונגע קצבים א מאל אנגעדרודלט אויף אים, הלמאי די מינדסטע סרכא אויף א לונג דערזעט ער שוין דווקא יא...

פרים שוחט האט זיך געגרייסט מיט זיינע קינדער, ווי א דעמב מיט זיינעברייט פאנאנדערגעשפרייטע צווייגן. ער האט געהאט פאר וואס. די ייִנגלעך זענען געווען סטאטעטשנע, האבן געהאט חשק צום לערנען און פרומע מיט א מאס. די מיידלעך - געראטענע און יפה-פיות. איז מיט די ייִנגלעך איז ער שוין געווען אפגעזארגט, פאר זייערע נדנס האבן געזארגט אנדערע טאטעס. אבער אויך די מיידלעך האט ער, ברוך-השם, אויסגעגעבן איינע נאך דער אנדערער, ווי ער האט זיך אויסגעדריקט: "לייטישע און שיינע סחורה פארבלייבט קיין מאל נישט קיין בבל. איך האב זיי, געלויבט דער אייבערשטער, פארצוקערט, זאלן זיי א זיס לעבן האבן".

פרים שוחטס צווייגן זענען ווייט אריבער די גרענעצן פון טריסק און א טייל פון זיי אויך די בלוטיקע גרענעץ פון דער יידישער קאטאסטראפע. א סך פון זיי האט טאקע די נאצישע האק אפגעהאקט, אבער א צאל פון זיי האט זיך שוין דעמלט געפונען אין ארץ-ישראל. דא האבן זיי זיך געשפרייט און פאנאנדערגעוואקסן - א וועלדל, וואס פארגעסט נישט, אז סע שטאמט אפ פון דעם דעמב - רב פרים שוחט. און קומט פאר ביי איינעם פון דער משפחה עפעס א שמחה, פארט זיך די משפחה צוזאמען פונעם גאנצן לאנד צו פרייען זיך צוזאמען.

און דער גייסט פון רב פרים שוחט, ז"ל, שוועבט איבער זיי.

הערשעלע שוחט

הערשעלע שוחט איז פון א רבל אין שטעטל סעקוליע פארגילגולט געווארן אין א שוחט אין טריסק. קאן זיין, ער האט דארט, אין סעקוליע, געהאט קנאפ פרנסה: קאן זיין ער האט דארט נישט נושא-חן געווען אין די אויגן פון געוויסע שטאטישע קאכלעפל, און

אפשר גאר זענען ביידע צדדים ניט געווען צופרידן איינער פונעם אנדערן. דערפאר, ווען זיין שווער, הערשעלע, דער אלטער שוחט אין טריסק, איז געשטארבן און איבערגעלאזט פאר אים די איינציקע ירושה – די חזקה אויף שחיטה, האט ער זיך אומגעקערט קיין טריסק צו ווערן א "נחות-דרגא" – א שוחט. ער האט זיך פאררופן אויפן בפירושן מאמר חז"ל אין פרקי אבות: "ושנא את הרבנות" – האב פיינט דאס רבנות. און די רביצן האט אויך געטענהט: פון דער שחיטה אין טריסק וועט זיין מער פרנסה ווי פון רבנות אין סעקוליע.

-- אז מיין מאמען, עליה השלום, איז אנגעשטאנען צו זיין א שוחטקע, מעג עס מיך אויך אנשטיין; און פון דעם כבוד, משטיינס געזאגט, וואס מע טיילט דא צו מיין רב, איז שוין בעסער דער "כבד" – דער לונג-און-לעבער, וואס מיינע הונגעריקע קינדער וועלן האבן אין טריסק. וועל איך כאטש זיין ביי זיך אין דער היים. אז סע וועט מיר, חלילה, זיין א מאל אנגעזאלעט אויפן הארצן, על איך כאטש קאנען אוועקשפאצירן אויפן בית-עלמין און זיך אראפוויינען די צרות פונעם הארצן פאר טאטע-מאמע, עליהם-השלום, זיי זאלן דערלאנגען א זכות אין הימל...

פון זיין אמאליקן רבנות איז הערשעלען געבליבן בלויז זיין לומדות. מ'האט אים געהאלטן פאר א למדן – א גרויסער למדן, כאטש לפנים זעט ער נישט אוים צו זיין א פארשוין: נישט קיין וווקסיקער אין דער הייך און נישט קיין צעוואקסענער אין דער ברייט, – א יידעלע. ס'איז אים אויך געבליבן לזכר א דרויסנדיקער חפץ – דאס שפיצן-שטריימל, אויף צו טראגן עס שבת און יום-טוב. אזא האט אפילו דער דין נישט געטראגן. נאר – דער רבי, רב יעקב לייבעניו, און זיינע "קינדער". אט דאס שפיצן-שטריימל, דערמאנט תמיד, צי לשבח, צי לגנאי: הערשעלע שוחט איז א מאל געווען א רב! דאס שפיצן-שטריימל שפארט אים איין קויפן א שבתדיק היטל...

פאר וועמען שחיטות איז א קלענערער עול פון רבנות, פאר הערשעלע שוחט איז עס געווען קאפויער. אוודאי איז אויך א רב נישט לייכט אויף דער נשמה, ווען ער מוז א מאל אן ארעמער אלמנה, וואס קומט מיט א שאלה אויף אן עוף, געקויפט אויף אפצוקאכן פאר איר קראנק יתומל א יאיכעלע, – א ווארטשע טאן דעם פסק: "טרייף!", א שרעקלעך ווארט, וואס סע ווארטשעט פון אים ארויס דער "יורה-דעה". פארפאלן! ער וועט דאך נישט הייסן געבן דעם קינד סם!... אבער שחיטה – ווי-ווי-ווייי! דא מוזסטו נאך צולייגן די האנט. בטבע א רך-לב, האט הערשעלע שוחט קיין הארץ נישט איבערצוחלפן דאס העלדזל פון א לעבעדיק, זיך צאפלענדיק, באשעפעניש. ער האט טאקע געמאכט דערויף א ברכה, און ער ווייסט אויף זיכער, אז דערמיט טוט ער דעם באשעפעניש די גרעסטע טובה – ער איז עס מעלה אויף א העכערער מדרגה... אבער...

איבערהויפט איז עס אים שווער אנגעקומען, טאקע מיט די גרינע ווערעם, די ערשטע צייט ס'איז אפילו געווען א ספק, ביים דין און ביי אים אליין, צי וועט ער קאנען בלייבן ביי דעם שחיטות. ס'פלעגט ביי אים טרעפן, אז א קאטשקע, אדער א גאנדז זאל זיך מיטן נישט-דערשניטענעם האלדז לאזן אוועקגיין, ווי מיט שיכורע טריטעלעך, אויף א שפאציר איבערן שטאל... ס'איז אים אבער בייגעשטאנען דער זכות פון זיין

שווער, עליו השלום, פון וועלכן דער רבי, רב יעקב לייבעניו, האט שטארק געהאלטן, און טאקע זיין אייגענער זכות: ווי די מעשה זאל נישט זיין, איז ער דאך פארט א געוועזענער רב. דער אייבערשטער האט אים געשטראפט מיט א ווייך הארץ, און ער דארף ביי אים פועלן ער זאל עס אים הארט מאכן... ביז לסוף האט ער צוליב דער פרנסה, און די הארבע רייד פון זיין פלוניתטע די שוחטקע, גובר געווען זיין הארץ-חולשה. פון עופות איז ער איבערגעגאנגען צו קוילענען "שטיקלעך", און ער האט זיך שוין נישט געהאט צו שעמען פאר זיין שותף פרים שוחט. נאר וואס ביי א מענטשן אין הארצן טוט זיך - דאס ווייסט איין גאט, א מאל - אפילו נישט דער בעל-דבר אליין.

-- נו, איר זענט ביי אונדז, רב הערשעלע, א לייט געווארן ! - פלעגן אים א מאל די קצבים א לויב טאן, נישט אין גאנצן מיט ערלעכער כוונה, בעת ער האט אנגעבלאזן און בודק געווען די לונגען.
-- איר וואלט אונדז דארפן באצאלן רבי-געלט, נישט מיר אייך שחיטה-געלט.

ס'פלעגט זיך מאכן, אז הערשעלע שוחט זאל, קומענדיק אהיים פון דער בוינע, נעמען זיפצן אן ווערטער גלאט אין דער וועלט אריין.

-- איז וואס איז דאס זיפצעניש? -- פלעגט די פלוניתטע א פרעג טאן, נאך א ביסל, און כ'על דיר געבן דעם ווארעמעס.

-- נישט דאס, נישט דאס... -- האט ער גערעדט צו זיך אליין, --- ווו נעמט מען א הארץ דערצו?...

-- א הארץ? מיט א הארץ ווערט מען געבוירן. דער אייבערשטער האט עס דעם מענטשן געשענקט... ווען איך, א יידענע, וואלט מעגן קוילענען אויף מיין טאטנס חזקה, עליו-השלום, וואלט איך מיר פארשפארט די צרות, און דו וואלסט מיר נישט פארזיפצט מיין לייב-און-לעבן...
אס לערנט אונדזער בכור שחיטה, און ער זאל זיך עס פארקלאגן א מאל! ווייל ער איז מיין טאטנס, עליו-השלום, אן אייניקל; אין מיר געראטן.

-- איך זאג דען עפעס? -- פארקרעקעט ער זיך. -- איך מיין, דער ווארעמעס איז שוין דען פארטיק? ... ס'חלש'ט מיר דאס הארץ.

אזוי - אין דער היים. אנדערש אבער - צווישן מענטשן, אין בית-מדרש צי אין קלויז. דא וויל ער דווקא אין גרויסער היציקייט זיין שטעטל באשטיין. ער איז אויך פון די "פאליטיקער" אין שטעטל, און ברעכט אויס א מלחמה צווישן די מלכים, ווערט ער אן איש-מלחמה. זיין קעגנער איז ליבער מלמד. דער ביח-מדרש ווערט א פראנט, און זיי ביידע פירן דא די מלחמה. אזוי איז עס געווען בעת דער רוסיש-יאפאנישער מלחמה, און אזוי בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה. הערשעלע שוחט איז געווען א פארברענטער קאצאפ, און ליבער מלמד - שטאל און אייזן פאר "יאפאנטשיק". די מלחמה פלעגט אנגיין מיט רייד, מיט שפארעניש, מיט מבטל זיין איינער דעם אנדערן כעפרא-דארעא.

בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה פלעגט שוין ליבער מלמד אים פשוט אויסלאכן אויף א קול, הערשעלען, מיט זיין מאס רייד, ווי זיין שטייגער איז געווען, דורכגעזאפטע מיטן געפיל פון דעם נצחון, וואס ער האט אפגעהאלטן בעת דער רוסיש-יאפאנישער מלחמה, און מיט הנאהדיקן סארקאזם.

-- הערשעלע, פאלג מיך, און גיב זיך אונטער באצייטנס מיט גוטן. דיין קאצאפ וועט האבן די מפלהביים דייטש מיטן פראנץ יוסף, ווי דעמלט ביים יאפאנטשיק. האסט שוין פארגעסן? אז דער "חזיר" האט גאר קיין קאפ נישט צו תכסיסי-מלחמה. ער האט עס אליין נעבעך געוווסט. ווי האט זיך עס בארימט דער מיניסטער, ווי האט ער דארט געהייסן: "מיט די היטלען וועלן מיר זיי פארוווארפן!" שמע-מינה: קיין קעפ זענען נישטא. חזיר איז טריפה! ווי קאן זיך עס גאר א ייד, און א שוחט דערצו, זיך שטעלן אויפן חזירס זייט און אים כשרן!?... אז דער גאנצער שכל זיינער, דעם קאצאפס, שטעקט נאר אין מאכן פאגראמען אויף יידן! זעסטו, הערשעלע, קעגן יידן איז ער, דער חזיר – א לעמפערט, איין בריה אין דער וועלט! אבער וואס ער געווינט מיט זיין שחיטה ביי יידן, באצאלט ער דערפאר כפל-כפליים ביי די גויים. אמת, עשו נעמט זיך נישט אזוי שטארק צום הארצן זיינע צענער טויזנטער דערהרגעטע אויף דער מלחמה. ווי האט עס געזאגט דער "ירום הודו": "טשעלאוויעק ראדיטסיא..." -- מענטשן ווערן געבוירן, ס'א קנאפע אבידה. ס'וועלן אים קיין מאל נישט אויספעלן קיין גויים אויף אנצולייגן מיט די קעפ, וואס זיי האבן נישט, אויף די מלחמה-פלעצער.

הערשעלע שוחט הערט אים אויס, און אויף זיין פנים, און דער עיקר אין די אויגן, זעט מען ווי סע קאכט אין אים, ניין, ער וועט זיך נישט אונטערגעבן! און טוט א פאל אריין ליבער מלמד אין די רייד:

-- ליבער, דיין יאפאנטשיק איז געשען א נס. אבער נישט יעדן פורים געשעט א נס. דאס מאל וועט שוין דווקא דיין ווילהעלעם מיט דיין פראנצן האבן די אמתע מפלה! דער דייטשישער המן וועט גיין אויף דער תליה! ווארן די דייטשן האבן דאך נישט אויסגעקוילעט גאנצע יידישע שטעט... סע פירט זיך טאקע א חשבון דארטן אויבן, נאר דו האסט נאך אין די ביכער פונעם בית-דין-של-מעלה נישט אריינגעקוקט, און קיינער האט דיך נאך דערווייל פארן בוכהאלטער נישט געקריינט...



ר' הרשלה

ישראל אשור

היו

טריסק, למרות שיצא שמעה כעיירה חסידית, מרובים בה ה"מתנגדים", ביניהם למדנים מופלגים בש"ס ופוסקים, וכינויים בפי הבריות "אנשי גמרא". ר' הרשלה היה הארי שבחבורה זו ובקיאותו וחריפותו הדהימו ממש את הלומדים בעיירה. למזלם, לא אמר הרשלי די בלמודו הוא בלבד כדרך לומדים אחרים, אלא חתר ללמד, וכך להרבות תורה בישראל. בכל יום שבת אחר הצהרים, במקום להתענג על שינה, היה אוסף לבית הכנסת הגדול כל מאן דבעי ומרביץ **תורה** ברבים.

בימים ההם יצאה גזירת חינוך חובה מטעם ממשלת פולין וכל לומדי החדר נאלצו ללמוד בבתי ספר ובמרוצת הזמן פסק לימוד התלמוד ע"י הצעירים בעיירה.

זכורני, באחד הימים בין מנחה למעריב נקשרה שיחה בבית הכנסת בנושא זה בין אבי לר' הרשלה זכרונם לברכה שעוררה ויכוח מר בין המתפללים על עתיד הנערים. לבסוף אמר לו אבי: "נותרו מספר בחורים היודעים עוד ללמוד דף גמרא, ואם הם לא ימשיכו ללמוד ישכחו אף הם את תלמודם וייפסק לימוד התלמוד בעיירה חס ושלום". ר' הרשלה התעורר "כארי" לשמע דברים אלו והציע את עצמו ללמד כל יום מספר שעות תלמוד לאותם הבחורים שדובר עליהם. עוד למחרת היום **אחה"צ** כאשר גמרנו את הלמודים בבית הספר שהיה בקרבת דירתו של הרשלה, הוא המתין לנו, הכניס את הקבוצה המיועדת לחדרו ולימד אותנו גמרא. וכך שלוש-ארבע שעות בכל יום, במשך למעלה משנה.

יום אחד קלטה אזנו של ר' הרשלה מרחוק, בעת הפסקה קצרה, שיחת תלמידיו על הנערות הלומדות אתם בביה"ס, מי מהן יודעת יותר ומי פחות. למחרת בבואי הביתה קבלתי "מנה" הגונה מאבי, כאשר נודע לו בעת התפילה בבית הכנסת על יחסינו אל לימוד הגמרא.

אחרי חג הפסח שוב לא חודשו הלמודים ובאי השטיבל היו מסיחים ביניהם כי ר' הרשלה, שאדוק גדול במצוות היה, לא יכל היה לשאת כאשר בשעת לימוד הגמרא מדברים על נערות ושאר דברי חולין ואפילו יצאה נפשו להרביץ תורה ברבים, נאלץ לוותר הפעם.

נספה בשואה באופן טרגי.



בנימין הבעל-קורא

פנחס פטרבוים

בנימין בן ר' יודל פטרבוים ז"ל, בעודו נער קטן ראו בו כי חננו אלהים בקול ערב ובזכרון טוב. הבריות בעיירה היו מסיחים ואומרים עליו שכשרונו מתבזבז: משום מה הקדיש הנער בנימין את מרצו ללמוד בעל פה את ניגוני טעמי המקרא של חמישה חומשי תורה, מגילת אסתר וכיו"ב, למען היות "בעל קורא" בבית הכנסת הגדול בעיירה, מקום שם הופיעו בשירה ובזמרה בחגים ובשבתות החזן המהולל ר' זוסיא ומקהלתו וחזנים מחוננים אחרים.

כאשר הגיע הנער בנימין לגיל בר מצווה, שאז לפי דיני ישראל ראוי כבר נער יהודי לקרוא בתורה בציבור, נתכבד בשבת בעליה לתורה ובקריאה בה בבית הכנסת הגדול, והפתיע את קהל השומעים בקריאתו הערבה והמופלאה, אשר כמוה לא שמעו זה זמן רב.

בימים ההם, בעיירות היהודיות במזרח אירופה, היו "בעלי חזקה" על התפקידים השונים בבתי הכנסת ובמוסדות צבוריים, וגם תפקיד הקריאה בתורה בביהכ"נ הגדול היה "תפוס" ולבנימין לא היתה אפשרות להנות את באי בית הכנסת בקריאתו הערבה, אלא לעתים נדירות, כאשר בעל ה"חזקה" נעדר מסיבה כל שהיא.

לימים פרצה דליקה ובית המדרש הגדול עלה באש. אביו של הנער, ר' יודל בן בנימין ז"ל, לא נח ולא שקט ובמאמצים על-אנושיים השיג אצל בעל אחוזה בסביבה חמרים ובית הכנסת נבנה מחדש. כאשר פרנסי העיר בקשו לגמול לאביו של הנער בנימין, ר' יודל ב"ר בנימין, על מעשהו, ביקש הלה רק דבר אחד: להבטיח לבנו בנימין "חזקה" על קריאת התורה בבית-הכנסת, כאשר יתפנה המקום. בעל החזקה בשמעו על כך ויתר מיד לטובת הנער. בנימין הנעים במשך שנים אחדות לשומעיו את הקריאה וביחוד בנגוניו החגיגיים בימים הנוראים ושמו יצא לתהילה בכל הסביבה.

אולם לא ארכו הימים ורוגזו של צבא הצאר קפץ עליו ואולץ להתייצב לצבא. לפי עצת ידידים הוברח לאמריקה ואף שם המשיך להנעים את שומעיו וכשפרצה מלחמת העולם הראשונה נתבקש ע"י אביו לחזור מאמריקה "ארץ הזהב" כדי לקיים את החזקה של "בעל קורא". הוא כיהן בתפקידו עד פרוץ מלחמת העולם השניה, בה נספה עם בני משפחתו עם כל יתר בני הקהילה.



לייבל יעקב מאירס/ **מיינע מלמדים**

אין חדר ביי רב יעקל מלמד

קינדערווייז נאך האב איך אים איין מאל געזען, יעקל מלמד, אין א נישט געוויינלעכן צושטאנד. דאס איז געווען אין איינעם א זומערדיקן שבת נאך דער סעודה. מיט א מאל זײַנען אלע אין שטוב אויפגערודערט געווארן. עמעץ האט אריינגעבראכט די ידיעה:

-- יעקל מלמדס טאכטער איז איינגעפאלן. מ'האט מיט א דעפעש אראפגעבראכט פון קאוולע דעם דאקטאר פיינשטיין... גאט ווייסט, צי ער וועט זיין דער גוטער שליח...

יעקל מלמד האט געוווינט נישט ווייט פון אונדז. האב איך זיך אהין אוועקגעגנבעט. מענטשן-געזעמלעך ארום זיין שטוב. דורך דער אויפגעפראלטער טיר הערט זיך א פארשטיקט געוויין. פון דער קעגנאיבערדיקער טיר פון דער שכנותדיקער שטוב איילט ארויס א שבתדיקער ייד מיט א גרויער בארד, דאס פנים - שטרענג, די וויעס - רויט, ווי אויפגעפלאמט פון א הייליקן פייער. און אט דער שבתדיקער, הייליקער ייד האלט אין דער אויסגעשטרעקטער האנט - א וואכעדיקן אנגעצונדענעם לאמפ! עמעץ דערלעבן טוט אזש א זיפץ:

-- רב יעקל מלמד מוז נעבעך מחלל-שבת זיין...

און א צווייטער העלפט אים מיט זיפצן:

-- ס'איז אוודאי סכנת-נפשות...

שפעטער א ביסל האט מיר עמעצער אין דער היים - מסתם די באבע פינע - אויפגעקלערט:

-- סכנת-נפשות איז דוחה שבת. אין אזא פאל, רחמנא-ליצלן, איז אפילו א מצוות מחלל שבת צו זיין... וועט זיך רב יעקל מלמד אפהאלטן פון טאן א מצווה?... אין זכות פון דער מצווה זאל אים טאקע דער אייבערשטער העלפן, זיין טאכטער זאל ארויס פון סכנה.

נאר שוין אויפן צווייטן טאג האב איך געהערט, אז זי איז געשטארבן. ס'זענען געבליבן נאך איר צוויי יתומים, ייִנגלעך... וויי-וויי ! און דא דארף מען נאך ווארטן מיט דער לוויה, ביז דער מאן וועט קומען פון וועג...

אין עטלעכע יאר ארום, נאך דעם ווי איך האב שוין געהאט דורכגעמאכט די חדרים פון די דרדקי-מלמדים: שמערל און מאיר לייב; דעם חומש-מיט-רשי-מלמד, אליה, און דעם גמרא-מלמד, שיע דער סעקוליער, -- בין איך, נאך גאר א יונגינקער, אנגעקומען צו יעקל מלמד אין חדר.

דער רבי האט מיר "פארגעבן א לייענעס",אויסצופרווון מיינע קענטעענישן - א משנה אין מסכתא "כתובות". סע רעדט זיך אין איר וועגן אן אישה, וואס קומט צום בית-דין און זאגט: איך בין געפאנגען געווארן און בין ריין, - איז זי באגלייבט, ווייל: "הפה שאסר - הפה שהתיר"... איך האב נישט באנומען קלאר אין וואס דא

גייט. וואס דאס הייסט "געפאנגען געווארן" איז מיר באקאנט געווען פון דער סדרה "כי תצא"; "וראית בשביה" - און דו וועסט זעען אין געפענגעניש אן אישה א יפת-תואר, אבער וועגן וואס פאר אן איסור מיט א היתר גייט דא? און דער עיקר - דאס ווארט "הפה" האט זיך ביי מיר פארביטן מיטן ווארט "אפה" - באקן, און דאס האט מיך שוין אין גאנצן צעטומלט: וועגן וואס פאר א בעקער, אדער געבעקס רעדט זיך עס דא?... טייטש ארייַן אהער, טייטש ארייַן אהין - סע גייט נישט!... באין-ברירה און זיך שטארק שעמענדיק, האב איך איבערגעפרעגט דעם רבין: "וואס הייסט עס דא: ׳אפה׳ - ?

אומדערוואַרט האט דעם רבינס פנים אויפגעלויכטן מיט א צופרידענעם שמייכל:

-- די טייטש איז: הפה - דאס מויל... דאס מויל, וואס האט דאך געהאט א ברירה נישט צו דערציילן, אז זי איז געפאנגען געווארן, און האט זי געאסרט, דאס זעלבע מויל, אז סע זאָגט: איך בין ריין, איז זי מתיר... זעסטו, לייבעלע, דאס זעלבע ווארט האט אויך פארדרייט דיין ברודער אברהם, ווען איך האב אים פארגעבן דאס ערשטע לייענעס... הייסט עס, אז אויך דו האסט א גוט קעפל... נו, גוט, לערן ווייטער.

און שוין פון דעם מאמענט אן האב איך געוווּנען דעם רבינס צוטרוי צו מיינע קענטעניש. ס׳איז מיר שוין נישט נייטיק געווען צו פארטיפן זיך אינעם לערנען. דער רבי פלעגט מיך סיי ווי ארויסשטעלן ווי א מוסטער פאר די אנדערע תלמידים. אבער איך דערמאן זיך נישט, איך זאָל האבן נאך א מאל געזען דעם רבינס א שמייכל צו מיר, אדער גלאט א שימער פון פרייד אויף זיין פנים. ס׳איז תמיד ערנסט געווען, פארזארגט און ווי צעווייטיקט צוליב זיינע קראנקע וויעס, ארומגעזוימטע מיט אנגעצונדן-רויטע רענדלעך. ער האט אוודאי נישט געקאנט פארגעסן זיין יונג-פארשטארבענע טאכטער, אין וועלכער אירע יתומים האבן כסדר דערמאנט. דער עלטערער, יאסל, האט שוין דעמלט געלערנט אין הויפישן בית-מדרש און זיך גערעכנט פון די בחורים-למדנים. יאסל יעקלס האט מען אים גערופן, לויטן זיידן, נישט לויטן טאטן. און דער יינגערער, פיניע חיים יעקלס, לויטן טאטן און זיידן, האט געלערנט טאקע ביים אייגענעם זיידן אין חדר, זייער פאטער, חיים יעקלס, איז געווען א גבאי ביי איטשע מאירלען, דעם מגידס אן אייניקל פון א טאכטער. כמעט דאס גאנצע יאר, חוץ די ימים-טובים, פלעגט ער זיין מיטן רבין אין וועג. איטשע מאירל איז געווען פון די ארעמע "אייניקלעך", און זיין גבאי האט גאר ווייניק פארדינט. ער פלעגט אהיימשיקן ווייניק געלט פאר די קינדער, און דאס דחקות ביים רבין אין שטוב איז געווען גענוג גרויס.

עגן רב איטשע מאירלען מיט זיין גבאי, חיים יעקלס, פלעגן די שטאטישע מתנגדים-לצים ליב האבן זיך צו וויצלען. האב איך איין מאל, ביי טאג, ווען איך בין געקומען אין רבינס בית-מדרש רופן מיין ברודער אהיים, געהערט פראווען וועגן זיי. מאירל דעם חזנס איז געווען גבאי-שני ביי א "קינד", ביי רב נחומטשען , און דער גרעסטער לץ אין שטעטל. די

בית-מדרש-יינגלעך זענען געזעסן הינטער די טישן ביי די אפענע גמרות, פארקוקט מיט לעכצנדיקע אויגן אין זייער ערנסט-פארגליווערט פנים, ווי ער האט גארנישט די מינדסטע כוונה צו פראווען לצנות.

-- רב איטשע מאיר, -- זאגט ער, -- חיים יעקלס רבי, האט צו זאגן "תורה", ווי ער מיט זיין גבאי ווייסן עס, נאר אויף דער סדרה "קורח". וואס זשע טוט ער ביים פראוון שבת דעם טיש, ווען סע גייט אן אנדער סדרה?... נו, קיינער פון אייך וועט נישט טרעפן. אומזיסט קנייטשט איך די הויכע שטערנס... ווען ער דארף אנהייבן זאגן די "תורה", נעמט ער די זילבערנע טאבאקערקע, וואס ליגט פאר אים, א ירושה פונעם זיידן דעם מגיד, זכרון צדיק לברכה, און קלאפט אין איר אן פארן עפענען צו נעמען א שמעק טאביקע. דא טוט די טאבאקערקע א פאל ארויס פון זיינע שלאבעריקע פינגער אונטערן טיש. דער גבאי, חיים יעקלס, וואס שטייט דערביי, טוט זיך, פארשטייט זיך, א יילי‎ק א בייג ארונטער אונטערן טיש, וי אויפצוהייבן. דעמלט טוט רב איטשע מאירל גוטמוטיק א קלאפ אים אין פלייצע:

-- אז איינגעזונקען זאלסטו נישט ווערן, חיים, ווי קורח...

גלייך דערויף טוט זיך דער גבאי צוריק א הייב אויף פון אונטערן טיש. דאס פנים - רויט, ווי צוניק, אבער פריידיק-געשמייכלט, די האנט מיט דער אפענער טאבאקערקע - אויסגעשטרעקט צום רבין:

-- א מופת! פונעם קלאפ האט זיך די טאבאקערקע געעפנט, אבער דער טאביק האט זיך נישט אויסגעשיט! א מופת-שבמופת!

דעם רבינס פנים צערינט אין א שמייכל, און דער שמייכל צעשמעלצט זיך איבער די פנימער פון אלע חסידים. דעמלט טוט דער רבי א שטעק אריין צוויי איידעלע פינגער אין דער טאבאקערקע, נעמט-אן א שמעק טאביק און דערלאנגט צו דער נאז. א שנופ מיט אייך נאזלעכל, א שנופ מיטן צווייטן און הייבט אן מיט זיין שטענדיקן "תורה" ניגון. וואס האט א טעם פון "כצפיחית-בדבש":

-- רבותי, השתא באתי להכי... אז מיר האבן שוין דערמאנט קורחן... נימא ביה מלתא... 'עלן מיר זאגן "תורה" אויף דער סדרה קורח...

די חברה ביים טיש צעשיטן זיך אין א געלעכטער. און מאירקע קוקט זיי ווייטער אן ערנסט און ווי א ביסעלע פארוואונדערט, ווי ער וואלט נישט פארשטאנען: וואס איז דא פאראן צו לאכן? און נאך איינער, זע איך, זיצט די גאנצע צייט ערנסט, דער קאפ אראפגעלאזט, און דאס פנים, אונטערן שאטן פון דאשעק, מיניעט זיך אין רויטס און ווייס יאסל יעקלס. ווען איך וואלט זיך נישט שעמען, וואלט איך אים, מאירקען, גלייך געפרעגט א קשיה: און וואס טוט ער, ווען ער קומט אין א יאר ארום ווידער אין דעם אייגענעם שטעטל? און אנשטאט מיר פרעגט אים איציק דער דולער:

-- אבער וואס איז מיטן מופת, מאירקע?

-- מיטן מופת, פרעגסטו? -- איז מאירקע, דאכט זיך, נאך ערנסטער, -- קיינער קריכט נישט אונטערן מיט בודק זיין, צי דער טאביק איז טאקע נישט אויסגעשאטן, קיינער קריכט נישט מיט די אויגן אין דער

טאבאקערקע צו זעען דעם נישט-אויסגעשאטענעם טאביק, און ווער קאנטראלירט עס דעם רבינס פינגער און נאזלעכלעך! צי ס'איז דא אין זיי כאטש א זכר פון טאביק? אבער דער מופת - ער האט אליין אלעמען געווארפן אין די אויגן... הממ... ס'איז אזוי א מופת, ווי אן "איינקל" פון א טאכטער איז א רבי...

יעקל מלמד פלעגט "פאקעווען" א ליולקע. האט זי כמעט פון מויל נישט ארויסגעלאזט. פונעם כסדרדיקן אנשטאפן די ליולקע מיטן גראבן פינגער און איינקוועטשן מיט אים דעם זיך רייכערנדיקן טאבאק, האט ער זיך אים, דער גראבער פינגער, ווי ארויפגעקיילעכיקט, און זיין הויט האט זיך פארהארטעוועט און איז געווען געל-ברוין-שווארצלעך. כדי זיך איינצושפארן שוועבעלעך צו פאררייכערן - א פושקעלע שוועבעלעך קאסט דאך א גאנצע קאפעקע! -- פלעגט ער זיך צוגרייטן, אליין אדער דורך די תלמידים, פון א קינשפאן אזעלכע דינע העלצעלעך, ווי שטריעך, צו "נעמען מיט זיי פייער" פונעם פריפעטשיק פאר דער ליולקע, אדער, אום ווינטער, דורכן גלעזל פונעם אנגעצונדענעם לאמפ ארויס.

יעקל מלמד פלעגט נישט פארפירן קיין שמועסן מיט די תלמידים, נישט דערציילן זיי קיין מעשות. סיידן ער האט געלערנט מיט זיי די גוזמאות פון רבה בר בר חנא. פון דעסטוועגן האבן אים די תלמידים ליב געהאט - אדער אפשר איז דאס געווען בלויז דרך-ארץ, ווייל מע האט געוווסט אז דאס גאנצע שטעטל האט פאר אים דרך-ארץ, נישט אזוי פאר זיין למדנות, ווי פאר זיין פרומקייט און זיינע צרות. ער אליין האט זיך פאר קיין למדן נישט ארויסגעשטעלט. צווישן די תלמידים האט מען געשמועסט: דער רבי קאן די גאנצע מסכתא "בייע" (-- "ביצה") אויף אויסנווייניק, און דאס איז עס אין גאנצן!

איך דערמאן זיך נישט ער זאל שלאגן די תלמידים. אבער ער איז געווען א שטרענגער און א בייזער. די תלמידים פלעגן שמועסן אז א מאל פלעגט ער יא אין גרויס צארן קאנען אראפכאפן א פאנטאפל פון פוס און מיט אים דערלאנגען א פארשטאפטן קאפ, ווי ערגעץ אין א גמרא שטייט: "טפח ליה בסנדליה" - ער האט אים א קלאפ געטאן מיט זיין פאנטאפל. ס'איז גענוג געווען דעם רבינס בייזער זאג: "מע דארף דיר אויסוואשן די געהירן...".


בלויז איין מאל, געדענק איך, ווי ער האט גערעדט צו די תלמידים נישט אינעם לערנען. איך א זונטיק אין דער פרי האט א מעשה-נורא אויפגערודערט דאס שטעטל: "וואס היינטיקע צייטן קאן זיך פארלויפן! נעכטן ביי טאג איז דעם היטלמאכערס בחור אריין אויפן בית-עלמין צום בית-הקברות-ייד אין שטיבל (דער מאן איז געווען איך שטאט אין בית-מדרש און געזאגט א "יום" תהלים)... איז ער אריין כלומרשט טאן א טרונק וואסער און... און האט אפגעטאן א מעשה-נבלה מיט זיין יידענע... די יידענע האט געשריגן, אבער ווער האט איר אין פעלד געקאנט דערהערן... די מתים סיידן, קאנען זיי זיך דאך פון ארט נישט רירן. זיי קאנען נאר קומען ביי נאכט צו חלום...

איז ווען דער רבי איז געקומען פון בית-מדרש פונעם דאווענען און האט געהערט ווי מיר, די תלמידים, שושקען זיך אזוי הייס, האט ער פארשטאנען וועגן וואס און א זאג געטאן:

-- דער זשלאב, זאגט מען, הייסט מאניס. מ'האט אים אזוי א נאמען געגעבן...כשמו כן הוא -- א מאנס...

געזאגט האט ער עס מיט א בייז פנים, די רויטע וויעס האבן געפלאמט. נאר מיר האט זיך געדאכט, אז מיט דעם ווערטל נעמט ער אראפ א שטיק אחריות פון דעם זשלאב: ס'איז געווען שוין אנגעשריבן, ווען מעהאט אים א נאמען געגעבן... א באשערטע זאך. וואס איז ער שולדיק, מאניס דעם היטלמאכערס?

מעשהלעך פון מיין רבין ליבער מלמד ע"ה



אט ווי אזוי מע דארף לערנען!

ער האט דעמלט געלערנט מיט אונדז א שווערע סוגיא אין "חושן משפט", אין וועלכער דער ש"ך באווייזט זיך מיט זיין גאנצער גאונות. ס'איז געווען פאר אונדז, צוועלף-און פערצניעריקע תלמידים, א גאנץ שווער שטיקל ארבעט איינצובייסן און צעקייען דעם ענין. מ'האט אפט געדארפט זיך אפשטעלן און, אזוי צו זאגן, איבערכאפן די געדאנקען; לאזן די יונגע מוחותלעך זיך אפרוען. און דעמלט פלעגט דער רבי נעמען עפעס דערציילן.

דאס איז, אגב, געווען זיינער א שטענדיקער שטייגער זיך צו פאררעדן אין מיטן לערנען. די תלמידים זענען עס, פארשטייט זיך, זייער גערן געווען, פלעגן עס אויסקוקן און ביי דער מינדסטער געלעגנהייט אים אנציען דערויף. האט ער אונדז דאס מאל דערציילט וועגן דעם ש"ך א ווונדערלעכע מעשה, אזוי צו זאגן:

-- דער ש"ך האט געוווינט אין אן אייבערשטיבל מיט א הענגגאניק אויף דער גאס ארויס. אוודאי האט דער הענגגאניק געהאט פון דריי זייטן אן ארומצוימונג, ווי סע שטייט אין דער תורה: "ועשית מעקה לגגך" -- זאלסט מאכן א געלענדער צו דיין דאך. און אין דער פערטער זייט האבן שטיגן אראפגעפירט אין גאס... הממ... אזוי ווי ביי סראל קצבס מויער. אויף דעם דאזיקן הענגגאניק פלעגט דער ש"ך אפט ארויסגיין א שטארק פארטיפטער אין לערנען, ווען די סוגיא איז געווען זייער א שווערע, און דער מוח דארף האבן פרישע לופט... הממ... איז אט -- ווען ער האט איין מאל געלערנט טאקע די סוגיא וואס מיר לערנען איצט, איז ער אויך ארויסגעגאנגען אויפן הענגגאניק און גענומען שפאנען איבער איר אהין און צוריק. אהין און צוריק. איז ער אבער דאס מאל געווען אזוי פארטיפט אין דעם ענין און אזוי הויך פארפלויגן, אז אין א געוויסער רגע האט ער נישט באמערקט, ווי ער איז צוגעקומען צום ראנד, ווו ס'הייבן זיך אן די שטיגן, און... הממ... איז זיך אזוי געגאנגען ווייטער, א פארמוחטער און פארטראגענער, אין דער לופט אריין... אהין און צוריק, אהין און צוריק... הממ... נסים, וואס קיינער פון די פארבייגייער אין גאס האט זיך צון אים מיט קיין ווארט נישט אפגערופן. צי מחמת ציטעריקער שרעק, צי מחמת פארגאפטער געליימטקייט. ווארן ווען, חלילה, יא, און דער ש"ך קומט צו זיך פון זיינע טיפע רעיונות, וואס האבן אים געהאלטן אין דער לופטן, ווי פליגל פון אן אדלער... ווער ווייסט, וואס ס'וואלט באהיט גאט, געווען געשען מיט אים!... "לא בכל שעתא ושעתא מתרחש ניסא" - נישט יעדעס מאל געשעט א נס.

און דער רבי האט אויסגעלאזט מיא א צעפיבערט פנים און צעפלאמטע אויגן, מיט א ניצחונדיקן און מלא-בשמחתדיקן טאן:

-- אט ווי אזוי מע באדארף לערנען!... איז נו-ו-ו... איז לערנען מיר ווייטער... איז וואס זשע פרעגט דער ש"ך?...

יפה את כחמה
וברה כלבנה

דאס מאל האט דער רבי געוואלט וועקן אין אונדז דעם חשק צום לערנען דעם ט"ז, וואס זיין בצימצומדיקער פירוש אויפן "חושן משפט", ווי א שמאל טייכל מיט גאלדענע פישעלעך -- געדאנקען, שטייט רעכטס קעגנאיבער דעם פירוש פון ש"ך, וועלעכער צעשפרייט זיך אפס, ווי אונדזער טוריע בעת א געוויסער פאר פסח, -- און האט אונדז, די תלמידים, דערציילט א מעשהלע וועגן אים. דאס דאזיקע מעשהלע האט טאקע געוועקט אין אונדז חשק... נישט נאר צו לערנען דעם ט"ז:

-- איין מאל, ווען דער ב"ח איז זיך אזוי געזעסן ביים לערנען מיט זיין תלמיד דעם ט"ז... הממ, ער איז נאך דעמלט נישט געווען דער ט"ז... כע-כע-כע... אבער לערנען האט ער שוין, א פנים, געקאנט. איין קלייניקייט -- דעם ב"חס א תלמיד!... עפנט זיך די טיר, און ס'קומט אריין דעם ב"חס טעכטערל, שוין א כלה-מיידל. זי איז געווען א יפה-פיה, חוץ וואס זי איז געווען א חכיימע. זי האט דאך געהאט אין וועמען געראטן צו זיין. איין קלייניקייט -- דעם ב"חס א טעכטערל !

-- טוט איר דער טאטע אזוי א רוף צו, גלעט זי איבער שטערן, און א זאג:

"טאכטערקע מיינע, יפה את כחמה וברה כלבנה".

-- איר ווייסט דאך די טייטש דערפון: ביסט שיין, ווי די זון, און לויטער, ווי די לבנה... רופט זיך אזוי אפ דער ט"ז שטילערהייט, און נעמט נישט ארויס די אויגן פון דער גמרא, סיי מחמת צניעות, סיי מחמת יראת-הכבוד פארן רבין --איין קלייניקייט: דער ב"ח! הממ, און דער ב"ח איז דאך שוין דעמלט געווען דער ב"ח, דער מחבר פונעם "בית חדש", בעת דער ט"ז איז דאך נאך נישט געווען דער ט"ז, ווייל ער האט דאך נאך נישט געהאט מחבר געווען דעם "טורי זהב", -- רופט ער זיך אפ, דער ט"ז, ווי געמורמלט צו זיך אליין, כלומרשט גלאט אין דער וועלט אריין:

"הגיעה העת לקדש הלבנה"...

-- די טייטש: ס'איז שוין די העסטע צייט מקדש צו זיין די לבנה... נו, האט דאך דער ב"ח תיכף פארשטאנען וואס דער פסוק לאזט אים דא צו הערן, א קוק געטאן דא אויפן טעכטערל, דא אויפן תלמיד און זיך צעשמייכל אין דער בארד אריין... דאס טעכטערל ווידער האט פארשטאנען סיי דעם זאג און סיי דעם שמייכל, און איז א פארשעמטע גלייך ארויסגעלאפן פון חדר... הממ... בקיצור -- אין גיכן האט מען טאקע געבראכן ביי זיי טעלער...

-- הממ... -- צעשיינט זיך דעם רבינס פנים, ווי פון אן אפגעהאלטענעם ניצחון, ווי ער אליין טאקע וואלט געווען דער שדכן און אויסגעפירט דעם

שידוך, און איך זיינע אויגן צינדן זיך אן ווי שבת-ליכטלעך. -- ווי מיינט איר, קינדער, האט עמעצער פון זיי אלע דריי, חלילה, וועך-עס-איז חרטה געהאט אויפן שידוך? כע-כע-כע... איצט קאנען מיר שוין לערנען ווייטער... נו-ו-ו...


דאס עקעלע פון פישל שטארצט ארויס

פארן מגידס לעבן, זכרון צדיק לברכה, פלעגן זיך אונטער אן ערב-יום-טוב צונויפפארן אהער, קיין טריסק, הונדערטער חסידים. דער גרויסער הויפישער בית-מדרש פלעגט צום דאווענען פול זיין מפה אל פה. ס׳פלעגט זיך א מאל דאכטן, אז אט ווי ער שטייט זיך אזוי, דער בית-מדרש, אויף די פאליעס איבער דעם וואסערפעלק פון דער טוריע, וועט ער, חלילה, מיט א מאל טאן א זונק אראפ אונטער דער שווערער משא פון דעם עולם, אדער זיך אנצינדן פון זיינע פייערדיקע תפילות. טאקע נאר דעם מגידס זכות איז אים בייגעשטאנען. אום ערב-פסח, בעת א געוויסער, פלעגט דער בית-מדרש שטיין ממש איבערן וואסער און אין וואסער. מ׳האט זיך צון אים צוגעשיפט מיט שיפלעך. ער האט זיך אבער דאך געהאלטן אויף די פאליעס בבחינת נוח׳ס תיבה... ביי נוח׳ן שטייט: "איש צדיק תמים" -- א גערעכטער ערלעכער מאן, און צו אברהם אבינו האט דער אייבערשטער געזאגט: "והיה תמים" -- און זיי א גאנצער, און אז דער אייבערשטער האט אים געזאגט, האט ער דאך אוודאי געפאלגט און איז עס געווען... און דער מגיד רב אברהם, זכרון צדיק לברכה, האט געהאט אין זיך די נשמה פון אברהם אבינו... הממ, מיר זאגן אין דער שמונה-עשרה: "מגן אברהם", און דעם מגידס ספר הייסט "מגן אברהם"... נו, האט ער אויפן בית-מדרש מגין געווען... הממ, נאר נישט וועגן דעם רעדט זיך איצטער.

-- נו, און דער מגיד האט געפראוועט גרויסע "טישן". אזאן עולם, אן עין-הרע, אויסצוהאלטן מיט יום-טובדיקע סעודות איז גארנישט קיין שפילעכל! האט זיך טאקע אויפן הויף געפונען, צווישן אנדערע אלערליי בנינים, אויך א שפייז-מאגאזין, אין וועלכן ס׳זענען פארגרייט געווען מכל המינים שהוא: פלייש און פיש, חלה או ברויט, לעקעכער און שטרודלען, מעלן און גרויפן אלערליי, און פירות און ווייגען... הממ, בקיצור -- וואס א מויל קאן נאר ארויסרעדן, און וואס א הארץ קען נאר גלוסטן. נו, אויך חסידים זענען געווען מכל המינים שהוא: גבירים אדירים און סתם גבירים, נגידים, קבצנים, אביונים און אויך פשוט ארעמע לייט, וואס האבן נעבעך אונטערגעהונגערט, ווייל צוצוקויפן עפעס צום עסן, חוץ די סעודות ביים מגידס טיש, האבן זיי נעבעך נישט געהאט. אזעלכע חסידים פלעגן זיך אפט ארומדרייען ארום דעם שפייז-מאגאזין, ווי, להבדיל הינער ארום א סטויק, ווען מע דרעשעט די תבואה, צו כאפן א זערנע; פלעגן אויסקוקן א הזדמנות ארייננצוכאפן עפעס פון דארט, א מאל -- בהיתר, און א מאל -- איך זאל נישט האבן געזינדיקט מיט די רייד -- אפילו בגנבה...

דער מגיד וועס דאך נישט וועלן, אז צוליב אים זאל זיינער א חסיד זיצן אין תפיסה אויף יענער וועלט... כע-כע-כע.

-- מאכט זיך איין מאל: א חסיד לאטחנט ארויס פון דארט פשוטו-כמשמעו א לעבעדיק פישל, טוט עס א פארשטעק, ווי א נאז-פאטשיילע. אין בוזעם און לאזט זיך העגדעם פענדעם צו זיין אכסניה. נאר אין מיטן דערינען -- אוי, א צרה! ווען ער לויפט פארביי דיי סאליעס, שטייט גראד דער מגיד אין דער טיר אין דרויסן, ווי ער וואלט ארויסגעקומען אים מקבל-פנים זיין, און טוט אים א רוף מיט א פינגער, ער זאל צוגיין... דעם גנב לויפט דורך א דראזש דורך די ביינער. ס'ווערט אים פראסטיק אין אלע אברים. ער פילט, אז סע צאפלט זיך אין אים און ווייסט נישט וואס: צי דאס אייגענע גנבהשע הארץ, צי דעם מגידס געגנבעטע פישל... און ער שטייט און רירט זיך נישט פון ארט. אלע אברים זענען אים ווי אפגענומען.



-- "רב חסיד!" -- טוט אים שוין דער מגיד א רוף מיטן מויל, כאטש גאנץ שטיל, אט, להבדיל אלף אלפי הבדלות, ווי א גנב א גנב, ווען זיי פירן בשותפות דורך א גנבה, כע-כע-כע...

-- נישטא קיין ברירה ! אז דער מגיד רופט, מוז מען גיין, אפילו מיט געליימטע פיס... גייט ער פאמעלעכקע, פאמעלעכקע, ווי אן עופעלע ראטשקעוועט זי צו דער מאמען, בלייבט שטיין פארן מגיד און קוקט אין זיין שיינענדיק פנים, ווי... הממ... ער פינטלט מיט די אויגן, ווי גוססדיקע פייער-צינגעלעך אין ליימענע רערלעך.

-- "רב חסיד, -- מורמלט צון אים דער מגיד אזוי מילד און אזוי רחמימדיק, ווי א געטרייע מאמע צו איר קראנקן קינד, -- דאס ווײדעלע פונעם פישל שטארצט דאך ארויס פון בוזעם... עמעצער פון די "הויפלייט" קאן עס נאך, חלילה, דערזען... פארשטעק עס טיפער און לויף וואס גיכער אויף דער אכסניה... קאך עס אפ און עס עס ווי א כשרער ייד... טראכט נישט איבער: ס'איז פון מיר א כשרע מתנה...", -- און דער מגיד דרייט זיך אוועק און שלייכט אריין אין שטוב...

"און וואס האט ער געטאן, דער חסיד?" -- טוט א תלמיד א פרעג דעם רבין, סיי מחמת נייגעריקייט און סיי אים אנצוציען ווייטער צו רעדן.

-- וואס האט ער געזאלט טאן? ער האט געפאלגט וואס דער מגיד האט געהייסן. נאר ער האט זיך געווארגן מיט דער כשרער מתנה און זיך געשטיקט מיט די אייגענע טרערן. הממ... און איר מעגט שוין זיין בטוח, אז דאס איז שוין געווען ביי אים די לעצטע גנבה פונעם מגידס שפייז-מאגאזין.

און מיט א מאל איז דעם רבינס פנים געווארן ערנסט. ער האט אראפגעלאזט דעם קאפ צו דער גמרא און גענומען זוכן מיט די אויגן דאס ארט, ווו ער האט מפסיק געווען:

-- מע טאר נישט גנבענען. און מע טאר אוודאי נישט גנבענען קיין צייט ביי דער תורה... "תורת אדושם תמימה" -- גאטס תורה איז גאנץ, -- אז מע גנבעט, חלילה, פון איר, איז זי כביכול נישט גאנץ... נו-ו-ו... לערנען מיר...

א מורה-מור׳נו

מהאט דערלאנגט צום שבתדיקן טיש די פיש. דעם מגיד, זכרון צדיק לברכה -- א קאפ פון א פיש מיטן נאמען מארענע. טועם געווען פון אים, האט דער מגיד גלייך א באפעל געטאן צו די גבאים מיט א בליק: "פאנאנדערטיילן די שיריים!" און זיך געוואנדן צום עולם חסידים מיט א צעשטראלט פנים:

"עסט, עסט, חסידים... אין דער מארענע איז פארבארגן א גילגול פון א מורה-מורנו... ער וועט מיט אונדזער הילף און מיטן אייבערשטנס רחמים האבן עלית-נשמה..."

-- דער עולם האט נאך קיין מאל נישט אזוי געשמאק געגעסן די שיריים, ווי אצינדער! מיר, איך און איר, קינדערלעך, זאלן אזוי גערן באגערן צו לערנען. הממ... איז ביי וואס האלטן מיר דא? יא, אמר רב פפא, האט רב פפא געזאגט... רב פפא איז געווען א מורה-מורנו.

יידישע צדיקים און א חסיד פון די אומות-העולם

די וועלט איז געווען שטארק-שטארק אומרויק. ס׳האט זיך געקאכט אין די בלעטער: א כוכבא דשביט, א קאמעט, ווי מע רופט עס היינט, דערנענטערט זיך צו אונדזער ערד!

איז צוליב דעם ארויס א גרויס מחלוקת צווישן דעם טריסקער מגיד, זכרון צדיק לברכה, און דעם ניסכיזשער רב, זכרון צדיק לברכה. דער מגיד האט געזאגט:

"דער כוכבא דשביט וועט פארבייגיין אונדזער כדור-הארץ בבחינת "כבקרת רועה עדרו, מעביר צאנו תחת שבטו" -- ווי א פאסטעך זוכט נאך זיין סטאדע, לאזט פארביי זיינע שעפסן אונטער זיין רוט... אבער סע וועט אונדזער וועלט, חלילה, גארנישט נישט שאטן".

-- דער ניסכיזשער רב האט געטענהט פארקערט:

"דער כוכבא דשביט וועט זיך אנקלאפן אין דעם כדור-הארץ, און די וועלט וועט חרוב ווערן. יידן דארפן תשובה טאן, כדי צו קומען ריין אויף יענער וועלט...".

די שמועה וועגן דעם מחלוקת צווישן אזעלכע צוויי בערג האט זיך צעקלונגען מיט א בת-קול איבער דער גאנצער ברייטער מדינה און דערגרייכט אזש צו די אויערן פונעם גרויסן רוסישן שרייבער ליעוו טאלסטאי. האט טאלסטאי געזאגט אזוי:

"ווער פון די ביידע גרויסע יידישע צדיקים איז א גרעסערער נביא, קאן איך נישט פסקענען. איך קאן אבער יא פסקענען, ווער פון זיי ס׳איז א

גרעסערער חכם הרואה את הנולד -- א חכם וואס זעט פאָרויס וואס שפעטער וועט פאסירן. דאס איז דער צדיק פון טריסק. ווארן ממה-נפשך, טראכט ער: וועט זיך די וועלט נישט איבערקערן, ווי איך זאג, איז דאך מה-טוב! האב איך דאך געטראפן. אלא וואס דען, זי וועט זיך יא איבערקערן, ווי סע זאגט דער צדיק פון ניסכיזש, איז ווער וועט דעמלט קומען צו מיר מיט דער טענה, אז איך האב נישט געטראפן?!".

און דער רבי פירט אויס:

-- כע-כע-כע... מילא, ער איז דאך אן ערל, דאר טאלסטאי און האט נישט געלערנט, אז: "אלו ואלו דברי אלוהים חיים" -- סיי די, סיי יענע זענען די רייד פון גאט, און מיר קאנען דאס נישט משיג זיין.

די קשיה איז
גאר פון מלכתחילה
קיין קשיה נישט

ער האט געהאט אן אריסטערלישע טבע, מיין רבי, ליבער מלמד: אין מיטן גיין, אין מיטן שטיין, אין מיטן זיצן, א מאל אפילו אין מיטן א שמועס, -- געבן א הייב אויף א פויסט מיט אן אויפגעהויבענעם גראבן פינגער, א פארשטעק אים אונטער דער אייבערשטער ברעם און זיך פארטראכטן א פארטראכטעניש, פארקוקט מיט די פארזשמורעטע אויגן ערגעץ ווייט אין דער וועלט אריין, אדער ערגעץ טיף אין זיך אריין... ווי זיין קאפ וואלט זיין פריטשמעליעט פון דעני פארטראכטעניש. און פארענדיקן פלעגט זיך עס מיט א זאג אין דער וועלט אריין:

-- נו, מא...

וועגן וואס איז דאס געווען זיין פארטראכטעניש? זאל מען זאגן, אז פשוט וועגן עפעס א זאך פונעם טאגטעגלעכן לעבן, וועגן עפעס וואס ער האט נאר וואס צו עמעצן גערעדט, אדער זיך מיט עמעצן געשפארט? ניין. אין אזא פאל וואלט דאס פארטראכטעניש נישט געווען זיין אזא ווייטס, אדער אזא טיפס... צי האט ער זיך דאס פארטראכט וועגן זיין אומגליק און שאנד, וואס אדער ער איז אן עקר, אדער דאס ווייב אן עקרה, און וואס איז א ייד אן א "קדיש"?... נישט קיין צווייג אויף א בוים, נאר א פארטרוקנטער שטעקן... צוליב דעם אפשר קומען עס ארויס אזוי אפס די נישט שיינע קריגערייען צווישן אים מיט זיין פלוניתטע פאר די תלמידים אין די אויגן... צי אפשר טראכט ער וועגן זיינע רעמאטעס, וואס זענען אזוי אנזעעוודיק מיטן געשווילעכץ פון די פינגער-געלענקען, און וואס די ווייטיקן אין זיי זאגן אים אן, "בעסער פונעם בעסטן לוח", וועגן אן ענדערונג וואס גייט פארקומען אין דער "פאגאדע"? ווי פלעגט ער זאגן באצערט און שטאלץ:

-- צי סע גרייט זיך אויף א רעגן? יא. איך א צוויי טעג ארום... קוקט נישט אינעם לוח, פרעגט ביי מיר... איך שפיר אים שוין אין די שפיץ אדערן.

אפשר טאקע הארכט ער זיך איין אין זיינע ווייטיקן, אין זיין "אורים-

ותומים", און פארשט אין זיך די אנקומענדיקע נעפעלן און כמארעס...
אבער ווען איך דערמאן זיך וועגן דעם אלץ וואס ער פלעגט אונדז פון
צייט צו צייט דערציילן, טראכט איך, אז זיינע פארטראכטענישן זענען
אפט מאל זיכער געווען וויכטיקע, הויכע און טיפע, וועגן: גרויסע
מענטשן, צדיקים, וועגן דער וועלט און די באשעפענישן, וועגן גאט;
פארטראכטענישן וועגן זאכן און ענינים, וואס רעדן וועגן זיי האט
ער נישט געהאט מיט וועמען.

אט גייט מיר אויף אין זכרון, וואס ער האט אונדז איין מאל אין מיטן
לערנען דערציילט וועגן רב נחמן בראצלאווער, דעם בעל-שם-טובס איינקל:

-- די וועלט פרעגט שוין פון לאנג, און האלט אין איין פרעגן, די
הארבע קשיה וועגן "ידיעה ובחירה" -- דעם ריבונו של-עולמס וויסן אלץ
פארויס, און דעם מענטשנס ברירה צו טאן גוטס אדער שלעכטס, -- ווי שיקט
זיך עס? אז דער אייבערשטער האט שוין פון פארויס די "ידיעה", אז דער
מענטש וועט שפעטער אזוי-און-אזוי טאן, ווי זשע קאן שוין דער מענטש
שפעטער זיין פריי צו טאן לויט זיין "בחירה", לויט זיין ווילן? ער
קאן דאך שפעטער נישט טאן אנדערש, ווי דער אייבערשטער ווייסט עס שוין
פון פארויס?! א?... הממ?...

-- דערויף האט דער בראצלאווער, זכרון צדיק לברכה, געענטפערט אזוי:
די קשיה איז מלכתחילה קיין קשיה נישט... הממ... ווארן... לאמיר נאר
צולייגן קאפ: צייט - פריער, איצט, און שפעטער - איז דאך א מושג נאר
פארן מענטשלעכן שכל... אנדערש קאן ער גארנישט משיג זיין... אבער
פארן אייבערשטן איז דאך דאס מין צייט אין גאנצן נישטא... הממ, ווארן
ער איז דאך אייביק, און אייביקייט האט דאך נישט, נישט קיין אנהייב,
נישט קיין מיטן, און נישט קיין סוף... איר פארשטייט? ווען סע זאל
האבן באטש נאר איינס פון די זאכן, איז דאך עס שוין נישט קיין
אייביקייט... יא, פאר גאט, ברוך הוא, איז נישטא דאס וואס דער מענטש
רופט אן צייט, פריער, איצט, שפעטער... הממ... ווי זאגט דוד המלך "כי
אלף שנים בעיניך כיום אתמול" --ווארום טויזנט יאר איז אין דיינע אויגן
ווי דער נעכטיקער טאג... און אויך דאס איז דאך נאר כדי "לסבר את האוזן"
-- דער מענטש זאל קאנען א משהוא תופס זיין... טויזנט יאר? מיליאנען!
מיליאסן! מילי-מיליאסן יארן!... א פריער פון מילי-מיליאסן, און איצט
פון מילי-מיליאסן, און א שפעטער פון מילי-מיליאסן איז פאר אים...
הממ... איין פינטעלע-שבפינטעלע פון דעם וואס מיר רופן צייט...
הממ... האלט זשע קאפ: איז דאך שוין דער גאנצער הארבער ענין פון
"ידיעה ובחירה" קלאר ווי דער מיטן טאג -- דער מענטש האט טאקע אין
זיין שפעטער די "בחירה" צו טאן גוטס אדער שלעכטס לויט זיין רצון,
און דער אייבערשטער ווייסט עס שוין פון פארויס, ווייל ביי אים איז
דאך דעם מענטשנס פריער מיטן מענטשנס איצט און שפעטער אין דעם זעלבן
צייט-פינטעלע-שבפינטעלע... הממ...

--קעפלעך! איר באנעמט דאס פינטעלע-שבפינטעלע? איר פארשטייט ווי טיף-
טיף דאס איז?... א?... הממ...

צי מיר, די צוועלף-פופצן-יעריקע זענען פעיק געווען אויפצוכאפן אט דאס פינטעלע-שבפינטעלע, איז אוודאי א גאר גרויסער ספק, אבער אז דער דאזיקער געדאנק האט אונדז דורכגעגליט, ווי א פונק וואס פאלט אויף א טרוקענעם הויפן וואל, און געפלעפט, איז דער בעסטער סימן דאס, וואס שוין העכער א האלבן יארהונדערט האט זיך דער פונק אין מיין זכרון נישט אויסגעלאשן. דערפאר מיין איך, אז פון אט דעם מין זענען געווען מיין רבינס, ליבער מלמדס, פארטראכטענישן.





ילדים בביה"ס

תרבות

מורים ועסקנים בביה"ס

תרבות


K

אנשים בעיירה

מענטשן אין שטעטל

צו מיין ברודער שמחה

אברהם זאלוצקי

מיר פארשעמען דיך, מיין ברודער שמחה
מיר פארשעמען אזוי אפט דיין נאמען.
און דעם נאמען פון דיין ווייב און קינדער,
און דיין קראם אפילו אין דער שורה קראמען.

מיר שרייבן אזויפיל פון פעלדער און פון באנען,
פון ברוכן וואס האט געשריבן לידער,
נאר זעלטן זעלטן טרעפט, אז מ׳יר דערמאנען
דיך, דעם וואכעדיקן פון די ברידער.

דו האסט געשלעפט פון מארק די זעק מיט שפענער,
דו פלעגסט אין קראם די שווערע קאסטנס הייבן.
אבער ברוך איז געוועזן פון דיר שענער,
און דער שווינדזוכט האט געשטראלט פון לייבן.

האסט קיינמאל נישט קיין סטראפע אנגעשריבן,
בלויז נאך דיין חתונה האט עמעצער געבראכט
א בריוו פון דיר: "איך בין טרויעריק געבליבן,
ווען געלויכטן האט דער בליצלאמפ און דער פידל האט געלאכט".

וואס פאראן פון דיר איז, פון דיין ווייב און קינדער,
איז ערד אין ערד, איז זייער ווייט פון דאנען.
און מיר פארשעמען דיך, און זי, און זיי
מיט לידער נארישע פון פעלדער און פון באנען.

ז. וויינפער

מלכה
די ראדאוויטשערן

פיל מערער, ווי פון אלע דערפלעך אין דער גאנצער סביבה,
האט מען פונעם דערפל ראדאוויטש גערעדט מיט ליבע,
און אט די ליבע האט געשפרייט די אלטע מלכה.
אפילו גויים האבן זיך געצלמט און געמורמלט: "זשאלקא",
ווען מלכה האט אויף אייביק צוגעמאכט די גוטע בליקן.
פויערים ביים קאסען און פויערטעט ביים שטריקן
האבן לאנג נאך דעם צווישן זיך גערעדט מיט גרויס באדויער,
ווער רעדט די יידן דארפסגייער, -- צו זייער טרויער
קאן נאך ביז היינט אפילו גאר קיין סוף נישט נעמען, --
מלכה איז נישטא, און ווער קאן מלכהס ארט פארנעמען?

און דעם גרויסן פריץ פונעם דערפל ראדאוויטש
ווערן מיר, צוליבן גראם, רופן פאניע ליאדאוויטש, --
האט אט דער פריץ, ווי אלע פריצים פון זיין גראד,
געפירט אין ווייטע לענדער ערגעץ-ווו זיין "שטאט",
דאס דערפל דא געלאזט אויף רב בונעמס הענט,
און אט א דעם רב בונעמען האט מען אומעטום געקענט,
ווי דעם יידן מיט די לאנגע, ביידע ברעמען,
וואס האט קיין פליג אפילן נישט געקאנט פארשעמען, --
א ייד א פשוטער, א שטילער. רב בונעם מלכהס
האט בלויז צו טאן געהאט מיט די איוואנעס און מיכאלקעס.

און ראדאוויטש אליין -- א דערפל אין וואלין,
ווי אלע דערפלעך: ווינטער -- ווייס און זומער -- גרין:
ווייסע פויערשע כאטעס מיט שטרויענע דעכער,
א קלויסטער, וואס קוקט פון אלע כאטעס העכער,
נאך העכער פון דער גרויסער שטוב רב בונעמס,
נאך העכער פון די דראנגעס ביי די ברונעמס,
וווהין עס קומען וואסער שעפן פויערים מיט עמער
פאר זיך, פאר פערד, פאר קי און פאר די לעמער,
גערטענער און סעדלעך און אן אלטער, גרויער צלם,
וואס קרישלט זיך, כאטש נעם און שייל אים.

רב בונעם - מיט די פויערים אויף פעלדער ביי די סטויגן,
און מלכה ביי דער שוועל אין שטוב קוקט אויס די אויגן
אויף אן אורח; א ייד, א גוי, -- וואס איז די נפקא-מינה?
די שטוב איז א באטירטע, ווי ביי אברהם אבינו.
און זי? אויב גאט האט איר באשערט אין דארף צו וווינען,
באדארף זי דאך גאטס נאמען דא באקרוינען
מיט וואס זי קאן, מיט וואס נאר זי אין שטוב פארמאגט;
איר בונעם איז דאך טעג און נעכט אין פעלד פאריאגט,
נאר דאנקען גאט -- ער ברענגט, און זי האט וואס צו געבן, --
הלוואי נישט ערגער אויפן גאנצן לעבן.

האט מען טאקע צון איר שוועל געצויגן נישט בחינם.
דער שווייגנדיקער, אלטער ארענדאר, רב בונעם,
האט אין זיין שטוב זיך ווינציק-וואס געמישט, --
צו וואס? דער קאכלעפל האט שטענדיק זיך געמישט
אויפן אויוון אינעם טאפ מיטן ווארעמען געקעכץ,
און איז א מענטש נאר אנגעקומען מיט א קרעכץ,
האט מלכה שוין אליין אים גלייך דערהערט,
און וואס נאר גאט האט אינעם טאפ באשערט
איז גלייך געווען פאר אורחים אין דער שיסל,
און מלכה האט געפרעגט: "אפשר נאך א ביסל?"

אן אורח אויפצונעמען איז פאר איר געווען דער עיקר.
וואס דארפט איר מער? אפילו פארן שיכור,
דעם אלטן, היימלאזן און בארוועסן מיכאלקע
האט שטענדיק אט די אלטע, גוטע מלכה
געהאט אן ארט צום שלאפן לעבן אויוון:
"מסתמא וויל מען דאך אזוי פון אויבן,
אז א גוי א שיכורער זאל זיין מיכאלקע".
אט אזוי פלעגט שטענדיק זאגן מלכה
און דערביי א הייב טאן אירע הענט, ווי ביי דעם בענטשן:
"ווער זענען מיר, מעשטיינטגעזאגט, צו משפטן א מענטשן ! "

און איצט איז זי נישטא, -- טא זאל זשע אט די מעשה
וועגן איר פארבלייבן, ווי פון דער ציג דער ווייטער,
וואס מיר אלע האבן אזוי ליב צו זינגען און צו הערן;
אוי, אפשר וועלן מענטשן זיך באטראכטן און באקלערן
און ווערן איינס צום צווייטן בעסער ליבער;
דאס לעבן איז דאך קורץ און גייט אויף גיך אריבער,
דער סוף איז שטויב אפילו פון דער רויז דער שענסטער.
איך שטיי און קוק איצט א פארטראכטער דורך מיין פענצטער,
די גרויסע שטאט שטיקט זיך אין דעם טאג דעם העלן,
נאר קיין מלכות זיצן דא נישט ביי די שוועלן.

מרדכי אליעזר פערל

רב בונים און מלכה ראדאוויטשער – מיין זיידע-באבע

רב בונים האט געוווינט אין ראדאוויטש, א דארף, צען קילאמעטער פון טריסק, און דארט געהאלטן די ארענדע ביים גוטבאזיצער. דאס דארף ליגט על פרשת-דרכים, ס׳פארצווייגן זיך פון דארט וועגן צו עטלעכע שטעט און דערפער. אויף אזאן ארט זענען געוויינטלעך פאראן א סך דורכרייזנדע. רב בונעם און זיין פרוי, מלכה, פלעגן צוזעען, ווי אנדערע פון זיי ווערן אום ווינטער דורכגעפרוירן פון קעלט און אום זומער דערשעפט פון דער היץ. כדי די מענטשן צו העלפן, האבן זיי פאר זיי איינגעארדנט ביי זיך אין שטוב צוויי קיכן, א מילכיקע און א פליישיקע, און אויך אן ארט אויף נאכטלעגערס. פון דעמלט אן פלעגן די דורכרייזנדע זיך אפשטעלן אין ראדאוויטש. דארט אפגעדאוונט, געטרונקען א גלעזל ציקאריע, עפעס א קיי געטאן און געפארן ווייטער, יענע, וועלכע זענען פארבייגעפארן אוונטצייט, האבן באקומען אוונטברויט און א געלעגער זיך אויסצורוען.

באדינט די געסט האבן רב בונעם און זיין פרוי אליין: דערלאנגט דאס עסן, געמאכט די געלעגערט. מלכה׳ס מנהג איז געווען צו שטעלן ביי אלע געלעגערס נעגלוואסער און בעת-מעשה נאך א מאל א טאפ טאן יעדעס געלעגער, צי ס׳וועט די אורחים זיין ווייך און באקוועם צו שלאפן.

מיין מוטער, עה"ש, האט מיר דערציילט, אז באלד נאך איר חתונה איז זי מיט מיין טאטן, עה"ש, געקומען צו גאסט קיין ראדאוויטש. האט גראד געטראפן, עס זענען אנגעקומען דעם אוונט א סך אורחים, און ס׳האבן אויסגעפעלט קישנס פאר אלע. האט מיין באבע מלכה אנגעקלאפט צו זיי אין שלאפצימער, זיך אנטשולדיקט, וואס זי שטערט זיי דעם שלאף, און געבעטן, זיי זאלן איר ארויסגעבן צוויי קישנס פאר די אורחים וועגן.

רב יהושע טשידשיק, א באלעבאס פון א איילפאבריק אין טריסק, האט מיך איין מאל פרייטיקצונאכטס צוגערופן צו זיין טיש אין בית-מדרש, ווו ער איז געזעסן און געלערנט:

-- מרדכי, קום אהער. כ׳וועל דיר עפעס דערציילן פון דיין באבע מלכה, אפשר וועסטו אויך גיין אין אירע וועגן. איך פלעג אפט דורכפארן פארביי ראדאוויטש. האב געפירט קערנער פאר מיין אליניצע. ווי אלע דורכרייזנדע, פלעג איך זיך דארט אפשטעלן, דאווענען, טרינקען א גלעזל ווארעמס, עפעס צובייסן. האט איין מאל געטראפן, איך בין דורכגעפארן ראדאוויטש ווינטער פארטאג. ס׳איז געווען א שטארקער פראסט און א גוטער שליטוועגס. איך האב געפירט א שליטן מיט אייל-סחורה. בין געווען שטארק דורכגעפרוירן און האב שטארק חשק געהאט זיך אפצושטעלן, ווי שטענדיק. כ׳האב אבער געוווסט, אז אויב איך וועל ארייננפירן דעם שליטן אין שטאל, וועל איך אים פון דארט נישט קאנען ארויספירן, ווייל איז שטאל אין דאך קיין שניי נישטא. לאזן ווידער שטיין דעם שליטן אויף דער גאס האב איך מורא געהאט, מע זאל נישט אראפגנבענען א זעקלסחורה. באין-ברירה בין איך געפארן ווייטער.

-- רב ייד ! רב ייד ! -- הער איך ווי מע שרייט מיר נאך. איך שטעל אפ די פערד, טו א דריי אויס דעם קאפ און דערזע - מלכה לויפט נאך א פארסאפעטע. צוגעקומען צום שליטן, טוט זי א געשריי: -- א, יהושע! דאס ביסטו?! ביסט ברוגז מיט אונדז? מיידסט אויס אונדזער שטוב?

-- חס-ושלום! -- ענטפער איך איר -- וואס האב איך צו זיין מיט אייך ברוגז, חלילה, און איך דערצייל איר, ווי די זאך איז.

-- אויב אזוי, -- רופט זיך אן דיין באבע -- איז דאך דא אן עצה. איכל ארויסשיקן מיינעם א פאראבאק, ער זאל היטן דעם שליטן, און דו גיי אריין אין שטוב. איך זע, דו ביסט געפרוירן.

איר עצה איז מיר געפעלן געווארן און בין אריינגעגאנגען אין שטוב. האב אפגעדאוונט, געטרונקען א פאר גלעזלעך הייסע ציקאריע, עפעס צוגעביסן און בין ארויסגעגאנגען צוריק צו מיין שליטן. ווי דערשטוינט בין איך געווארן, אז כ'האב דא געטראפן שטיין, אנשטאט א פאראבאק, דיין באבען אליין אן איינגעטוליעטע אין א פעלץ.

-- מלכה, וואס טוט איר דא? -- טו איך א פרעג.

-- איך היט דיין סחורה, -- ענטפערט זי.

-- היתכן?! איר האט דאך געזאגט, איר 'עט ארויסשיקן א פאראבאק צו היטן?

-- דעם פאראבאק אליין דארף מען אויך היטן. ער קאן אראפלקחנען א זעקל סחורה, -- האט זי גאנץ רויק געענטפערט.

-- אויב אזוי האב איך חרטה, וואס כ'האב אייך געפאלגט און אריינגעגאנגען צו אייך אין שטוב, -- האב איך געזאגט מיט פארדראס.

-- און איך האב דווקא נישט חרטה, -- האט זי געענטפערט מיט א גוטמוטיקן שמייכל און, זאגנדיק מיר א הארציקן "פאר געזונט", איז זי זיך אוועקגעגאנגען.

-- אט אזא איז געווען דיין באבע מלכה, -- האט אויסגעלאזט רב יהושע טשיזשיק און איבערגעמישט א בלאט אין דעם מדרש, וואס ער האט געלערנט.



סראליק שניידער

[redacted] (ראזנפעלד) [redacted]

א קליין יידל מיט א קליין בלאנד שפיציק בערדל. א שטילער מענטש. א כבד-פה -- שטאמלט ביים רעדן. ער איז געווען א שניידער, אבער נישט פון די געהויבענע. האט גענייט טאנדעטנע מלבושים. באלד אין דער פרי, נאכן דאווענען האט ער זיך געזעצט צו דער ארבעט מיט זיינע קינדער, און מ'האט אפגעארבעט ביז מנחה. דאס עסן האט מען ארייגעכאפט צווישן איין ארבעט און דער צווייטער. שבת ביינטאג פלעגט מען אים זען זיצן אין בית-מדרש מיט זיין חבר עוזר שניידער (איילבירט), און זיי האבן געלערנט צוזאמען חומש מיט רש"י. אויב זיי האבן עפעס נישט פארשטאנען, פלעגן זיי זיך נישט שעמען און צוגיין עמעצן פרעגן.

סראליק שניידער האט געהאט אן אייגענע דירה - א קליינשטעטלדיקע, נישט קיין גרויסע זי איז באשטאנען פון צוויי העלפטן, איבערגעטיילט מיט א קארידאר. יעדע העלפט האט געהאט צוויי צימערן. האט גענומען סראליק שניידער און פון א העלפט דירה געמאכט א הכנסת-אורחים. אלע פרעמדע היזער-גייער האבן געקריגן ביי אים א נאכט-געלעגער אויסצורוען זייער מידע ביינער.

צווישן אזעלכע לייט זענען געווינטלעך פאראן א סך אומריינע, ווייל זיי האבן נעבעך נישט קיין וועש איבערצובייטן, אויך אזעלכע קראנקע, וועלכע נעצן ביינאכט דאס געלעגער. ווו וואלטן אזעלכע מענטשן געקריגן אן ארט איבערצונעכטיקן? אבער ביי סראליק שניידער זענען דווקא זיי געווען אנגעלייגטע געסט. ער פלעגט זיי אליין מאכן די געלעגערס, באטאפן די שעניקס, צי סע וועט זיין ווייך צו שלאפן אויף זיי. נאך דעם פלעגט ער יעדן פון די געסט ווינטשן א גוטע נאכט, א קוש טאן די מזוזה און ארויסגיין פון צימער.

אין דער פרי פלעגט ער ארויסטראגן די נאסע שעניקעס און די אומריינע קאלדערעס אין דרויסן, אויפהענגען זיי אויפן פלויט פון זיין גארטן הינטער דער שטוב און זיך שטעלן קלייבן פון זיי און ווארפן אויף דרערד...

-- סראליק, דו מיאוסט זיך נישט עס צו טאן? -- פרעגט אים ווער, פארבייגייענדיק.

-- מיט וואס דען קאן איך העלפן די אומגליקלעכע מענטשן? -- ענטפערט אים סראליק. איך בין גליקלעך, וואס איך בין נישט אין זייער מצב, -- איז ער מוסיף און טוט ווייטער זיין הייליקע ארבעט - - -



רב שמואל לעדערװארגער
(פרישבערג)



ב שמואל איז געװען א ייד א תלמיד-חכם, פון אמאליקע קאצקער חסידים. זיין פאטריארכאליש אויסזען האט ארויסגערופן אכטונג צו אים אפילו ביי מענטשן, װאס האבן אים נישט געקענט.

רב שמואל איז שטענדיק געװען שטארק באשעפטיקט מיט זיין לעדער-קראם און קאפיטעס-פאבריק, אין װעלכע ער האט געהאט הצלחה. פונדעסטװעגן האט ער געפונען צייט אויך עוסק צו זיין אין צרכי-ציבור. איז אלע יארן געװען א גבאי אין בית-מדרש און האט אלץ פארזארגט, װאס ס'איז דארט נייטיק געװען.

איבערהויפט האט זיך רב שמואל אינטערעסירט מיט דער לאגע פון די ארעמע מענטשן: הענדלער, װאס עס פעלט זיי אויס א ביסל מזומנים צום האנדל, באלמעלאכעס, װאס עס פעלט זיי אויס עטלעכע רובל אויף צו קויפן א מאשין, יידן װעלכע דארפן חתונה מאכן א קינד און ס'פעלט אויס צום אויסשטייער און אזוי װייטער. אזעלכע יידן האבן געװוסט, אז מע דארף גיין צו רב שמואל פרעגן אן עצה.. און רב שמואל האט זיי שוין געגעבן די בעסטע עצה.

כדי צו העלפן אזעלכע מענטשן, האט רב שמואל אויסגעטיילט פון זיין אייגן געלט דריי הונדער רובל און געמאכט אן אייגענע גמילת-חסדים-קאסע. זי האט זיך אונטערגעשיידט פון אנדערע אזעלכע קאסעס מיט דעם, װאס ער האט נישט געפאדערט קיין זשיראנטן: װעט דען אן ארעמאן געפינען עמעצן, װאס זאל פאר אים גאראנטירן? רב שמואל האט געבארגט אלעמען אן שום שװעריקייטן.

איך דערמאן זיך: איך בין דעמלט אלט געװען א יאר דרייצן. איך האב געװאלט קויפן עפעס א ספר, אדער א ביכל. האב אבער נישט געװאלט, מע זאל אין שטוב װיסן דערפון. בין איך געגאנגען צו רב שמואלן און אים געבעטן, ער זאל מיר בארגן דריי רובל.

-- צו װאס דארפסטו דאס געלט? -- האט ער מיר געפרעגט.

איך האב אים געזאגט דעם אמת. האט ער מיר א קניפ געטאן אין באק און געגעבן די דריי רובל.

מיין שטיף-פאטער, הרב רב יהושע גלאזער, זצ"ל, האט אים א מאל געפרעגט:

-- רב שמואל, װי לאנג פירט איר שוין אייער גמילת-חסדים-קאסע?

-- דרייסיק יאר שוין, -- האט רב שמואל געענטפערט.

-- און װיפל געלט איז אייך פאר דער צייט פארפאלן געװארן? -- האט אים דער רב װייטער געפרעגט.

-- נישט מער װי זעכציק רובל, -- האט ער געענטפערט -- דאס מאכט אויס בערך פיר קאפעקעס א װאך. מיט פיר קאפעקעס א װאך האב איך געראטעװעט פיל צענטליקער ארעמע יידן, -- האט ער צוגעגעבן מיט א גוטמוטיקן שמייכל, א גלעט טוענדיק מיט דער האנט זיין פאטריארכאלע בארד.

איינער א טריסקער ייד

חביבה גמילות חסדים
יותר מן הצדקה.

(ירושלמי פאה רפ"א)

ר', זאנוועו מעלצער איז געווען א ייד א זקן, א גרויסער תלמיד-חכם. איך זיינע יונגע יארן איז רב זאנוועו געווען א מלמד. אויף דער עלטער איז ער באגליקט געווארן מיט א ירושה פון א רייכן קרוב - עטלעכע הונדערט רובל, א באדייטנדיקע סומע צו יענער צייט, איז ער געווארן אויס מלמד, האט זיך אליין דערנערט און נאך געהאלפן נויטבאדערפטיקע מענטשן.

אלע שווערע געמיטער איך שטעטל האבן געוווסט צו גייך צו רב זאנווען. ער האט אלעמען גרינגער געמאכט, וועמען מיט א גוטער עצה און וועמען מיט א גמילת-חסד.

רב זאנוועו פלעגט ליב האבן צו זאגן א גלייכווערטל.

-- ווייסט איר פאר וואס טאן א גמילת-חסד איז אזא גרויסע מצוה? - פלעגט ער זאגן -- ווייל די איז פון יענע מצוות, וואס "הקרן קימת לעולם הבא", דאס הייסט, עס קאן זיין, אז אויף ד ע ר וועלט וועט מען שוין דעם קרן נישט אנקוקן... און אז נישט געקוקט דערויף, העלפט איין ייד דעם צווייטן מיט א גמילת-חסד, איז דאך עס טאקע א גאר גרויסע מצוה.

* * *

מיין באבע מלכה די ראדאוויטשער, עה"ש, האט איין מאל, אין דעם לעצטן יאר פון איר לעבן, זיך צו מיר אנגערופן:

-- מיין קינד, קום וועל איך דיר דערציילן א זייער שיינע מעשה וועגן רב זאנווען, וועלכער איז געווען אונדזער פעטער.

-- זאלסט וויסן, מיין קינד, -- האט זי אנגעהויבן דערציילן - אז דיין זיידע בונעם, עה"ש, וועלכער איז געשטארבן אן עושר, איז אין די יונגער יארן נישט רייך געווען. ער האט אפילו איבערגעלעבט שווערע צייטן. זיין פרנסה איז דעמלט געווען האנדל. ער פלעגט ברענגען מיט דער פור פון לויצק זאלץ און הירזש קיין טריסק און עס פארקויפן די דארטיקע קרעמער. אויך פאר דעם קליינעם מסחר האט ער נישט גענוג געלט געהאט און פלעגט בארגןביים פעטער רב זאנווע.

איין מאל, דאס איז געווען אום ווינטער, האט דער זיידע געפירט זיין סחורה פון לויצק מיט שליטנס. איך מיטן וועג האט אנגעהויבן נאכלאזן דער פראסט, און דער שליטוועגס איז קאליע געווארן. ער האט זיך קוים דערשלעפט קיין קאוולע. ווייטער איז שוין נישט מעגלעך געווען צו פארן. האט ער געדונגען אין קאוולע א

שפייכלער, אפגעלייגט אין אים די סחורה און איז געפארן אהיים קיין טריסק אויף שבת, מיט דער דעה, אז זונטיק וועט ער דינגען פורן און פארן קיין קאוולע ברענגען די סחורה.

זונטיק אין דער פרי, ווען דער זיידע איז געגאנגען דינגען די פורן, האט ער באמערקט, אז עפעס קוקן אים מענטשן נאך און סודען זיך. די זאך איז אים געווען זייער חידושלעך. האט ער גענומען זיך נאכפרעגן, וואס ס'איז געשען. ביז ענדלעך האט מען אים אויסגעזאגט, אז פרייטיק-צו-נאכטס האט זיך אין קאוולע געמאכט א שרפה, דער שפייכלער ווו ס'איז געלעגן זיין סחורה איז אפגעברענט געווארן, און די סחורה איז אוועק מיטן רויך.

-- שלעכט! ביטער! -- האט ער אויסגעשריגן אין פארצווייפלונג - איך האב דערהרגעט א מענטשן! ממש דערהרגעט! וואס טוט מען? וואס טוט מען? מילא, מיין ביסל אייגן געלט... אבער דעם פעטער רב זאנוועס... ער האט דאך מיר געגעבן דאס לעצטע. וואס וועט ער נעבעך טאן? אן אלטער, קראנקער ייד... איך בין דאך זיין מלאך-המות!

מחמת גרויס עגמת-נפש האט דער זיידע אויפגעהערט עסן. גאנצע נעכט איז ער נישט געשלאפן און גערעדט צו זיך אליין: "פעטער רב זאנווע... רב זאנווע... אוי, רב זאנווע... וואס בין איך שולדיק, רב זאנווע...

-- איך האב זיך געשראקן, -- האט די באבע ווייטער דערציילט -- ער זאל, חלילה, פון זינען נישט אראפ.

ער האט מורא געהאט צו גיין אין גאס, טאמער באגעגנט ער רב זאנווען. ער האט געוווסט, אז רב זאנווע דאווענט אין בית-מדרש זעקס א זייגער אין דער פרי, פלעגט ער גיין דאווענען אכט א זייגער און נאך עפטערער דאווענען אין שטוב.

מאכט זיך איין מאל, אז רב זאנווע האט זיך פארשפעטיקט מיטן דאווענען אין בית-מדרש, און ווען דער זיידע איז אהין אריינגעקומען אכט א זייגער, האט ער זיך מיט אים באגעגנט ווען ער איז ארויסגעגאנגען.

-- אה, בונעם! וואס מאכסטו? פאר וואס זעט מען דיך נישט? -- האט אים רב זאנווע געפרעגט מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל, אויסשטרעקנדיק אים די האנט.

דער זיידע האט א ציטער געטאן פון איבערראשונג. אנשטאט אים צו ענטפערן, האט ער גענומען וויינען.

-- בונעם, וואס וויינסטו?

נאך א גרויסער אנשטרענגונג האט אים דער זיידע געענטפערט:

-- איך קום דאך דעם פעטער געלט, -- און די טרערן האבן זיך ווייטער געגאסן.

-- אזוי גאר, -- זאגט רב זאנווע מיט זיין גוטן שמייכל, וואס דער זיידע דערזעט אים נישט -- דו קומסט דעם פעטער געלט, ווילסטו אים באצאלן מיט טרערן?

פון די לעצטע ווערטער האט זיך דער זיידע אין גאנצן פארלוירן. א פארצווייפלטער האט ער געשריגן מיט געוויין:

-- פעטער! וואס זאל איך טון? ס'האט מיך אן אומגליק געטראפן!

-- אט! -- זאגט רב זאנווע, ארויפלייגנדיק א האנט אויפן זיידנס אקסל -- ערשט הער איך שוין פארשטענדלעכע ווערטער. דו פרעגסט דעם פעטער, וואס דו זאלסט טון. דאס איז גאנץ נאטירלעך. אזוי דארף טאקע צו זיין. ווען א ייד געפינט זיך אין א צרה, דארף ער פרעגן ביי א צווייטן יידן, וואס צו טון. יידן זענען בני-רחמנים, און איינער העלפט דעם צווייטן. הממ... אבער זאג מיר, בונעם, פאר וואס ביסטו פריער נישט געקומען צום פעטער פרעגן, וואס צו טון? געווארט ביז מירן זיך צופעליק באגעגענען?

-- קום מיט מיר צו מיר אהיים, -- האט אים רב זאנווע גענומען אונטערן ארעם -- וועל איך דיר זאגן, וואס דו האסט צו טון.

אויפן וועג האט ער אים בארויקט:

-- דו דארפסט נישט זיין געפאלן ביי זיך, בונעם. איך ווייס, אז דו האסט דאס געלט נישט פארשפילט אין קארטן. איך האב דיר געליגן געלט זאלסט האנדלען, און דו האסט ערלעך געהאנדלט. און אז ס'איז געשען אן אומגליק, זענען מיר ביידע נישט שולדיק. דער עיקר, זאלסט נישט אנווערן דעם מוט און דעם בטחון אין דעם בורא-עולם.

אזוי רעדנדיק, איז רב זאנווע צוגעקומען מיט אים צו זיין שטוב. ער האט דעם זיידן אריינגעפירט אינעווייניק. האט אויפגעשלאסן א טישקעסטל, ארויסגענומען א פעקל געלט און געזאגט:

-- דא האסטו, בונעם, צוויי הונדערט רובל... געוויס ווייסטו, אז א ייד איז מחויב איבערצולאזן א געוויסן טייל פון זיין פארמעגן אין מזומן, אז אויב ס'וועט זיך טרעפן עפעס אויסערגעוויינלעכס און ער וועט זיך נייטיקן אין געלט, זאל ער עס האבן גרייט צו דער רגע. איך האלט, אז דער אומגליק, וואס האט דיך געטראפן, איז דאס דער אויסערגעוויינלעכער פאל, און איך מעג דאס געלט פארנוצן, כאטש דאס איז ביי מיר דאס לעצטע... איך גיב עס דיר צוזאמען מיט א ברכה, זאלסט דערמיט מצליח זיין. איך האף, אז דו וועסט מיטן אייבערשטנס הילף פארדינען פאר זיך און אויך אויף צו סילוקן דיינע חובות...

-- דער זיידע האט ווייטער געהאנדלט, -- האט די באבע מלכה אויסגעלאזט די מעשה -- איז רי־ך געווארן און ביי יעדער געלעגנהייט דערציילט, ווי דער פעטער זאנווע איז ויך מיט אים באגאנגען. האב איך עס דיר דערציילט, מרדכילע, און בעט דיך, אויך דו זאלסט עס דערציילן דיינע קינדער, כדי זיי זאלן וויסן ווי וויכטיק סע איז צו טאן א יידן א טובה און אפלערנען, ווי מע קאן ראטעווען א מענטשן מיט א גמילת-חסד.

אמא סוסל

ברוך מנדלסון

אוי, ולירושלים עירך ברחמים תשוב ותשכון בתוכה כאשר דברת...

זה קולה של אמא. היא מתפללת תפילת שחרית במטבח תוך כדי בחישה בסירים שעל הכירים. אמא הרי יודעת את כל התפילות בעל-פה, כזקן ורגיל. קולה ערב ומתנגן ומתמזג כאילו עם ריחות התבשילים המעוררים תיאבון. תפילתה נשמעת היטב בין שהיא מתפללת בלחש, בין שהיא מרימה קולה בשירה והתלהבות.

שמואליק, אחד משבעת בניה, גמר זה עכשיו את התפילה והריהו מסיר את של ראש ושל יד. עומד הוא בחדר הגדול, מסדר את התפילין בשקיק הקטיפה הכחולה, הרקומה ומקשיב לתפילת אמא. אמא היתה יכולה לשמש בודאי גם חזן בבית-הכנסת לו ניתן לה הדבר או, להבדיל, זמרת על הבמה חס ושלום.. אלא שהיא מוצאת בודאי את סיפוקה כ"זאגערן" בעזרת-הנשים. רגע הוא מעיף עין על כינורו שעל הקיר. מה מאוד היה רוצה ללוות את תפילתה בצלילי כינורו, אך שאלהים ישמור אותו ממחשבתו זו... ואף-על-פי-כן הוא מנסה להתלוצץ קצת:

-- אמא, את שומעת? תפילתך עולה דרך הארובה, יחד עם ריחות התבשילים, הישר השמימה... כמו תפילת הכהן הגדול בהקריבו הקרבנות... לבי סמוך ובטוח שתפילתך תירצה, אמן כן יהי רצון... וביקש עוד להוסיף: ראי-אמא, אני קיצרתי בתפילתי בתקווה שאת תתפללי גם למעני... אלא שנמלך וחנק משפט זה בקרבו. במילא אין אמא סומכת על תפילת בניה, ותמיד היא ממלאת בתפילותיה את החסר... בדברים כגון אלה אין סומכין על נסים.

אמא סוסל אינה עונה. לעולם אינה מפסיקה בתפילתה גם לא ב"או, נו" כמו אבא. מלבד זה אינה פנויה לשיחה בטלה, כשהיום קצר והמלאכה כה מרובה. שבעה ילדים בלי-עין-הרע בבית ומלבד זה, הבוקר עובר עוד מעט וטרם עשתה מעשה צדקה היום, וגם בעלה מחכה לה בעסק שלהם. המלאכה מרובה. אביה הרב ר' יצחק קרמנר, זכרונו לברכה, בודאי היה מתיסר לו ראה אותה בקלקלתה... השמש עוד מעט בלב שמים והיא טרם עשתה מעשה צדקה היום. רק כמה עשרות משפחות מנתה הקהילה שלו, ואף-על-פי-כן היה מוכן להסתכן עבורה סכנת נפשות, ולמען קיום מצוות ועשיית צדקה, כמובן. והיא זוכרת את המקרה אשר גרם לפטירתו, כיצד התקלקל הכבשן בבית המרחץ ולא פעל, וכן גם המקווה, וכיצד חצב בנו הבכור, אריה, בקרח העבה שבאגם בכדי שאביו יוכל לקיים מצוות טבילה לכבוד שבת, כשהוא מפזז אלומת קש מסביב ואבא מתעטף בפרוותו על גופו העירום ובאנפילאותיו. אמנם לא היה זה מקרה ראשון של טבילה שכזאת, אלא שהפעם הכריעוהו הרוח והכפור העז ופגעובריאותיו, והוא קיפח את חייו... ניערה עצמה ממחשבותיה הנוגות, כיבתה למחצה את האש בכירים, מילאה את הסל - מכשיר העזר שלה לצדקת יומה, ומיהרה החוצה... כשכל כך הרבה מחכים לה שם ועל כולם - בעלה, שהוא כה זקוק לעזרתה. רק אז הוריד שמואליק את כינורו מעל הקיר והוא דימה בנפשו ללוות בו תפילותיה של אמא...

אמא, איך תוכלי ללכת בסערה שכזאת, אפילו כלב לא מוציא את אפו החוצה, הן תחלי חס-ושלום, הן יודעת את מה פירושה של התקררות עזה...

זו חיה'לה, בתה היחידה, שבלית-ברירה עזרה לאמא לשים את החלות והעוגות, הדגים הממולאים וכדומה מטעמי שבת, בתוך שני הסלים הגדולים. "אמא, אולי באמת לא תלכי הפעם?"

– מה את סחה, בתי – והיא מחבקת ומנשקת את בתה – כלום אפשר אחרת? הרי ערב שבת היום. הרי אנשים שם מחכים לי בכליון עינים. הרי יהיו שרויים חלילה בלי לחם לשבת, – והיא הגביהה עיניה וידיה למעלה. "ריבונו-של-עולם, תפילתי שמע ואל תצריכנו למתנת בשר-ודם. יהיו מזונותינו מרים וכזית – ומידך בלבד. "וכי מה הוא, בתי, עולם זה אם לא פרוזדור לעבור בו?" – נזכרה במות אביה, ויצאה חיש מהר למלא שליחותה.



בבית חיכו לשובה בדאגה. הבת הכינה מים חמים, שאמא תרחץ בבואה. התנור הוסק ובבית היה חם. ואכן, אמא חזרה כשהיא מעלימה מעיני בני-ביתה את העייפות והקור שאחזוה. כבר מחשיך. היא מיהרה להתרחץ, החליפה שמלות ברכה על הנרות ומיהרה עם בעלה לבית הכנסת, לתפילת לכו נרננה ולכה דודי. הריהי ה"זאגערן" בבית הכנסת ובלעדיה עלולה חס-ושלום עזרת הנשים להתרוקן לגמרי כשסופת שלג כזו משתוללת בחוץ.

גמול לכל ימות השבוע וליום ששי המפרך בא לאמא סוסל יום השבת כמתנה משמים. יום זה הוא יום שכולו מנוחה וקדושה. בבוקר, מיד לאחר שתיית העולש בחלב שהוכן ביום ששי מעל הכבשן הלוהט וכוסה היטב שלא יפוג חומו, הלכה אמא סוסל עם כל בני ביתה לבית הכנסת. היא לבשה שמלת שבת ומעיל שבת חם ומתחת לצעיף החם, על ראשה גזוז-השערות – את הפיאה הנכרית שלה. גם הסערה שככה בחוץ, ושמש החורף זורחת עד בוהק על השלג הלבן. בודאי לכבודה, כאילו גם היום שבת-שירה. ביום יפה שכזה בודאי תהיה עזרת הנשים מלאה נשים. נשים יהודיות צנועות וכשרות, וילדים... החמין היה מוצלח ביותר. גונו חום-כהה והאדים שעלו מהצלחות גירו את החך והתיאבון. "גוון שכזה מעיד על הצלחה גדולה, אמא" – הבן הבכור משה. "לבטח נתקבלו תפילותיך" – הבן שמאי. "וכי מה, כלום אנחנו עזרנו? המלאך הוא שעזר!" כך שלמה'לה. עד שנזף בהם אבא, ולא ידעת אם באחוק אם ברצינות "ולמה זה, ילדים, תקניטו את אמא, כלום לא טרחה די למענכם?" ואמא: "אל נא, בעלי, הרי שבת היום, יום מנוחה ושמחה. אינני מוקנטת כלל וכלל. ולו באמת תורצינה תפילותי לפני הבורא, אמן, כן יהי רצון".

שלמה'לה מהנהן: הוא לצידם של אבא ואמא. ואבא, ר' חיים – חיוך רחב של שביעות רצון משתפך על פניו.

יום מלא תוכן היה היום: שינה בשבת תענוג, ברכי נפשי, כמה פרקי תהלים לקינוח, שלוש סעודות, המבדיל – שמיד לאחריו נגינת הבן עלי-כינורו, והמיחם הגדול והרותח על השולחן... וכי מי הוא שאמר, שלא טוב להיות יהודי?

מוצאי-שבת הוא הערב היחיד בשבוע שאין אמא סוסל עייפה יתר-על-המידה, ומרובות לפיכך השוחרות על פתח ביתה, למען תכתוב להן, בכתב ידה היפה, לבעליהן שבארץ הזהב, ולסתם קרובים שם, למען לא ישכחו, כי קשה כאן פרנסה כקריעת ים-סוף. אוי, היא קשה... "תכתבי להם, ר' סוסל, שהחורף קשה – ואין עצים להסקה, והילדים יחפים".

"וכי מה פתאום ר' סוסל", נעלבה סוסל, "כלום רב אנכי, או שמא גבר? ואני - אינני אלא אשה, ברוך שעשני אשה". "לא זה, ר' סוסל, ראשית בעד מעשיך הטובים, ושנית - הרב שלנו, שיחיה, הרי איננו מדבר עם נשים כלל - ואת, כאילו אמא את לכלנו. כאילו..." וסוסל שמה אצבע לפיה: "מלה בסלע ושתיקה בתרי". כלומר... ולאחר שפירשה את האימרה, שמה את העט והקסת על השולחן ונגשה לעבודה. היא לא שאלה יותר. היא כתבה חיש מהר. הרי עוד אשה מחכה, ועוד אחת... הרי היא יודעת את שמות הקרובים מכירה את כלם. ולא עברה כמחצית השעה והמכתב כתוב ארבעה דפים, חמשה דפים. אף את הכתובת על המעטפה בשפת לע"ז כתבה. רק את הבול להדביק. והיא קוראה לאשה את המכתב, והאשה יושבת פעורת-פה ומשתוממת: "וכי איך הצלחת, ר' סוסל, לכתוב כל כך מהר וכל כך הרבה, והעיקר - הכל, הכל. עוד יותר מאשר אני יודעת בעצמי..." וסוסל מחייכת "כלום אינני יודעת את צרותיך ומחסורך. אני, כלום מאמריקה אני באה, או מה? ואם ירצה השם ותקבלי משהו מהם - שובי אלי, ונודה להם על טוב-לבם"...

האשה יוצאת כשהיא מאמצת את המכתב אל לבה ודמעות בעיניה. הה, לו לא היתה מתביישת, היתה נופלת על צוארה של סוסל ומנשקה בבכי-תמרורים...

"שבוע טוב, שבוע טוב, פסל" - מעודדת אותה סוסל. עכשיו את שרה-לאה. הנה שבי כאן, טעמי מאלה, רק אמזוג לך עוד כוס תה... אכלי גם את, פייגה'לי



ממסיבות חתונה האחרונות לפני הכבוש הרוסי ולפני השואה. חתונתם של טובה, בת רבקה ושמעון פרישברג ושמואלקי בן חיים וסוסיה מנדלסון.

רב זלמן באלעבאס

ש. קייזער

רב זלמן איז אלע יארן געווען א שניידער פון גוישע פעלצן. דאס זעלבע זיינע דריי זין, צוויי איידעמס און די אייניקלעך. אלע זענען געווען פעלצן-מאכער. און כאטש אינעם חסידישן שטעטל זענען שניידער און שוסטער נישט געווען פון די גאר גרויסע יחסנים, האט מען זיך אבער צו זלמן באלעבאס באצויגן גאר אנדערש. אים האט מען אריינגערעכנט אינעם באלעבאטישן קלאס און צוליב אים האט מען אויף זיין גאנצער משפחה געקוקט אנדערש ווי אויף געוויינלעכע שניידערס.

רב זלמן האט געוווסט, אז מע האט פאר אים דרך-ארץ, אז מע האלט אים פאר א בכבודיקן יידן. ער האט עס אפגעשאצט און געזוכט דעם כבוד אפצוהיטן. און איבערלאזן א שיינעם נאמען. ער האט די קינדער דערפאר לייטיש דערצויגן. האט זיי געלערנט ווי צו זיין שטילע, ערלעכע באלמעלאכעס. איז געווען שטרענג צו די קינדער זיינע, און זיי האבן געמוזט אויפפירן זיך ווי ער האט געוואלט. האט זיך געמישט אין זייערע ענינים, געזאגט א דעה און באפוילן אכטונג געבן אויף די ווייבער, זיי זאלן אפהיטן די יידישע דינים, ווי ערלעכע יידישע טעכטער דארפן אפהיטן.

ער האט זיינע קינדער נישט געלאזט חברן זיך מיט אנדערע שניידער-יונגען, וואס זענען גראב, צעלאזן און הפקרדיק. האט אכטונג געגעבן, זיינע זין און איידעמס זאלן פרייטיק גיין אין מרחץ, אוועקלייגן די ארבעט צו דער צייט, גיין פאר פרי דאווגען, און שבת ביי טאג נאך דער סעודה נישט ארומשלעפן זיך אין גאס און אריינקוקן דורך די פענצטער אין פרעמדע שטיבער, אדער זיך ארומשלעפן ארום די פארמאכטע קליימן מיט קערלעך אין די קעשעניעס און רעדן גראבע רייד, אדער לאכן אויף א קול.

ער האט ליב געהאט אז שבת נאכן עסן זאל מען זיך גאר צולייגן א ביסל שלאפן, הנאה האבן פון עונג-שבת, דערנאך טרינקען טיי פון די הייסע פלעשער, וואס זענען געליגן אויפן ווארעמען פיעקעלעך איינגעדעקט מיט אלטע קאלדרעס, און נאך דער טיי לערנען פרק. און אויב ס׳איז געווען א מגיד אין שטאט, האבן זיינע זין געמוזט, צוגלייך מיט אים, גיין הערן ווי דער מגיד שטראפט די וואס ווילן נישט גיין אין גאטס וועגן — ווי ער רופט זיי אן אפקערער און אפשפעטער — אויף וועלכע עסווארט א צארנדיקער יום-הדין.

רב זלמן פלעגט אריינפאלן אין גרויס באגייסטערונג, ווען דער מגיד פלעגט אויף א שיין קול ארויסזינגען זיינע משלים און האט וואונדערבארע רייד גערעדט. זיי זענען געווען א באלזאם צו זיין הארצן. דער מגיד האט מיט געוויין אין קול פארגליכן דעם עולם צו פארבלאנדזשעטע שעפעלעך אן א פאסטעך, פארבלאנדזשעט אויף פרעמדע פעלדער, אויף פרעמדער פאשע... דעמלט האט דער אלטער רב זלמן געוויינט. די טרערן פלעגן אים רינען אויפן פנים און דער באָרד. ער האט געפילט ווי דאס הארץ זיינס צאפלט זיך און ווערט ברייטער. ער ווערט אין גאנצן

אנגעפילט מיט נייע כוחות, מיט א גרייטקייט צו טאן נאר גוטע זאכן. ער איז גרייט געווען צו טאן תשובה פאר זיך, פאר זיין משפחה און פאר אלע יידן...

דערנאך איז רב זלמן ארייננעפאלן אין א שטילקייט. האט זיך פארטיפט אין מגידסקלוגע רייד, זיך ארייננעלאזט אין אלערליי מחשבות, ביז ס'איז צייט געווען צו דאווענען מנחה. און ווען ס'האט אנגעהויבן צו טונקלען, האט איינער פון זיינע זין געבראכט די צוויי הערינג מיט דער חלה, וואס זיין אלטיטשקע פלעגט יעדן פרייטיק אפבאקן. דאס איז געווען זיין חלק צום שלש-סעודות, וואס יידן האבן געפראוועט בשותפות אין דער פינצטער, אין א ווינקל פון בית-המדרש.

ער האט זייער שיין געלעבט, רב זלמן. אבער זיין טויט איז געווען נאך שענער. ער האט ארויסגערופן א יראת-הכבוד. אין שטעטל און איז די ארומיקע שטעטלעך האט מען נישט אויפגעהערט צו רעדן פון זיין אויסטערלישן טויט. מ'האט גערעדט פון אים, ווי פון א גרויסן צדיק... מ'האט זיך גארנישט געקאנט אפחידושן פון דעם געשעעניש. דאס האט נישט נאר רב זלמנס משפחה חשובער געמאכט, נאר באשיינט אלע באלמעלאכעס מיט ווירדע און כבוד.

רב זלמן האט ממש געוווסט די מינוט ווען ער וועט שטארבן. און יארן לאנג האט מען נישט אויפגעהערט צו דערציילן זיך דעם ווונדער פון רב ולמנס טויט. ס'איז געגאנגען פון מויל צו מויל, איבער שטעט און שטעטלעך, ביז ס'איז אריבער דעם ים קיין ניו-יארק, אט ווי אזוי די מעשה ווערט דערציילט:

איין מאל, א פרייטיק פאר נאכט, איז רב זלמן, ווי תמיד, געקומען פאר פרי אין בית-המדרש און האט צו אלץ זיך צוגעקוקט און באטראכט: צי די האנטפאס איז פול מיט וואסער און צי אלע לייכטער זענען ריין לכבוד שבת. דערנעך האט ער זיך אוועקגעזעצט ווארטן אויפן עולם. אין גראבן כל-בו-סידור, וואס איז געלעגן פאר אים אפן, האט ער יענעם ערב-שבת נישט ארייננעקוקט. האט די אויגן גאר געהאלטן אנגעשטרענגט אויף דער טיר און ארויסגעווייזן אומרויקייט, ווי ער וואלט נישט קאנען זיך דערווארטן אויף עמעצן. און ווען דער גבאי, רב משה, איז ארייננעקומען און האט זיך געלאזט צון אים מיטן גוטשבת, איז רב זלמן אים אנטקעגן געגאנגען מיט דער פושקע טאביק אין האנט און האט פרייענטלעך א זאג געטאן:

-- גוט, וואס ביסט שוין דא. כ'וויל מיט דיר עפעס רעדן. (רב זלמן האט אלעמען געזאגט דו).

-- וואס ווילט איר זאגן עפעס גוטס, רב ולמן?

-- איך וועל מארגן, אם ירצה השם, האבן אן "עליה". -- האט רב זלמן אים שטיל געזאגט, ווי עס וואלט געווען א סוד.

-- מהיכא-תיתי. -- האט רב משה גבאי געענפטערט און זיך געחידושט, פאר וואס רב זלמן דארף זיך גאר סודען וועגן דעם.

-- דו פארשטייסט, משה, איך וויל האבן א שיינע עליה...און איך וויל "שישי". דו הערסט, משה? "שישי" וויל איך.

דער גבאי איז געבליבן שטיין א ווײלע און האט נישט געוווסט וואס צו זאגן. דערנאך האט ער זיך אפגערופן:

-- וואס עפעס גראדע מארגן, רב זלמן? און פאר וואס דווקא "שישי"? ביי אייך איז דאך די גאנצע תורה הייליק. איר האט דאך קיין מאל נישט געבעטן "שישי"? חוץ דעם ווייסט איר דאך אוודאי, אז מארגן איז דא א חתן אויפצורופן, און מחותנים זענען פאראן. לייגט עס אפ אויף אן אנדער שבת.

-- ניין ! -- האט רב זלמן געענטפערט פעסט. -- איך קען נישט אפלייגן. די מחותנים קענען אפלייגן -- נישט איך... די מחותנים קענען ווארטן אויף אן אנדער שבת.

דער גבאי האט מער גארנישט געפרעגט. דעם אלטנס באפעלערישער פארלאנג האט אים געצוווונגען נאכצוגעבן.

רב זלמן האט זיך מיט פרייד אוועקגעזעצט אויף זיין "שטאט", מיט הנאה אריינגעצויגן א שמעק טאביק און זיך גענומען גרייטן מקבל-שבת זיין.

שבת אין דער פרי האט ער נאך א מאל דערמאנט דעם גבאי נישט צו פארגעסן די צוגעזאגטע עליה. און ווען דער עולם האט שפעטער דערהערט ווי מע רופט אויף צו "שישי" רב זלמנען, האט מען זיך איבערגעקוקט און געקוועטשט מיט די פלייצעס.

געקומען אהיים פון דאוונען, האט ער באלד נאכן "גוט-שבת" א פרעג געטאן זיין ווייב:

-- זאג נאר, זעלדע, האסט היינט עפעס א גוטן קוגל?

-- וואס איז דאס פאר א שאלה? ווען איז נישטא קיין גוטער קוגל? סיידן, ווען עס ווערט א מאל פארברענט דער טשאלנט.

-- נו, גוט, גוט. גיי, זיי מוחל, רוף צוזאמען די קינדער אויף קידוש.

די אלטע זעלדע האט זיך געפוילט צו פרעגן, וואס איז עס פאר א יום-טוב אין מיטן דערינען, וואס ער וויל די קינדער אויף קידוש. זי האט זיך ארויסגעכאפט צו די פאר שטיבער, נישט ווייט, און זיי אלעמען צוזאמענגערופן.

דאס נישט איבעריק גרויסע חדר איז פול געווארן מיט זין, איידעמס און אייניקלעך. מיט זיי האבן זיך שוין אויף טשיקאווע מיטגעשלעפט די ווייבער. מ'האט קידוש געמאכט איבערן ראזשינקעס-וויין. די אלטע האט אויפגעריסן דאס טשאלנט-ברעטל, צעשניטן דעם קארטאפליע-קוגל. אלע האבן פארביסן און געלויבט די מאמע פארן גוטן געשמאקן טעם, און קיינער האט נישט געפרעגט ביים טאטן די סיבה פון אט דער אומגעריכטער צונויפקומעניש.

דערנאך האט זיי דער אלטער אנגעזאגט צוקומען צוריק נאכן שבתדיקן שלאף. אויף דער גאס האבן די קינדער געפרוווט טרעפן פאר וואס דער פאטער האט זיי געבעטן אויף קידוש און וויל זיי זאלן קומען שפעטער נאך א מאל.

איינע פון די שנורן האט אפילו געטראכט, אז דער שווער... א זקן... -- זי האט אבער נישט געוואלט דאס ווארט ארויסזאגן.

אז דער אלטע רב זלמן איז אויפגעשטאנען פון שבחדיקן שלאף, האט ער געטרונקען טיי און געזאגט פרק. דערווייל זענען די זין מיט די איידעמס זיך ווידער צוזאמענגעקומען. און ווען די זון האט זיך גערוקט צו מעריב-זייט, האט מען אנגעהויבן דאווענען מנחה. דערנאך האבן זיך די מאנסלייט געזעצט צום טיש. די אלטע האט דערלאנגט הערינג מיט חלה. רב זלמן האט זיך געאיילט מיטן שלוש-סעודות. אלע ווײַלע געקוקט דורכן פענצטער, צי מע זעט שוין שטערן אין הימל. מיט א מאל האט ער באפוילן דערלאנגען מים-אחרונים.

-- סע ווערט שפעט ! קינדער, לאמיר בענטשן, -- האט ער געזאגט.

אלע זענען געזעסן שטיל. אין שטוב איז שוין געווען גוט טונקל. רב זלמן האט געזאגט די ווערטער אין דער הויך. נאכן בענטשן האט ער אויסגעטאן דעם גארטל מיט דער קאפאטע און אנגעהויבן זיך געזעגענען מיט די קינדער. יעדן איינעם עפעס געזאגט. א שרעק איז אלעמען באפאלן. מ'האט אנגעהויבן פרעגן:

-- טאטע, וואס עפעס געזעגענען? ווהין גייסטו?

די אלטע האט אויס שרעק אנגעהויבן ברעכן די הענט און וויינען. ס'האט אין דער פינצטער אנגעיאגט א מורא אויף די טעכטער און שנורן, און אלע האבן זיך צעכליפעט.

-- שפעט, שפעט, קינדער. האלט מיך נישט אויף. -- האט ער געזאגט און זיך אוועקגעלייגט אין בעט.

רב זלמן האט אנגעהויבן שעפטשען אין דער שטיל און איז איינגעשלאפן אויף אייביק.

ר. ל. מאספאניס

טרייטעלעכע די מלמדקע

ע האט זי אזוי געררופן, מסתם, ווייל זי איז געווען די פלוניתטע פון טרייטל מלמד -- א ייד א גרויסער אביון, נאר אן אדורכגעווייקטער מיט עשירות פון פרומקייט. ער איז, משמעות, געווען, כאטש א טריסקער, א הייסער טריסקער חסיד, ווייל שבת פלעגט ער דאווענען אין רבינס בית-מדרש, ווו מע זאל אים אויפרופן צו דער תורה האט ער זעלטן זוכה געווען. דא דאווענען גרעסערע יחסנים פון אים. ער האט געמוזט לאנג ווארטן דערויף, אזש ביז דער סדרה פון דער "תוכחה". אבער ער האט זיך דא געווארפן אין די אויגן מיט זיין סאמעטענער געלער יארמעלקע, די איינציקע יארמעלקע פון אזא קאליר; צי זי איז געמאכט געווארן פון א געלן סאמעט, צי אזוי געווארן פון אלטקייט, דאס האט געוווסט נאר איר באלעבאס אליין. ער פלעגט אוועקגיין דער לעצטער פון בית-מדרש - נישקשה, די פלוניתטע מיטן קוגל מעגן אונטערווארטן. דערפאר אין דער וואכן פלעגט ער זיין דער ערשטער מתפלל אין גרויסן שטאטישן בית-מדרש, ווו ער פלעגט שטיין ביי דער מערב-וואנט אין ווינקל ביי דעם צעעפנטן ספרים-אלמער, וואס האט אים ווי איינגעטוליעט מיט זיינע טירלעך. דא פלעגט ער אוועקגיין דער ערשטער פונעם מנין - די קינדער ווארטן דארט אין חדר.

אבער אין שפעטערע יארן, משמעות, נאך איר מאנס טויט, האט טרייטעלעכע די מלמדקע זיך פארדינט אויפן דאזיקן ביינאמען שוין אין איר אייגענעם זכות: זי איז אליין געווארן א מלמדקע. איך ווייס נישט, צי האט זי טאקע געפירט א חדר, ווי אן אמתער מלמד, אבער בלויז גיין איבער די הייזער קנעלן מיט מיידלעך; זי זאל קנעלן מיט יינגלעך, מאנצבלען, שיקט זיך דאך נישט - אן אישה איז אן אישה. איי, פאר וואס האט יאנקל "שרייבער", א מאנצבל, יא געמעגט לערנען מיט מיידלעך? דערויף איז ער דאך א "שרייבער", און מע האלט טאקע נישט פון אים...

ווי טרייטעלעכע די מלמדקע קנעלט האב איך מיט מיינע אייגענע אויגן געזען: זי פלעגט קומען צו אונדז אין קיך קנעלן מיט אונדזער דארפיש דינסטמיידל, מארגוליע. אריינגעקומען, א קליין געשטאלט אין א דיקער טונקעלער שאל, מיט א דיקן סידור אונטערן ארעם, פלעגט זי זיך גלייך זעצן צום טיש מיט דער תלמידה, וואס איז געווען אזוי גרויס ווי זי, אויפמישן די פארפעצטע, פארגעלט-פארשווארצטע בלעטער ביי "מה טובו" מיט די גרויסע אותיות, אנשטעלן דאס פישביינענע טייטל אויף דער ערשטער שורה, פון וועלכער זיי זענען ווייט נישט פארפארן.

קיין גרויס נחת האבן זיי, די שטאטישע מלמדקע מיט דער דארפישער תלמידה מיטן פארשטאפטן קאפ, זיך קעגנזייטיק נישט פארשאפט. די אותיות - ווי אותיות, נאר אז סע פלעגט קומען צום טראף, האט דער תלמידה נישט געהאלפן, נעבעך, דאס קנייטשן דעם שמאלן שטערן און דאס פינטלען מיט די ברעמען - מער ווי א שטאמלעניש פלעגט זיך פון אירע פארטריקנטע ליפן נישט ארויסבאקומען. ווען איך פלעג זיך, ווי א טשעקאווע קינד, צו דעם צוקוקן, פלעג איך איבערלעבן דאס געפיל פון צער-בעלי-חיים, א שטומע צונג נעבעך. ס'א רחמנות געווען אויף זיי ביידע.

וויפל גראשן טרייטעלעכע די מלמדקע פלעגט באקומען פאר די דאזיקע קידוש-השם שיעורים, ווייס איך נישט. איך בין אבער זיכער, אז עולם-הבא האט זי זיך יא פארדינט. א זא געדולד ווי זי האט געהאט צו אונפעיקע קינדער האב איך מער איך מייך גאנץ לעבן ניט געזעען.



זלמן פורן

ר' נחמיה באר

ספטמבר 1939. מלחמת-הדמים הגדולה פרצה. המונים-המונים זרמו פליטים מזרחה וגם עד קובל הגיעו. כל צבעי-הקשת של יהדות-פולין "מקשטים" את חוצות-העיר.

הראשון שהבחין בזוועה זו של בני-אדם עקורים ומורדפים כחיות-השדה היה רב נחמיה באר הי"ד, בנו של ר' פריים שוחט.

הוא מניח את עסקיו הצידה, מה לו אשה ומה לו ילדים. בהתלהבות גדולה ניגש הוא לארגן מפעלי-סיוע להמוני הפליטים. הוא מחרים את בנין ה"תלמוד-תורה", מתקין בו בית-תמחוי, אוגר חמרי-מזון מן הגורן ומן היקב -- מבעלי-היכולת, מהעיריה וגם מהתושבים הכוצרים.

היהודים המכובדים שלנו עם המרא-דאתרא ר' נחום משה'לה בראשם מרעישים עולמות: היתכן? הנשמע כדבר הזה? מטבח לא כשר! מאכילים את בני-ישראל נבלות וטריפות, רחמנא-לצלן! רב נחמיה לא נבהל מדברי כיבושין אלה והשיב בשלווה: אדרבה, הכבדו-נא והתקינו אתם מטבח כשר ואז אנעל את מטבח-הטריפה שלי. אולם, כל זמן שאין מטבח אחר - לא אסגור את שלי. כשהמדובר הוא בפיקוח-נפש, בטוחני שהיושב בשמים יסלח לי.

ביתו של ר' נחמיה לובש צורה של תחנת-רכבת. יומם ולילה מתרוצצים בו פליטים שונים: סוגי יהודים, רבנים, סופרים, עסקני-ציבור מפולין רבתי ואפילו נזירות. כולם-כולם מבקשים מחסה בבית ר' נחמיה, בתקוה להחיות את נפשם.

ר' נחמיה מחרים בתים בכוח ומושיב כהם פליטים. הוא מפתיע את שכנתו גיטל פרוסמן, אלמנה עם שלושה יתומים, המתגוררת בחדר צר, ד' אל ד', ול"ארמון" זה הוא רותם שמונה פליטים. המסכנה מקבלת הכל באהבה ושפתיה ממלמלות חרש: יודע ר' נחמיה את אשר הוא עושה.

ר' משה שיפר, פועל המתגורר ב"קובל ווטורוי". בחצות הלילה דופקים בדלת חדרו. מי זה הדופק? -- ר' נחמיה! הוא בא לדרוש בשלום פליט חולה, שכפי שנמסר לו הוא רתוק למיטתו ימים מספר ללא אוכל וללא תרופות. ר' נחמיה נושא בציקלונו ככר לחם ובקבוק סמי-מרפא. מוכרח הוא לגלות את מקום הימצאו של הפליט החולה ולהגיש לו מזור ומרפא, אם כי השעה מאוחרת, הזמנים אינם כתיקנם ובחוצות-העיר אורבות סכנות חמורות.

הצבא האדום כבש את קובל. ר' נחמיה מקדם את פני הסובייטים בקול תרועה. עתה תבוא הישועה לכל האומללים ולכל הסובלים והנענים. אולם, עד מהרה באה האכזבה. ושוב רובץ העול של העזרה הסוציאלית על שכמו של ר' נחמיה ושוב עליו להגיש עזרה לאומללים ולרעבים, עד שהרוצחים הגרמנים קיפחו את חייו.

ידוע לי ממקורות מהימנים, שר' נחמיה הלך לבור-המוות קוממיות, בקומה זקופה, בגאווה יהודית-לאומית.

ר. אבישלמה

ברעקלעך פון מיין
טריסקער טיש

שיע "מעג"

א זוי האט מען אים גערופן, שיע דעם באלעגאלע – שיע "מעג". פון וואנען האט זיך גענומען דאס דאזיקע צונעמעניש?

ווי באוווסט, פלעגן שטארק פרומע יידן נישט פארן אויף איין פור מיט אן אשה. מאכט זיך, אז דער דין פארט קיין קאוולע טאקע מיט שיע באלעגאלע. לעבן שיען אויף די קאזלעט זיצט עפעס א מאדנער מאנספארשוין, צי א ייד, צי א גוי, להבדיל –- ווען גייט עס דארטן אן. קומענדיק פון דער נסיעה צוריק קיין טריסק, ווערט דער דין געוואר – איין קליינקייט: דער פארשוין, וואס איז געזעסן לעבן שיען אויף די קאזלעס, איז געוועז נישט מער און נישט ווייניקער – הערט און שטוינט ! –- ווי שיע באלעגאלעס מאמע. ער האט זי פארשטעלט פאר א מאנצפארשוין, כדי דער דין זאל איר נישט הייסן אראפגיין פון דער פור... אזא מעשה ! ראשית, האט זי דאך עובר געווען אויף א לאו פון דער תורה: "לא יהיה כלי-גבר על אשה" -– אויף א פרוי זאל נישט זיין א בגד פון א מאנטפארשוין און שנית האט ער אים, דעם מרא-דאתרא, גורם געווען צו פארן אויף איין פור מיט אן אשה... האט דער דין געשיקט משה שמש אין בית-מדרש אויסרופן אן איסור צו פארן מיט שיע באלעגאלע. אן איסור איז –- אן איסור, מע פארט נית מיט שיע באלעגאלע. שלעכט ! ביטער ! אז די פערד שטייען אין שטאל, וווּ וועט ער נעמען ברויט פאר די קינדער? אין דריי טעג ארום לויפט שיע באלעגאלע צום דין, שלאגט זיך אין הארצן אריין: –- חטאתי, דין ! און ער בעט זיך מיט תחנונים: –- מער וועל איך, דין אזעלעכט נישט טאן, אנישט זאל איך קיין ביימש אין האנט נישט קאנען האלטן, די האנט זאל מיר אפדארן ! ... און וואס זענען שולדיק די ווערעם מיינע? ... טוט דער דין א זאג צום שמש: –- משה, טו א לויף ארויס איבער דער שטאט און זיי מודיע אין מיין נאמען, אז מע מעג שוין פארן מיט שיען.

טוט זיך משה שמש א לאז ארויס איבערן שטעטל, דאס פנים ערנסט-צעקאכט, די פאלעס צעפלוגן, לויפט פון טיר צו טיר און שרייט אריין א פארסאפעטער אין יעדער שטוב:

–- דער דין האט באפוילן –- שיע מעג ! ...

–- דער דין האט באפוילן –- שיע מעג ! ...

און אזוי איז שוין פארבליבן זיין צונעמעניש אויף דורות –- שיע "מעג". אויך זיינע קינדער האט מען גערופן –- שיע "מעג".

מכה איז נישט פאר אים

צ וישן די טריסקער רביס, "קינדער" און "איניקלעך" האט זיך אויך געפונען איינער א ייד, וואס מ'האט אים גערופן "צענטל-רבי". אפשר האט עס געמיינט צו זאגן - א צענטער דור פון א געוויסן רבין. און ווידער, אויב ס'קאן אויף יידיש זיין א שטיקל רבי, פאר וואס זאל נישט קאנען זיין אויך א צענטל רבי? אמאי איז אין טריסק געווען א ייד, וואס מ'האט אים גערופן "פערטל גאט".

איז "צענטל רבי" איין מאל קראנק געווארן און זיך צו לאנג פארליגן אין בעט. זענען זיינע פריינד, זייער חשובע, יחוסדיקע יידן, געקומען אים מבקר חולה זיין.

-- רב אריה לייב, -- פרעגט אים איינער -- איז וואס זשע איז אייך?

טראכט ער א רגע, קווענקלט זיך און ענטפערט:

-- עט... א קליינינקייט דארט... נישט כדאי אפילו צו רעדן וועגן דעם -- א מכה אויפן גראבן פלייש פון רעכטן פוס, לא עליכם... נישט מער... איך ווייסט נישט? א מכה איז נישט פאר מיר... אוי ! ...

מיט איין פוס אויף יענער וועלט

ד י ערשטע וועלט-מלחמה האט גורם געווען צו גרויס הפקרות אין שטעטל. האט מען זיך שוין מיטןווארט אין גאנצן נישט גערעכנט.

איינער א דערשלאגענער, עלטערער פרומער יידענע, חנה ענציע האט זי געהייסן, איז אן אומגליק געשען. ארויפשטעלנדיק זיך אויף א שטול עפעס צו דערלאנגען, איז זי אראפגעפאלן און צעבראכן א פוס. מ'האט אים איר געמוזט אראפנעמען. אבער אנשטאט איר צו באדויערן, איז איבערן שטעטל ארומגעגאנגען א וויץ, וואס איינער א לץ האט ארויסגעווארפן:

-- חנה ענציע איז שוין מיט איין פוס אויף יענער וועלט...

און דער עולם האט געלאכט אויפן פרעמדן בראך.

איך האב געהאט אין אים א מצווה

ס איז געווען פאר דער צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. די דייטשישע קאמענדאנטור האבן גענומען די יידן צו צוואנגארבעט. די דייטשן זענען נאך דעמלט אנדערע דייטשן געווען. דעם דינס

בני-בית, למשל, האבן זיי באפרייט פון ארבעט. האט דעם דינס ברודער, דער גרויסער למדן און ווילקענער אויך אין וועלטלעכע זאכן, נחמן בער, עה"ש, און דעם דינס זין, מיינע חברים, געוואלט אויך מיך באפרייען פון דער ארבעט. דערצו איז נייטיק געווען איך זאל באקומען א היתר-הוראה, און ווי א רב, כאטש אן א פאסטן, וועט מיר די דייטשישע קאמענדאנטור באפרייען. האבן זיי וועגן דעם געשריבן א בריוול צום מאציעוועער רב, דעם "משמרת שלום", און ווי א רב א מקיל, האט ער אזא היתר-הוראה פאר מיר צוגעשיקט. דער זייער פרומער דין, דער מתמיד, האט זיך געגוג געקווינקלט און אויך סוף-כל-סוף, באטראכטנדיק עס ווי א מין פדיון-שבויים, דעם היתר-הוראה אונטערגעשריבן. זיין ווילקענעוודיקער ברודער האט אים איבערגעזעצט אויף דייטש, אנגעשריבן א ביטע צו דער קאמענדאטור, איך האב אויף איר געלייגט מיין חתימה און מ'האט עס אפגעשיקט אין דער קאמענדאנטור. איך בין באפרייט געווארן.

אין א צייט ארום, ווען אין שטעטל האט מען שוין געוווסט, אז איך בין ארויס לתרבות-רעה, האב איך איין מאל, נישטערנדיק צווישן מיינע פאפירן, אנגעטראפן אויפן היתר-הוראה, וועלכן איך האב דעמלט צוריק באקומען, פארשטענדלעך, פון דער דייטשישער קאמענדאנטור. איך האב א טראכט געטאן: דער דין טראכט אוודאי נישט איין מאל איבער: "ווער ווייסט?... אזא-א שנה-ופירשניק קאן נאך א מאל אויסנוצן דעם פאלשן היתר-הוראה..." צו וואס זאל ער אין זיין תמימותדיקער צדקות ליידן אומזיסט? האב איך גענומען, אריינגעטראגן אים דעם היתר-הוראה און דערלאנגט שטאמלענדיק:

-- איר זאלט נישט דארפן איבערקלערן...

ער האט אים גענומען אין האנט און א קוק געטאן. איבער זיין פנים איז אריבער א ליכטיקער שימער און ער האט א זאג געטאן, נישט קוקנדיק מיר אין פנים ("אסור להסתכל בפני רשע"):

-- שיין, וויל, פיין...

איך האב דערפילט, אז איך האב געהאט אין אים א מצווה.

פון וואס דער דין האט עגמת-נפש

ער האט שוין דעמלט גוט געוווסט, דער דין, רב יהושע גלאזער, ז"ל, אז פון מיר "וועט שוין קיין לייט נישט זיין", און איז זיכער געווען צופרידן, וואס זיינע זין זענען שוין נישט אין טריסק און האבן מיר נישט אין זייער חברותא. איך אבער פלעג פון דעסטוועגן פון צייט צו צייט אריינקומען צו אים אין שטוב צו פארבייטן עטלעכע ווערטער מיט די שטוביקע. ער האט זיך אויף מיר קיין מאל נישט אומגעקוקט. ווי ער וואלט מיך נישט באמערקט. נאר איין מאל איך גראד געזעסן ביים טיש, ווען מ'האט געגרייט פאר אים דעם נאכטמאל. ס'איז מיר עפעס נישט הענטיק געווען זיך אויפצוהייבן און אוועקגיין. כ'בין

געבליבן זיצן, ארײַנקוקנדיק אין עפעס א ספר. דער דין האט געגעסן א פארטראכטער אין דער שײַן פון דעם נאפטלאמפ, וואס האט גענאגט דעם נאפט און פון מאל צו מאל ווי א זיפץ געטאן. אויך דער דין האט פון מאל צו מאל אפגעזיפצט. ס׳איז מיר אײַנגעפאלן, אז צוליב מיר דערמאנט ער זיך אין זײַנע קינדער, וואס אויך פון זיי איז נישט געווארן דאס, וואס ער האט דערווארט און געהאפט. און אפשר זיפצט ער גאר דערויף וואס פון מ י ר איז געווארן?...

כ׳האב שוין געהאלטן בײַ אויפהייבן זיך צום אוועקגיין, נוי מיט א מאל האט ער אנגעהויבן רעדן צו מיר, כאטש געקוקט האט ער אריבער דעם לאמפ אין דער טונקלקייט פון צימער:

-- אוי-אוי ! ... מיר זענען היינט געגאנגען, איך מיט זעליק סאס, קלײַבן אויף הכנסת-כלה... א גרויסע מצווה... נאר דער נאכמלחמהדיקער עולם איז נישט להוט צו טאן קיין מצוות ... אוי-אוי ! ... ווי גאר אומגעריכט קומט אונדז אנטקעגן משה זבריהס, פון קאוולע... מע ווייסט טאקע ו ו א ס ער איז... ווי אלע היינטיקע בחורים... פון דעסטוועגן דארף מען יעדן יידן פרווון מזכה זײַן מיט א מצווה... אוי-אוי ! ... גייט מען צון אים אויך צו מיט דער רויטער פאטשיילע... טוט ער גלײַך בײַם ערשטן ווארט בײַיט א נעם ארויס דעם בײַטל און גיט א ש י י נ ע נדבה... א ש י י נ ע... אוי-אוי! ... פרייט זיך דאך דאס הארץ פאר א יידן... אוודאי, אוודאי... נאר איצטער זיץ איך מיר און בין מהרהר מיט קנאה: ער א י ז... וואס ער א י ז... אבער איך יענער רגע איז ער געוועזן א "יש קונה עולמו בשעה אחת"... ער איז שוין זיכער מיט עולם-הבא... ע ר... און איך... וואס זיץ כל ימי על התורה ועל העבודה... לערן און דאוון... בין א מאל אויך מחדש א דבר-תורה... אוי-אוי! ... איך בין נישט זיכער מיט עולם הבא...

א ביסן איז אים שטעקן געבליבן אין האלדז, ער האט אויף מיר אפגעכאפט א בליק געטאן, ווי ער וואלט א פרעג געטאן: "אפשר ביסטו אויך יש קונה עולמו בשעה אחת"? -- איך האב עגמת-נפש...

"דו לאכסט, און מיר שטעכט..."

דאס גאנצע שטעטל -- פון רבינס הויף ביז דער באדגאס, להבדיל -- האט אויפגעקאכט:

-- ווו איז אזעלעכס געהערט געווארן?

-- אזא מעשה ! אזא מעשה !

-- איך דאך שוין טאקע עק וועלט !

-- פארוואס שווייגן די גאטספארכטיקע יידן ?!

וואס אזוינס איז געשען טאקע? פריער האט איינער דעם צווייטן
אריינגעשושקעט אין אויער אריין:

-- הערסט, וואס מע שמועסט? רחמנא-לצלן ! שמעוניע פנחסל קאפעצעס
גאלט זיך די מארדע !

-- וואס איר רעדט ! זאל זיך אים דאס מויל אויף דער געגאליעטער
מארדע קאפויער שטעלן !

-- מילא, ווען ס'זאל פארשאטן נאר אים אליין -- זאל ער זיין א
אפלייזער פארן גאנצן שטעטל ...

-- פאר די מאנצבל, וואס טראגן בערד און פאר יענע, וואס די בערד
זענען זיי נאך אין וועג...

-- און אויך פאר אונדז ווייבער, -- כאפט אונטער א יידענע -- וואס
ווייסן גאר אין גאנצן נישט פון קיין בארד צו זאגן... און פאר די
קינדער אונדזערע...

דערנאך האט מען שוין גערעדט דערפון אין רעדלעך אויפן מארק בקול-רם.

-- אבער פאר וואס האט אזא פרומער ייד און א למדן אנגענומען א פול
מויל... בראנפן און שווייגט?...

אז מע האט עס אין בית-מדרש געפרעגט אים אליין, האט ער זיך אנגערופן:

-- מאלע וואס מע זאגט. איך, למשל, גלייב נישט אין דער גאנצער מעשה...
שיקט זיך צו זאגן, אז א יידיש יינגל זאל זיך דערוועגן אראפגאליען
דעם צלם-אלוקים פון זיין פנים, פשוט -- דער אייבערשטער האט אים נאך
נישט געלייגט די חתימה אויפן פנים... די חתימת-זקן... ס'איז גאר א
זינד מוציא שם-רע צו זיין אויף א נפש-מישראל...

אזוי ווי דער גערודער האט אנגעהאלטן, זיך נישט איינגעשטילט, האט ער
אנגענומען ביי זיך אין הארצן א החלטה: ער מוז עס אליין אנטאפן...

און איין מאל, שבת פארן דאווענען אין בית-מדרש, זיצנדיק אזוי ביים
ברעג דעמבענעם טיש איבער אן אפענעם מהר"ם שיף, און דערזען דעם בעל-
דבר, האט ער אים א רוף געטאן מיטן מויל און מיט א ווייזפינגער:

-- שמעוניע, קום נאר אהער.

שמעוניע איז, קווענקלענדיק מיט די פיס, צוגעגאנגען, א ראזלעכע פארב
האט געשפילט אויף זיין יונג, מיידלש פנים, די אויגן זענען ווי העלער
געווארן, און ער איז געבליבן שטיין פאר אים א ביסעלע צעמישט: וואס?...
ער וויל אים פארהערן עפעס?...

-- איך הער, שמעוניע, ביסט א ווויל יינגל... -- טוט אים רב משה טויבע
חנהס א גלעט איבער דער באק אראפ און ארויף און... דערשפירט "די
שטשעטינעס"...

אין שמעוניעס אויגן גייט אויף א טראציקער גלאנץ, און דאס פנים צעשיינט זיך אים מיט א רויטן צעשטראלטן שמייכל.

דעמלט ווערט רב משה טויבע חנהס פנים איבערגעצויגן מיט א וואכעדיקן וואלקן, ער טוט אומעטיק א שאקל מיטן קאפ:

-- יא, יא, שמעוניע... דו לאכסט, און מיך שטעכט...

פתי יאמין לכל
דבר

מאטעלע משה טויבע חנהס, א קיילעכיקער יתום, האט זיך דערצויגן ביים זיידן, וואס אויף זיין נאמען האט מען אים גערופן. זיי זענען זיך ביידע ווערט געוועזן איינער דעם אנדערן: דער זיידע דער גרויסער למדן און דאס אייניקל, וואס וואקסט אן עילוי. דעם זיידן דעם מלמד איז אוודאי שווער געווען אויסצוהאלטן אים, און ער איז אונטערגעוואקסן, האט ער אים געשיקט קיין זוועהיל אין דער ישיבה. מיט אזא איידערנעם קאפ, ווי מאטעלע פארמאגט, איז פאר אים אויך גלייכער צו לערנען אין דער פרעמדער ישיבה, איידער אין היימישן טריסקער בית-מדרש. נישקשה, ס'וועט פון אים אויסוואקסן - - -

נאר ווען ער איז איין מאל געקומען אויף די ימים-טובים אהיים צום זיידן, האט מען גלייך געזען: דער בראך איז פארטיק ! אז מע קומט צון אזא זיידן מיט א פאפירענעם אראפגעלייגטן קאלנער און מיט א שניפס, קאן מען שוין פארשטיין, ווי מע האלט מיט אים אויף דער וועלט. ער האט פון דארט געברענגט דעם קאלנער מיטן שניפסל און דארט איבערגעלאזט די אמונה...

די אמונה אין ו ו א ס ? צי נאר אין די רביס און די דיבוקים, וואס זיי טרייבן ארויס און, להבדיל, אין די שדים, רוחות און לצים, וואס ער לאכט עס אויס בפרהסיה, אדער ער איז טאקע שוין, חלילה, א כופר-בעיקר? -- דאס האט קיינער נישט געוווסט, נאר מע קאן זיך שוין אנשטויסן, אויב מ'איז נאר נישט קיין בהמה...

סייווי, מע האט אויף אים שטארק רחמנות געהאט, אויף רב משה טויבע חנהס -- צו וואס פאר א נחת ער האט זיך עס דערלעבט פונעם געראטענעם אייניקל אויף זיינע עלטערע יארן !

מ'האט געשמועסט: א סברה, אז אין דעם זוועהיל איז חוץ דער ישיבה פאראן נאך עמעצער... עפעס א פייערבערג, וואס מיט זיין פייער, נישט קיין הייליק פייער, צינדט ער אונטער יונגע יידישע נשמות... זיין אפיקורסות האט אויפגערודערט די וועלט... און וואס דארפט איר מער? טאקע אונדזער אייגענער יעקב יאסיע וואל דארטן... מע שמועסט וועגן אים...

דער אלטער רב משה טויבע חנהס אליין האט אויך געזען, אז מיט זיין מאטעלען איז נישט גאר גוט... נאר וואס? ער וועט מיט אים א מלחמה

פארפירן? א מלחמת-אדוישעם?... אז גלייך נאך יום-טוב פארט ער צוריק אהין... און דארט קאן נאר דער בורא אליין אויף אים אכטונג געבן... מע דארף זיך פארלאזן אויפן אויג פון דעם אייבערשטנס השגחה... און אז ער רעדט מיט אים אין לערנען -- איז דאך א נחת-רוח צו זעען, ווי דער קאפ איז אים אפן... ער וועט אים פרווון ראטעווען אן זיין וויסן: זאגן אלע טאג עטלעכע קאפיטלעך תהילים מיט דער כוונה אין הארצן, אז אין דעם זכות פון דוד מלך ישראל זאל אים דער באשעפער, מאטעלען, איינהיטן אין אמונה, אין פרומקייט און אין תורה. און נאר פון צייט צו צייט פלעגט ער אים ווי אין שפאס "א קיצל טאן", געבן אנצוגעהערן, ער זאל ארויף אויפן דרך-הישר. פלעגט אים דעמלט אויך מאטעלע אפענטפערן מיט א שפאס פאר א שפאס, "מידה כנגד מידה", און ביידע פלעגן זיך דערביי צופרידן צעשמייכלען.

איין מאל איז מאטעלע געזעסן אין שטוב אויף א שטול און האט א פארטראכטער איינגעדרימלט. דערפילט ער דורכן דרימל, ווי עמעץ וואלט זיך געדרייט ארום אים "הקפות". מאכט ער אויף א שפעלטיקל איין אויג און דערזעט: דער זיידע דרייט זיך עס ארום אים און פאכעט מיט זיין רויטער שנופ-פאטשיילע צו זיין, מאטעלעס, קאפ:

-- אפיקורס, ארויס פון מיין אייניקל ! אפיקורוס, ארויס פון מיין אייניקל ! אפיקורוס, ארויס פון מיין אייניקל !...

טוט ער, מאטעלע, א צעעפן די אויגן און א זאג:

-- זיידע, איך קאן דיך אויך "אפשפרעכן". גיב מיר נאר דיין פאטשיילע און זעץ זיך אויף מיין ארט.

-- כ'לעבן, --- טוט דער זיידע א זאג, דערלאנגט אים די פאטשיילע און פארנעמט זיין ארט, וואס ער טרעט אים אפ. און דאס אייניקל נעמט "גיין הקפות" ארום אים, פאכענדיק מיט דער רויטער פאטשיילע צום זיידנס יארמלקע:

-- פתי יאמין לכל דבר, ארויס פון מיין זיידן ! פתי יאמין לכל דבר, ארויס פון מיין זיידן ! פתי יאמין לכל דבר, ארויס פון מיין זיידן !...

-- ביסטו דאך טאקע א שייגעץ, מאטעלע, אייניקל מיינס ! -- צעשמייכל זיך רב משה טויבע חנהס, און די שמייכלען אויף זייערע צעשטראלטע פנימער גיסן זיך צוזאמען.

תרבות וחינוך

ד ע ר צ י ו נ ג



ביה"ס העברי "תרבות" ב-1927:
התלמידים, המורים וחברי הועד,
ביניהם: נטע ויינר, שמעון קצטר,
אברהם זילבר, א. טבקאי, ברוך
גרינשטיין, דוד חיט, המורים
שוחט וביברמן.



המחזור הראשון של ביה"ס "תרבות".

מרדכי אליעזר פערעל

די ערשטע ביבליאָטעק אין טריסק

אין שטעטל האט זיך געלאזט הערן, אז די היינטוועלטיקע חברה גייט גרינדן א ביבליאטעקע. ס'האט טאקע לאנג נישט געדויערט, און די ביבליאטעקע איז געשאפן געווארן. זיי האבן צונויפגעזאמלט עטלעכע צענטליק ביכלעך, און פאר עטלעכע קאפעקעס א חודש האט מען געקאנט קריגן א ביכל צום לייענען. די זאך האט שוין קיינעם נישט געארט. מיידלעך און יינגלעך האבן הנאה פון לייענען א מעשה-ביכל, זאל עס זיי ווויל באקומען -- אלץ בעסער פון ליידיק ארומגיין. -- האט מען געזאגט.

מאכט זיך אבער אזא מעשה: אין איינעם א ווינטער-אוונט קומט צו גיין אין בית-מדרש אריין א גמרא-מלמד און דערציילט.

-- ווען ער האט זיך נאכן מיטיק-עסן צוגעשפארט א ביסל אפצורוען, הערט ער, ווי איין תלמיד דערציילט דעם צווייטן עפעס א מעשה פון א יינגל מיט א מיידל פול מיט ניבול-פה, אזש די האר שטעלן זיך אים קאפויער. ס'האט אים אונטערגעטראגן און אראפגעטראגן פונעם באנקבעטל. ער טוט א גיי צו צום תלמיד און פרעגט: -- ווו האסטו געהערט אזא-א מעשה? דערציילט דאס יינגל, אז זיין עלטערע שוועסטער נעמט ביכלעך אין דער נייער ביבליאטעקע, האט ער דערין געלייענט די מעשה..

-- א יינגל, וואס ווייקט שוין אין ניבול-פה, -- לאזט אויס דער מלמד -- קאן שוין קיין קאפ נישט האבן צו דער גמרא מיט תוספות... אדער איך, אדער זיי!

באלד נאך דעם געשעט נאך עפעס: א יינגל, א נאר-וואס געקומענער פון ח״ר אין בית-מדרש אריין, האט, זיצנדיק איבער דער גמרא, אויסבאהאלטן אונטער איר א ביכל און געלייענט. ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס איז א ביכל פון א פריידענקער, וואס רעדט על ד' ועל משיחו. די ביידע געשעענישן האבן אויפגערודערט דאס שטעטל:

-- ס'טייטש, זיי פירן איבער אונדזערע קינדער !

רב זעליג סאס און רב בעריש בעל-תכלית (ליבראך), ביידע הייסע יידן, האבן באשלאסן, אז מע מוז עפעס טאן. האבן זיי אויסגערופן שבת אין דער פרי אין בית-מדרש נאכן דאווענען. אז פאר מנחה וועט מען רעדן וועגן דער ביבליאטעקע. פאר מנחה איז טאקע רב בעריש ארויף אויף דער בימה און אנגעהויבן רעדן:

-- יידן ! יידן ! מיר האלטן אונדזערע קינדער אין חדרים. כאטש מיר האבן קנאפ פרנסה, שפארן מיר אפ פון אונדזער מויל און צאלן מלמד-געלט. מיר ווילן, זיי זאלן בלייבן יידן! לסוף איז דא

געווארן א ביבליאטעקע,וועלכע פירט אראפ פון יידישן וועג נישט נאר אונדזערע יינגלעך, נאר אויך אונדזער מיידלעך.

-- נישט אמת! -- שרייט אויס איינער פון די גרינדער. -- אונדזער וועג איז א גוטער.

-- מחוצף ! מחוצף ! -- ווערט א געשריי פון אלע זייטן.

-- ער האט נאך די חוצפה אזוי צו רעדן! ווארפט אים ארויס!

-- ארויס פון מקום-קדוש !

ס׳געדויערט נישט מער ווי עטלעכע מינוט, ווי ער מיט עטלעכע חברים זיינע זענען שוין אין דרויסן.

שטייענדיק אויף דער גאס, האבן די ארויסגעווארפענע געשריגן:

-- מירן זיי ווייזן, די באנק-קוועטשערס ! מירן זיי באשרייבן אויף די צייטונגען, אז זיי וועלן זיך שעמען ארויסצוגיין אין גאס...

די "ביבליאטעטשיקעס" האבן חושד געווען די בית-מדרשניקעס, אז דאס האבן זיי עס אויפגערייצט דעם עולם קעגן זיי.

אין צוויי וואכן ארום איז ווידער געווארן פריילעך אין שטעטל. גראד איז דאס אויסגעפאלן אום פורים. ס׳איז אנגעקומען פון ווארשע די צייטונג "אונזער לעבען", און אין איר איז אויף דער זייט פון הומאר און סאטירע געוואן א קארעספאנדענץ וועגן דער טריסקער ביבליאטעק מיט א באמערקונג פון רעדאקציע: "שפינאזע איז אויפגעשטאנען תחית-המתים אין טריסק". אין דער קאראספאנדענץ דערציילט דער שרייבער, אז די טריסקער פארגעשריטענע בחורים האבן זיך גענומען שפינאזען פאר א מוסטער און אנגעהויבן באקעמפן דעם פאנאטיזם. זיי זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז יעדער דור האט זיך זיינע פרעדיקער. זיי זענען אלזא די שפינאזאס פון היינטיקן דור. צום באדויערן האבן די בית-מדרשניקעס אנגעהויבן אגיטירן קעגן זיי, ווי מע האט בשעתו אגיטירט קעגן דעם פילאסאף שפינאזא, און מע האט דערפירט דערצו, אז מע האט די פארגעשריטענע בחורים ארויסגעווארפן פון בית-מדרש. זייער דורכפאל באקלאגן זיי אין א ליד:

"מיר פארגעשריטענע,
די פילגעליטענע,
ווילן אונדזער שטעטל באפרייען,
מיט א נייַ לעבן באנייען.

שפינאזא דער פילאסאף,
וועלכנס חכמה איז אן א סוף,
פאר א מוסטער גענומען - מיר,
לסוף ווייזט מען אונדז די טיר.

די בית-מדרשניקעס די בארבארישע,
וועלכע אוכאזשעווען נישט קיין בארישניע,
האבן אויף אונדז אויסגעטראכט,
אז מיר האבן א "פרייע ליבע" געמאכט,
האבן געטאן אגיטירן,
מע זאל אונדז פון בית-מדרש ארויספירן..."

און דאס קלאגליד לאזט זיך אויס מיט א תפילה צו דער השכלה:

"א, דו השכלה, דו לעכטיקע! זאלן זיי געניסן
דו שיינע, דו פרעכטיקע! פון וועלטלעכן וויסן
גיב שוין א שיין און נישט ליידן קיין נויט
אויך אין אונדזער שטעטל אריין. פון קנאפ ברויט".

אונטערגעשריבן איז געווען א נאמען פון דער הפטורה.

ס'איז טאקע געווען פורים, אבער דער עולם האט גאר פארגעסן אין המנען. מ'האט רק גערעדט פון שפינאזען און זיינע טריסקער יורשים. אלע זענען געווען זיכער, אז דאס האבן געשריבן טאקע די גרינדער פון ביבליאטעק. מ'האט זיי באגעגנט אין גאס מיט א "שלום-עליכם, שפינאזע!", אנדערע מיט א "ברוך מחיה מתים!". און אין שטעטל איז געווען גאנץ פורימדיק ליהודים!

ווער האט דאס באמת געשיקט די קאראספאנדענץ צום "אונזער לעבן"?

די חברה פון דער ביבליאטעק האבן זיך וועגן דעם ארומגעריסן צווישן זיך אליין. איינער האט חושד געווען און באשולדיקט דעם צווייטן, אז דאס האט ער געשריבן, נישט בארעטנדיק זיך מיט די חברים. האט יעדער איינער געשווארן, אז ער ווייסט נישט פון גארנישט.

-- איז ווער זשע האט פארט געשריבן אין אונדזער נאמען און אונדז אויסגעשטעלט צו שפאט און געלעכטער פאר דער גאנצער וועלט? -- האבן זיי זיך געפרעגט.

-- איר ווייסט, וואס איך קלער? -- האט זיך ענדלעך איינער געטאן א כאפ.
-- איך קלער... אז דאס איז א שטיקל ארבעט פון די בית-מדרשניקעס!

דאס איז זייערס א שטיקל!

-- דאס האבן זיי עס אונדז ארייגעשאסן... הממ... און טאקע גוט געטראפן.

און ס'איז געבליבן, אז איינער פון זיי זאל פארן קיין ווארשע, אריינגיין אין רעדאקציע און דארט אלץ אויפקלערן. און ווירקלעך, אויפן צווייטן טאג איז דאס געטאן געווארן. דער פארגעשריטענער בחור האט זיך פארגעשטעלט פארן רעדאקטאר. אים דערציילט, אז נישט זיי האבן געשריבן די קאראספאנדענץ און וואס פאר א צרות זיי האבן צוליב איר.

-- וואס זשע פארלאנגט איר איצט? -- פרעגט אים דער רעדאקטאר. -- דאס אלץ אפלייקענען?

-- ניין. כמעט אלץ וואס איך איר איז געשריבן, איז אמת, אבער אויף אן אופן אונדז אויצולאכן. א סימן -- איר האט עס געדרוקט אויף דער זייט פון "הומאר און סאטירע". און דאס גאנצע שטעטל לאכט טאקע פון אונדז.

-- איך באדויער עס זייער. אבער וואס קאן איך איצט טאן פאר אייך.

-- אפדרוקן, אז נישט די גרינדער פון דער ביבליאטעק האבן די קאראספאנדענץ צו אייך געשיקט.

-- ווער זאגט דען, אז א י ר האט דאס צוגעשיקט? אייערע נעמען זענען דאך נישט אונטערגעשריבן.

-- דאס גאנצע שטעטל זאגט, -- ענטפערט דער בחור צעטומלט-פארשעמט.

-- צום באדויערן קאן איך אייער ביטע נישט דערפילן. מיר קאנען דאך נישט אפלייקענען, וואס מע זאגט ביי אייך אין שטעטל. מיר האבן דאך נישט געזען, ווער ס'האט געשריבן. אנטשולדיקט...

נאך דעם איז געקומען אן אקט פון נקמה מצד די ביבליאטעטשיקעס קעגן די בית-מדרשניקעס: זיי האבן בקומען א פאטאגראפיע פון איינעם א בית-מדרש-בחור און זי איבערפאטאגראפירט צוזאמען מיט א פאטאגראפיע פון א שיקסע:

-- זעט איר שוין, טריסקער יידן, ווער און וואס עס זענען די בית-מדרשניקעס!...





כתה בביה"ס עם מורה.



הספריה העממית הראשונה: הרשקו גרינשטין, הרשקה בורשטין, שלמה ליס, מאיר גלון.

הערשקע גרינשטיין

די גרינדונג פון דער יידישער פאלקס-ביבליאטעק

דאס איז געווען אין יאר 1917. דאס שטעטל האט זיך, אן אויסגעשעפטס און דעמאראליזירט נאך דער ערשטער וועלט-מלחמה, געפונען אין א זייער שווערן מצב. ס'האבן אויסגעפעלט זאכן פון סאמע ערשטן געברויך. ס'איז אין א סך שטיבער נישט געווען פשוט ברויט צו דער זעט.

און הגם "אם אין קמח, אין תורה" - האבן מיר, עטלעכע חברים, באשלאסן צו גרינדן אין אונדזער שטעטל א ביבליאטעק. מיר זענען זיך צענויפגעקומען אין הויז פון שאיע קצב, עליו השלום, ביי זיין לייזערן. ס'זענען בייגעווען די אויסגערעכנטע חברים: עזריאל גלאזער (אונדזער דיינס יינגסטער זון), לייזער ראבין, דער שרייבער פון די שורות, משה מענדעלאזן, פרוים מענדעלזאן, פייסי ליס, שלמה ליס, יצחק בוים, פאליק סעגאל, מאיר גאלאן (אפשר זענען געווען נאך).

מיר האבן באשלאסן זאמלען צו דעם צוועק ביכער און ווערבירן באצייטנס מיטגלידער - צוציען די גאנצע יוגנט אונדזערע; רופן א גרעסערע פארזאמלונג, וועלכע זאל אויסוויילן א פארוואלטונג.

האבן זיך אבער נישט געפונען צווישן אונדז קיין בעלנים זיך איינצושטעלן און לאזן דורכפירן די פארזאמלונג ביי זיך אין שטוב, ווייל אונדזערע כלי-קודש בראש מיטן דיין, רב יהושוע ז"ל, האבן אונדז באטראכט פאר פושעי-ישראל, וואס גרייטן זיך חרוב מאכן דאס יידישקייט אין שטעטל. האט אונדזער חבר פייסי ליס, וואס זיין פאמיליע האט געווינט אין א קריסטלעך הויז, ביי וואסיל מאראווסקי, מסכים געווען די פארזאמלונג זאל צושטאנד קומען ביי זיך.

די פארזאמלונג האט אויסגעוויילט די פארוואלטונג פון די פריער אויסגערעכנטע חברים און אויך שאיע טייטלבוים און מאטל זילבער.

דער רוף צו דער יוגנט האט דערפירט צו גוטע רעזולטאטן: ס'זענען געזאמלט געווארן ביי א 1000 ביכער - יידישע, העברעישע און און אנדערע שפראכן.

ערשט איז געשטאנען די פראגע: ווו ארדנט מען איין די ביבליאטעק? קיינער האט נישט געוואלט געבן אונדז פאר איר קיין פלאץ, ווי מיר וואלטן זיין מצורעים.

א דאנק שלמה ליס האבן מיר באקומען פון זיין טאטן, יעקב הערש עליו השלום, דאס דערלויבעניש ארייצושטעלן די ביכער צו אים אין הויז ציטוויליק. צו באצאלן דירה-געלט האבן מיר נישט פארמאגט. כדי זיך איינצושאפן א ביסל געלט, האבן מיר געפלאנירט אויפצופירן צו דער דערעפענונג פון דער ביבליאטעק, אויב איך האב קיין טעות נישט, שלום-עליכמס איינאקטער "מזל-טוב", רעזשיסירט פון פאליק סעגאל און שאיע טייטלבוים. די דערעפענונג האט געזאלט פארקומען שוין אין יאר 1918.

דא האבן אונדזערע כלי-קודש מיטן דיין ז"ל זיך א נעם געטאן צוך אונדז מיטן אמתן פרומען ברען. צו ערשט האט מען אונדז אליין גענומען טרייבן פון בית-מדרש ארויס. דערנאך האט מען פאררופן עלטערן און זיי אויפגעפאדערט צו באווירקן זייערע קינדער זיי זאלן ארויף צוריק אויפן דרך-הישר, און סע זאל פארהאלטן ווערן די מגפה, רחמנא ליצלן. האט זיך צעברענט א קאמף אין די הייזער צווישן עלטערן און קינדער. אבער דאס עקשנות פון דער יוגנט איז שווער געווען צו ברעכן.

דעמלט האט דער דיין ז"ל אנגענומען אן אנדער מיטל.

צו יענער צייט האט יעקב הערשס אויסגעבראכן א שרפה. בעתן ראטעווען האט זיך יעקב הערש שטארק אפגעבריט און איז געלעגן קראנק. צי פארשטייט ער נישט, יעקב הערש, אז דאס האט ער א באצאלונג פארן ארייצלאזן די ביבליאטעק, די טומאה, צו זיך אין שטוב ארייין? וועט מען שיקן צוך אים משה שמש מיט א התראה, ער זאל, למען-השם, אויסראמען דעם חמץ פון זיין הויז, ווען נישט - - -

דערווייל האט זיך אויף אונדז אנגעזעצט א צווייטע צרה: מע האט אונדז פארמסרט ביים פאליציי-קאמענדאנט, וועלכער איז געווען איינגעקווארטירט ביי אהרן חיט, אז מיר פארטיילן ביכער, נישט האבנדיק דערויף קיין דערלויבעניש פון דער מאכט. אזוי ווי דארט אין שטוב האבן מיר געהאט

אונדזער מיטגלידערין פייגע חיט, האבן מיר זי געבעטן זי זאל אויספועלן ביי קאמענדאנט דאס דערלויבעניש. אבער כדי צו באקומען א דערלויבעניש מוז מען באווייזן א באשטעטיקונג אז מיר האבן פאר דער ביבליאטעק א לאקאל. די באשטעטיקונג דארפן מיר באקומען פון יעקב הערשן, און דא - קלייבט זיך גאר צו אים משה שמש מיט א התראה פונעם דין.

איך מיט עזריאל דעם דינס, וועלכער איז געקומען צו לויפן צו מיר מיט דעם ידיעה, האבן באשלאסן זיך צו ווענדן צו משה שמש, ער זאל אונדז "טאן א טובה"... און גיין צו יעקב הערשן מיט דער התראה נישט צען א זייגער אין דער פרי, נאר שפעטער מיט א שעה. ער האט אונדז "די טובה געטאן"...

אזוי ווי איך האב א געוויסע צייט געלערנט צוזאמען מיט שלמה און קלמן ליס ביים לערער שלמה זלמן פעקארסקי עה"ש, ביי יעקב הערשן אין שטוב, בין איך געווען מיט אים היימיש און אפילו באפריינדעט. איז אויף מיר געפאלן דער גורל צו זיין דער שליח ארויסצובאקומען פון אים די באשטעטיקונג, אז ער האט אונדז פארדונגען א לאקאל פאר דער ביבליאטעק.

גאנץ פרי בין איך אוועק צון אים מיט געלט אין קעשענע. איך האב אים געטראפן ליגן אין בעט.

-- גוט מארגן, רב יעקב הערש ! איך בין געקומען זען וואס איר מאכט און דרך אגב אייך באצאלן דירה-געלט פאר דער ביבליאטעק. מיר האבן שוין מיטגלידער וואס צאלן.



-- איך וויל נישט קיין געלט ביי אייך. זייט אייך דא געזונטערהייט און טוט זיך וואס איר באדארפט -- רופט זיך אפ ר' יעקב.

-- יא, אבער מיר באדארפן פון אייך א קבלה, אז איר האט אונדז פארדונגען דעם לאקאל אויף א ביבליאטעק. כל-זמן מיר האבן נישט אזא באשטעטיקונג, טארן מיר די ביבליאטעק נישט עפענען.

דאס ביי אים צו פועלן איז מיר שוין נישט אזוי גרינג אנגעקומען. אבער לסוף האט ער געטאן וואס איך האב ביי אים געבעטן. איך האב אים פארשטענדלעך אוועקגעלייגט דאס געלט אויפן טיש, ארייגעלייגט די קבלה אין קעשענע און גענומען זיך פאררעדן וועגן אנדערע זאכן.

דא טוט זיך מיט א פאלעש אן עפן די טיר, ווי ס'איז געווען דער שטייגער פון משה שמש עה"ש:


-- איך קום צו אייך, יעקב הערש, אין נאמען פונעם בית-דין מיט א לעצטער התראה. דער דיין האט מיך באפוילן צו זאגן אזוי: "יעקב הערש, דו שטייסט שוין מיט איין פוס אין קבר. דו וועסט נישט האבן, נישט די וועלט, נישט יענע וועלט, אויב דו וועסט נישט אויסראטען די פושעי-ישראלים פון דיין הויז. דאס איז דיין לעצטער שאנס חוזר-בתשובה צו זיין!".

האט יעקב הערש געטאן א קוק אויף מיר און א רוף געטאן משה שמש נעענטער צו זיך:

-- הער, משה. ווען דו וואלסט געקומען מיט א שעה פריער, אפשר וואלט איך דעם דיין צוליב געטאן, כדי מע זאל מיך לאזן צו רו. אבער ערשט - גיי און זאג דעם דיין, אז ער איז געווען א חכם בלילה און אזעלכער וועט ער פארבלייבן. איך האב פארדונגען - איז פארדונגען!

ווי נאר משה שמש איז אוועק, האב איך געבעטן יעקב הערשן ער זאל מיר מוחל זיין וואס איך האב אים פארשאפט אומאנגענעמלעכקייט און בין אוועק מיט דיין קבלה גלייך צו פייגע חיט. זי איז מיט מיר אריינגעגאנגען צום קאמענדאנט, און מיר האבן פון אים באקומען די דערלויבעניש אויף דער ביבליאטעק און גלייכצייטיק א רייזע-דערלויבעניש קיין ווארשע פאר שאיע טייטלבוים צו קויפן דארט ביכער.

די דערעפענונג פון דער ביבליאטעק האט זיך אנגעהויבן מיטן "מזל-טוב" פון שלום-עליכמען. מיט דער צייט איז זיך די ביבליאטעק צעוואקסן, האט זיך אנטוויקלט און געווארן א ווירדיקע קולטור-אינסטיטוציע אין אונדזער שטעטל.



נטע וויינר

י. טייטלקר

קומתו רכונה, חוטם רומי-יהודי טיפוסי: עיניים זעירות, נעות-מתרוצצות, שקועות בחוריהן, סוקרניות-פיקחיות, חיוך אדיב - סולחני על שפתיו תמיד. בעל בעמיו. מ"פני" העיירה. בעל חנות ברזל במרכז שוק-החנויות, עסוק ושקוע בעניני-בית ובפרקמטיה - מצא זמן ורצון ויכולת להתמכר לצרכי ציבור באמונה ולעניינים "העומדים ברומו של העולם" - כזה היה נטע וינר ז"ל.

ב-1921 הופיע נטע וינר עם בן-לוויתו, ישראל וואהל ע"ה, בביתי בקובל והציע לי להצטרף למורה הקובלאי משה שחט ע"ה, שנתן כבר הסכמתו לעבור לטריסק, על מנת להקים שם בית-ספר עברי בשביל ילדי טריסק. היו אז ימי הפריחה וראשית מסע-הנצחון של מפעל החינוך מיסודה של "תרבות" - מפעל רב מימדים והישגים בפולין, שהצליח תוך זמן קצר להתבסס ולשלוח שלוחותיו לכל עבר. בקובל התקיימו כבר שני בתי-ספר עבריים מטעם "תרבות" ("הרצליה" ו"קלומל") והגימנסיה העברית "תרבות" עמדה לחנך את בניינה החדש, שעמד כבר על תילו. ראה וינר את העזובה וההזנחה המרובה בשדה החינוך העברי בטריסק, שמלבד "חדרים" מסורתיים ישנים לא היה קיים בה בית-ספר עברי מודרני: קינא קנאת "תרבות" והחליט על ייסוד בי"ס "תרבות" גם בעיירתו. כינסו אסיפת-הורים, עמד בראש וועד-ההורים שנבחר וניגש מיד לפעולות. בתחילת שנת הלימודים אותה שנה כבר מצאתי את עצמי, יחד עם המורים משה שחט ושלמה פקרסקי, בפתח ביה"ס.

הקשיים הכרוכים בכינון בי"ס עברי בוהלין מבחינה הוראתית, לא היו מעטים. צריך היה להכניס בעול התורה ולדובב עברית ילדי-ישראל שגודלו וחונכו בעיירה גלותית; ששפת אמם היחידה היתה יידיש בלבד ושמעולם לא ביקרו בגן-ילדים. היית צריך לזרוע בקרקע בתולה זרעים, שטרם נבחנ



מידת קליטתם ולדחוק קץ קציר. אך במשך הזמן ובעבודת נמלים מסורה התגברנו על כל הקשיים הדידקטיים האלה ואכן, ראינו פרי. עזרה, מבחינה טכנית-ארגונית, וכיוצא בזה, ציפינו, כמובן, לקבל מידי חברי וועד-ההורים, שבשמו הזמין אותנו וינר להוראה ובשמו דיבר. אולם את העזרה הזאת, ועידוד, קיבלנו רק מאדם אחד - נטע וינר, שהעמיס על כתפיו את כל העבודה הרבה הזאת, מגיוס התלמידים, רכישת מעון לביה"ס - ועד ריהוטו וציודו במכשירי לימוד נאותים, סידורם של המורים בתנאי-דיור נוחים. בלי ליאות עמל יהודי יקר זה יומם ולילה למען ילדי-שעשועיו - ביה"ס תרבות בטריסק. עד שמצא וינר בשבילנו, המורים מקובל, תנאי-דיור קבועים, לא היסס להכניס אותנו לתוך דירתו הוא, בה נהנינו זמנית מהארחתם האדיבה של בני משפחתו.

וינר היה אב לשלשה ילדים: הבכור שעיקה (שעיה) בן השמונה, תלמיד מצטיין (כיום מורה בביה"ס ואחד מראשי הקיבוץ "עין השופט") ואחיו הצעירים ממנו משה ובן-ציון (עתה חברים פעילים בקיבוצים "רוחמה" ו"בית-זרע"). התארחנו בביתו של וינר זמן קצר. אכן, לא אשכח את החמימות ואת הנעימות המיוחדת במינה שגילתה כלפינו, האורחים, רעייתו של וינר ע"ה. את דמותה העדינה שענוות-חן וטוהר של בת ישראל כשרה נשקפו מתוך עיניה המחוייכות והבעת-העליצות וההתרוננות שריחפה על פניה תמיד, בה קיבלה והנעימה לכל באי-ביתה. נעים היה לראות ולהרגיש את השאננות והשלווה, את "שלום-הבית" האמיתי והלבבי ששררו בבית וינר, מהם נהנו בעצמם והינו את האחרים. (כעבור זמן-מה עברנו לדירת-קבע בביתו של הרשל סוסנה - משפחה שקטה והגונה שהקציעה לנו, לי ולמורה שוחט, חדר מרווח ונוח ודאגה שלא יחסר לנו כלום).

עם התפתחותו של ביה"ס, נזדקק וינר, בסופו של דבר, לעזרתם של יתר חברי וועד-ההורים הפעילים ולעוסקים קבועים. לתפקיד מזכירו של ביה"ס הופקד הצעיר ליבר ברנר, שמילא את תפקידו ביעילות, ובין חברי וועד-ההורים, הצטיינו ביחוד אברהם זילבר ואחרים.

ביה"ס התפתח והיכה שרשים עמוקים. מנינו למעלה מ-200 ילד שלמדו ב-4 כתות מסודרות ובמקבילות, לפי תוכנית רשמית של בתי-הספר "תרבות". הילדים עשו חיל בלימודים והתאקלמו בשפה העברית להפליא. בהתפעלות ובהערצה צבאו בהמוניהם על פתחי ביה"ס יהודים "מכל השנה" שבאו להסתכל ולראות את הפלא הגדול, כיצד ילדי טריסק מדברים ומדקלמים ב"לשון-קודש" רהוטה וחיה ומשחקים כשחקנים בהצגות, שערכנו במסיבות ובחגיגות לחגים ולסיום שנת הלמודים.

הנוער הטריסקי המבוגר, בדרך-כלל, עמד מחוץ למסלול העניינים וההתעניינות עם ביה"ס העברי, עם שפתו ותרבותו "הבורגנית", בהיותו נתון אז ברובו להשפעתן המכרעת של מפלגות השמאל וביחוד זו של ה"בונד", שדגלו כולם ביידישיזם. מאידך גיסא - השפעתו התרבותית היידישיסטית של הנוער על האוכלוסיה היתה ניכרת. היו בין הנוער הזה בעלי כשרונות אמנותיים מובהקים והחוג הדרמטי שנתקיים על ידו הציג מחזות מעודכנים ומובחרים שהיו מקובלים בימים ההם בתיאטרון היהודי: גולדפדן, גורדין, פינסקר, הירשבייין ואחרים. אנשי טריסק ביקרו בהצגות אלו בהמון. ביחוד, זוכרני, הצטיינו בכשרונותיהם הדרמטיים: שעיה סאמט, פיגלה צורף, משה חזן, ליבר ברנר. ברם, מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל.

תמורות הזמן וההזרחשויות של הגאות ביצבצו ועלו ממעמקים; לעיני הנוער המבוגר הזה קם נוער צעיר, חדש, שגויס, יורשה לי לומר, ע"י שר האומה למען עתידו של העם. היה זה ביה"ס העברי תרבות שהעמיד מתוכו את הקאדרים הראשונים של הנוער העברי הלאומי, שהעמיד מתוכו את החלוצים הראשונים, שנחלצו לעלייה ולבניית מולדתם - מבטחים לשארית הפליטה של העם הנרדף והמושמד במיליוניו בכל ארצות גלותו. אלה הבנים הבונים שבזיעת-אפם ובדם לבם הכשירו את הקרקע למדינת ישראל.

רבים מאד היו היהודים שתפלתם: "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים" לא היתה תפילת שיגרה גרידא, הם עשו למען ציון למעלה מיכולתם והם הגו וראו בה חזות הכל. רבים מהם היו בין "הזורעים בדמעה" ולא זכו להיות בין אלה ש"ברינה יקצורו". לא זכו לחזות בנס הגדול של תקומת מדינת ישראל - כי עלה הכורת, וכילה הכל ובילה לנצח.

בין הקדושים האלה שזכרם לא יימחה מלב ומזכרון האומה לעולם, נמנה גם אחד המחוללים, המייסדים והמקימים הראשונים של ביה"ס העברי התרבותי בטריסק - נ ט ע ו י נ ר. יהא זכרו ברוך.



משה שחט

י. טייטלקר

משה וצאו היה מהעיירה "מוטילה". לא פעם חזר ושנה באוזניי, לא בלי גאווה והנאה, שב"מוטילה" זו למד ב"חדר" יחד עם ד"ר חיים וייצמן. בשמי קובל הופיע כשביט בשנת 1920, אחרי שנתגרש מאשתו הראשונה וכנראה לרגל נישואיו עם אשתו השניה שהיתה קובלאית. היה כבן חמישים. גברתן, איתן, וכשהיה פוסע עם מקלו העבה, שלא מש מידו, דומה היה שהאדמה רועשת תחתיו. בהזמור רב סיפר לי את האפיזודה המבדחת שקרתה לו עם אהרון גיטליס, מי שהיה סוחר מנפקטורה ידוע בקובל ויו"ר הוועד הציוני וגזבר-כבוד של בתי-הספר "תרבות" בקובל. בהגיעו לקובל, פנה שחט לאהרון גיטליס, הציג עצמו כמורה עברי וותיק וביקש ממנו המלצה, שתאפשר לו להתקבל לאחד מבתי-הספר של "תרבות". סקר אותו אהרון גיטליס מכף רגליו ועד קדקודו ושאל אותו לגילו, וכששמע מפי שחט שכבר עבר את גיל הארבעים, ענה לו בפשטות: מורה עברי שעבר את גיל ה-40 ונשאר שלם בגופו ולא נפגע בריאותיו (כפי שהעיד עליו מראהו), הרי זה מעיד עליו כמאה עדים, שאין הוא מורה ממש ואינו מוכשר, לפיכך, להוראה...

משה שחט נתקבל אז להוראה ב"תלמוד-תורה" בעיר (קובל). הגבאים של ת"ת היו מרוצים ממנו מאד. היה בעל-מרץ. קולו היה אדיר, מרעים, ואם כי היה מטיל אימה על התלמידים בגישתו המחמירה והקפדנית ובמקלו, בן-לווייתו התדירי, שהיה שמור אתו גם בכתה (לא חלילה שהוא פגע בו בילד אלא פשוט, שישמש לו מעין קמיע למשמעת...) היה סבלן בהוראה, לגמרי לא קפדן, והיה שונה עם התלמידים בלי ליאות בצוותא ובנימה, בה היה ממתיק ומשגר בפי התלמידים את הפסוקים מן התורה ומן ה"פסוק" (נ"ך), שהיה מבאר להם באר היטב ובדייקנות גמורה.

הוא היה פיקח, "ליטוואק" גמור, וכדרך ה"ליטוואקים" בעל "איפכא מסתברא". היה מבטל דעות מקובלות כעפרא דארעא, ובליגלוג גלוי. בוויכוח לא זז מדעתו כהוא זה. וכך גם בשדה ההוראה וחידושי לשון. היה "מייצר" ומחדש מלים ומונחים משלו, לפעמים בלי שחר. פעם שמעתי שהוא מסיח עם התלמידים על נסירת עצים. כשהוא משתמש במונח "שכלך". הבנתי שהוא מתכוון לכנת-עצים עשויה קורות עץ מעין רגליים צלובות, שהיתה משמשת משען לנסירת-עצים (בשפת המשנה: "חמור"). התעניינתי, מאין לקחת את ה"שכלך"? השיב שזהו חידוש-שפה משלו... מן הפסוק "שכל את ידיו" (אצל יעקב אבינו) - השכיל ו ה צ ל י ב אותן מדעת. ומכיוון שרגלי משען העצים גם-כך מצולבות, הרי לך "שכלך"... מאידך, היה ידען מופלג בלימודי יהדות, בר-אוריין, בקי ומצוי אצל המקורות. היה גם איש ישר ועשוי לבלי חת. היה פולט את האמת ישר לתוך עיני זולתו והיה נוזף בלי מורך, את מי שהוא חשב למעוול. היה הוגה דעות פילוסופיות על אנשים ותבל וניסה כוחו גם בספרות. פעם הראה לי קונטרס (ביידיש) שהדפיס מזמן בשם "טעם החיים" ("דער זין פון לעבן") ובו הביע דעות מקוריות משלו. היה גם נואם. בזמנו ערך מסע הרצאות בערים ובעיירות בליטא בבתי-כנסת ועשה נפשות לרעיון הציוני ולישוב ארץ-ישראל.

בשנה הראשונה להיותו בטריסק הוכרזה שם עצרת כללית של האוכלוסיה בבית-הכנסת לרגל יום-האזכרה לחללי-הפרעות שערכו קלגסי פטליורה ביהודים בעיירות והלין, במלחמם בבולשביקים. שחט נשא אז נאום על הקדושים. לא עברו רגעים מועטים וכל הנשים הנוכחות באספה סוטו את אפיהן בדמעות שליש לתוך סינוריהן ונתנו קולן בבכי, כבהזכרת נשמות ביום הכיפורים... בדברים נוקבים, כ"בעל-דרשן" רגיל ומנוסה, תאר את זוועות-האימים ואת הפחדים של מאורעות-הדמים שהתחוללו לעיני השמש, בעיירות, בהם מצאו את מותם הטראגי אלפי יהודים שנכרתו משורש חייהם על לא עוול בכפם; על הטרגדיה של עם ישראל כולו הנהרג על "קידוש-השם" לכל אורך הקוו כאורך הגלות ("עליך הורגנו כל היום"!) - קורות-דמים ממושכים של נוודים ונרדפים, ש"אין טעם למותם"!... מי יכול היה לנבא אז כי בקרוב ימים יגיעו ותתחולל שואה על ישראל, שמאורעות הדמיםהפטליוריים יהיו כאין וכאפס לעומתה. שואה - בה יימחה וירד לטמיון, בזדון שטני, שליש מבני עמנו...

משה שחט היה "גלוי-עינים" לראות דברים לטווח רחוק. לעתים היה מרמז על עצמו "איזהו חכם..." אך מי שם לב לדבריו של "ליטבאק" מתרברב?...

לייבל רייכנבוים הי"ד

ער איז נישט געווען קיין טריסקער געבוירענער געקומען נאך דער ערשטער וועלט-מלחמה פון ראהאטש. צוליב וואס פארלאזט די היים? וואס פלוצעם קיין טריסק? - דאס איז פארן שטעטל געבליבן אומבאוווסט. א רירעוודיק בחורל, מיט העלע האר, בלויע לייכטנדיקע אויגן, אפט מיט אן ארומגעבונדענעם האלדז צוליב עפעס א האלדזקראנקהייט - ער רעדט הייזעריק, ווי געשטערט אין אטעמען. דערפאר אבער רעדט ער פריי פויליש. ער האט אנגעהויבן געבן פריוואט פויליש-לעקציעס און דערפון געלעבט.

אין גיכן האט ער זיך ארייגעצויגן אין דעם קרייז פון די יידישיסטן און איז געווארן גנזעלשאפטלעך זייער טעטיק, געהאלפן אין אלץ. האט מיטגעשפילט אין דראמקרייז, כאטש די הייזעריקייט האט אים אפט געשטערט, שפעטער האט ער א געוויסע צייט געארבעט אין דער יידישער שול אלס פויליש-לערער.

אין עטלעכע יאר ארום האט ער חתונה געהאט מיט לאה באדמאן - דעםטריסקער חזנס רב זיסיעס אן אייניקל.

זיי האבן געהאט קינדער און - אומגעקומען צוזאמען מיט דער גאנצער טריסקער עדה.

לייבל רייכנבוים איז פארבליבן א געטרייער שולטוער ביז די לעצטע יארן.

א. לערער

[redacted]
לערערין עטקע ליובראניעצקי,
הי"ד [redacted]

עטקע ליובראניעצקי איז געווען א געבוירענע פון וולאצלאוועק ביי דער ווייסל, א טאכטער פון א טאטן א שוסטער, אפנים א פארמעגלעכער מענטש. זי האט געענדיקט א פוילישע גימנאזיע. ווייטער שטודירן האט זי נישט געקאנט. איר פאטערס מצב האט זיך פארערגערט, און זי האט געמוזט א טראכט טאן וועגן זארגן פאר זיך אליין. האט זי דורכגעמאכט א פעדאגאגישן קורס און זיך געווענדן צו דער ציש"א נאך ארבעט. אויב כ'האב קיין טעות נישט, איז ליובראניעצקיס ארבעט אין דער טריסקער שול געווען טאקע איר ערשטע לערערישע פראקטיק.

